STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02362

# NOVELN

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

# נאָוועלן

שלום אַש

# נאָוועלן

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1958

SZOLEM ASZ

# NOWELE

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ס פ אַ ר ד

Okładkę projektował: H. GLIKSZTOK

הילע געצייכנט: ה. ג ל י ק ש ט אָ ק

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2.500 egz. Ark. druk. 15,5. Ark. wyd. 13. Papier druk. sat. V kl. 70 g. 60 × 86. Druk ukończono w listopadzie 1958 r.
Druk. RSW „Prasa“, Warszawa, ul. Tarczyńska 8. Zam. 5771 — A-85

# די יאַטישע טאָכטער

אַ זומערדיקער פרייטיק נאָכמיטאָג. הײמלעך איז אין געסל, מען שפּירט שוין דעם שבת, וואָס קומט אָן פון פּלאָצקער טראַקט.

ר׳ משה גאָמבינערס ווייב, די ערשטע באַלעבאָסטע אין געסל, האָט שוין שבת געמאַכט. אָנגעטאָן אין אַ ווייסער שערץ און אין דער שבתדיקער הויב פון שפּיצן, זיצט זי אויף דער באַנק פאַר איר הויז. נעבן איר זיצן צוויי מיידלעך, אירע טעכטערלעך, אָפּגעוואַשענע, אויסגעקעמטע, די זיידן־שוואַרצע צעפּלעך פאַרשלייפט מיט ווייסע שלייפלעך, אָנגעטאָן אין קרעטאָנענע קליידלעך, ווייסע שערצלעך. זיי זיצן ביי דער מאַמען און קוקן רואיק אין געסל. קעגנאיבער זיצט פאַר דער טיר אויף דער באַנק ר׳ יוסף ראָזענקראַנצעס ווייב, די צווייטע באַלעבאָסטע אין געסל, מיט אירע טעכטערלעך — אויך שוין שבת געמאַכט. אין געסל, צווישן די צוויי בענק, שטייען די מענער, ר׳ משה און ר׳ יוסף, צוויי אַלטע באַלעבאַטים, שותּפים, אָקסן־הענדלער גרויסע. זייערע מלבושים זענען פאַרשטויבט פון וועג, די ווייסע בערד — איבער די ברוסטן, זיי שמועסן און פאַרפולן די וואָך מיט געשעפטס־זאַכן. דורכן געסל לויפט דורך מיט געאייל מרדכי שוסטער, מיט אַ פּאָר שטיוול אין אַ רויט שנופּ־טיכל אונטערן אָרעם — דאָס טראָגט ער אָפּ אַ באַלעבאָס אויף שבת. פאַרהאָרעוועטע ווייבער מיט פאַרמאַטערטע פּנימער און באַשמוצטע שערצן שטופּן זיך מיט איילעניש פאַר חנה־שרהס געוועלבל, כאַפּן ליכט, אַ פּעקל טיי, אַ פונט צוקער און לויפן אין די שטובן. פאַרביילויפנדיק פאַר די שבתדיקע באַלעבאָסטעס, וואָס זיצן פאַר די טירן, פאַרשעמען זיי זיך: נאָך נישט שבת געמאַכט!...

ווו דאָס געסל ענדיקט זיך, הייבט זיך אָן דער וועג, וואָס פאַרבלאָנדזשעט זיך ווייט אין דער וועלט אַריין: דער טראַקט קיין פּלאָצק. צוקומענדיק צום שטעטל, גייט דער וועג באַרג־אַרויף; אָט ווייזט זיך אַ וואָלקן־שטויב, איינציקווייז הייבן אָן קריכן שעפּסן אַרויס פון דעם וואָלקן, די געקרייזלטע

וואָל זייערע איז פאַרשטויבט. זיי גייען און קוקן זיך תמעוואַטע אין גאַס אַרום, דרייענדיק מיט די אָפּגעגאָלטע קעפּלעך. זיי באַגלייט אַ חברה קינדער: ייִנגעלעך קליינע, פּנימלעך פון פרייטיק מיטן „סטאַניק" פון יאַגאָדעם פאַרשמירט, די העמדעלעך וויזן זיך אין די הויזן־שפּאַלטן אַרויס, די ציצית שאָקלען זיך נאָך און פּאַטשן. מיט גדולה לויפן זיי נאָך די שעפּסעלעך. די סטאַדע קומט אָן פאַר ר' יוסף ראָזענקראַנצעס הויז. די שותפים גייען צו, כאַפּן אַ שעפּס מיטן שטעקן און טאַפּן אים. זיי רעדן צווישן זיך אַ ביסל. באַלד לאָזט מען די סטאַדע איינציקווייז אין טויער אַריין, און ר' משה מיטן גראָבן שטעקן אין דער האַנט, ציילט די שעפּסן, וואָס שפּאַרן זיך דורך דער קוים־געעפנטער פורטקע אין הויף אַריין.

באַלד קומט אָן צו לויפן פון ערגעץ־ווו אַ יידל, אַ מאָגערס, אַ קליינס. ער גיט אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער אין טיר און אַנטלויפט, ווערט פאַרשווונדן ווי אַ שאָטן... דער טעמפּיקער הילך פון האָלצערנעם האַמער לאָזט זיך הערן אין געסל, עס ווערט שטיל, די געוועלבלעך פאַרמאַכן זיך, אין די פענצטער ווייזן זיך ליכטלעך.

דער הימל — אַ פעלד אַ ברייטס, מיט ליכטיק־פאַרשטויבטע בייטן, און די זון לאָזט זיך אַראָפּ צום פלאָצקער טראַקט צו... אין געסל באַווייזט זיך שוין אַן אָפּגעוואַשענער ייד אין אַ שבתדיקער קאַפּאָטע. צוויי אָפּגעוואַשענע, שבתדיקע ייִנגעלעך, די סידורימלעך אין די הענט, גייען אים נאָך אין שול אַריין צו קבלת שבת.

ווידער באַווייזט זיך פון פלאָצקער טראַקט אַ גרויסער שטויב, וואָס קומט אָן מיט איילעניש, ווי ער וואָלט עפּעס אָנזאָגן דער גאַס.

באַלד הערט זיך אַ האַקן פון רעדער, אַ רעש מיט עזות. דער שטויב צעגייט זיך אויף אַלע פיר זייטן. און עס באַווייזט זיך אַ וואָגן אין דריי פערד אין דער ברייט געשפּאַנט. ער קומט אָן אין געסל מיט רעש. נאָך אים לאָזט זיך אַ צווייטער וואָגן, אין צוויי פערד געשפּאַנט, און אַ דריטער. מען קנאַלט מיט די בייטשן. די קנאַלן שלאָגן אין דער גאַס אָפּ, ווי אַ סיגנאַל, אַז מען איז אָנגעקומען אויף שבת. די וועגן שטעלן זיך אָפּ פאַר אַ לאַנג־אָפּגעווייסטן צוים, פאַר ר' יוספס הויז. פון ערשטן וואָגן שפּרינגט אַראָפּ פריער פאַר אַלע מאַטיס, אַ הויכער, ברייט־ביייניקער יונג, אָנגעטאָן אין אַ ברייטן ווייסן זומער־מאַנטל, אינגאַנצן פאַרשטויבט. ער נעמט אָן די פערד פאַר דער צוים, און פירט מיט זיי דעם וואָגן אין דעם טויער,

וואָס האָט זיך צוליב זיי ברייט אויפגעעפנט. די אַנדערע צוויי וועגן פאָרן נאָך און עס ווערט שטיל.

---

ניט לאַנג איז, זינט מאַטיס איז געווען אַ שמייסער ביי פוקסן, וואָס פלעגט פירן פון דער קוטנער באַן=סטאַציע נאַפט און זאַלץ, ווי אויך צושטעלן רוסישע עמיגראַנטן צו דער גרענעץ. אַלע האָבן געוווסט, אַז מאַטיס האָט שטיין ביי ר׳ משה גאָמבינער אַ פאָר שיינע הונדערט גילדן, וואָס ער האָט זיך איינציקווייז אָנגעזאַמלט. מאַטיס האָט געזאַמלט געלט און איז אַלץ ווייטער געווען שמייסער; געחברט זיך מיט חברים. אַמאָל אָבער, ווען ער איז מיט זיין באַלעבאָס אויפן ליטווישן מאַרק געווען, האָט ער דערזען אַ פאָר „חיות" ביי אַ פויער. זיי זענען אים געפעלן. און מאַטיס טראַכט נישט קיין סך, לויפט צו ר׳ משהן, כאַפּט אַ הונדערטער און קויפט די פערד. ער ברענגט די „חיות" קיין קוטנע, קויפט אַ וואָגן און ווערט באַלעבאָס פאַר זיך.

צוערשט קומט עס אָן שווערלעך. חברה פורמאַנעס ווילן אים נישט אין דער קאָמפּאַניע אַריינגעמען. מען סטראַשעט אים, אַז זיי וועלן אים די פערד פאַרסמען. מאַטיס לאָזט זיך נישט, נעמט אָן אַליין באַשטעלונגען — אַרבעט און באַהאַלט די פאָר גילדן.

עס גייט אַוועק אַ יאָר. מאַטיס איז שוין אַ סוחר פאַר זיך, כאַפּט אַ 25=ער פון דער האַנט ביים ערשטן באַלעבאָס. מאַטיסן געטרויעט מען. „אַ יונג, וואָס וויל אַ גראָשן פאַרדינען", רעדט מען וועגן אים. דאָס געשעפט גייט, די „ליטוואַקעס" שיטן זיך ווי מאָן. מאַטיס האָט שוין נאָך אַ וואָגן, ער נעמט צו אַ „גוטן ברודער", שלמה „מלאך" פאַר אַ שמייסער. צו מאַטיסן וויל מען גערן גיין. חברה האָט אים ליב — אַ „גוטער ברודער".

עסן עסט מען צוזאַמען ביי נאָטע גאָרקעבער. גאָלדעלע איז אַ וווּיל ווייבל... אַלע לעבן צוזאַמען, ווי געטרייע שותפים פירט מען זיך. מאַטיס טוט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין אָן חברה. און טאָמער טוט ער עפּעס אַ פעלער, אַז ער פאָרט אַליין אויפן מאַרק און שאַפט זיך איין „אַן עקשנותדיקן קאָזאַק" אָדער אַ „בלינדן לייב", וואָס איז שוין „לא קם" — בייזערט מען זיך אויף מאַטיסן:

— קוקט נאָר אָן דעם „סוחר"! אַ גאַנצער באַלעבאָס געוואָרן! פאָרט זיך אויף מערק און שאַפט זיך „העלדן" — בייזערט זיך אויף אים שלמה

מלאך, אַ הויכער דאַרער יונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען נאָך פון קינדהייט אָן, ווייל ער פלעגט אויף פליגן זאָגן: מלאכים.

— די שוואַרצע יאָר האָבן געקאָנט וויסן! „פּעוועגזלטער מלאך“, וואָס עס ליגט אים אונטער דער קאַפּאָטע — פאַרענטפערט זיך מאַטים אויף זיין לשון.

און מאַטים „מאַכט איינציקווייז די פּאָר גילדן“; ער באַהאַלט דאָס נישט פאַר זיינע חברים, מען ווייסט דאָס. אַ יונג גייט צו, גיט אים אַ טאַפּ פאַר דער גראָבער טאַש: „רויטע קאַרפּן־קעפּ“, האַ?... ביי ר' משהן האָט ער שטיין די פּאָר גילדן אָן אַ וועקסעלע, אָן אַ קוויטל. ער ווייסט נישט קיין חכמות, עס איז דאָך עפּעס ר' משה גאָמבינער, וואָס האַנדלט מיט די דייטשן אין די טויזנטער...

אין שטאָט רעדט מען פון אים: ער „פאַרמאָגט“... און חשובע באַ־לעבאַטים, „די אויפגעבלאָזענע טיטן“, ווי מ'פלעגט זיי רופן, קומען שוין צו אים „כאַפּן 25־ערם אוים דער האַנט“ אַ וועקסעלע צו צאָלן — מאַטים באָרגט; ער ווייזט, אַז ער האָט אויך די „קלינגערס“, נאָר ער בלאָזט נישט פון זיך.

שבת נאָכמיטאָג. מאַטים זיצט מיט דער חברה אויף דער באַנק פאַר ר' משה גאָמבינערס טיר און טשעפּעט די אויסגעצוואָגענע „טשאָלנטער“, די דינסטמיידן, וואָס גייען פאַרביי. די „אויפגעבלאָזענע טיטן“ דרייען זיך אין דער גאַס. אָנגעטאָן אין די שבתדיקע פיינע שניט־רעק, מיט די ווייסע באַלעבאַטישע קראַגנדלעך, פאַרלייגט די הענט — גייען זיי פאַמעלעך אי־בער דער גאַס, קומען אָן פאַר דער „באַנק“ און גיבן אַ פאַמעלעכן שאָקל מיטן קאָפּ צו מאַטיסן (מען דאַרף אַמאָל דעם הונט). מאַטים שאָקלט צוריק ערנסט און דרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט אַוועק, גיט אַ ממזרישן ווונק מיט די אויגן און זאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן — זייער אַ גראָב וואָרט.

---

די פערד אין די שטעלער געבראַכט, אָבראָק אין די קאָרעטעס איינ־געשיט, און פריש שטרוי אויסגעשפּרייט — האָט מען זיך צום וואַסער, וואָס גייט נאָך דעם שטאַל, אַראָפּגעלאָזט. צוריקקומענדיק פון וואַסער, האָט מען זיך אין בית־המדרש אַריין געאיילט אין די וואָכעדיקע מלבושים, ווי מען גייט און שטייט; און פון בית־המדרש — צו נאָטע גאָרקעבער — „דאָס האַרץ אונטערלענען זיך“.

און אַ פֿרײַטיק־צונאַכטס איז דעמאָלט געווען — גאָט און לײַט ליב. אַ זומערדיקע נאַכט. עס איז נאָך ליכטיק, די זון בענקט נאָך צוריקצוקומען, די שטערן, טיף אין הימל, הענגען נאָר אַראָפּצופֿאַלן, שבתדיקע ליכטלעך שײַנען פֿון די פֿענצטער, זמירות־געזאַנג הערט זיך אין געסל, עס קנאַקט... פֿאַר טירן און טויערן זיצן באַלעבאַטים, באַלעבאָסטעס. אין געסל, אַראָפּ צו דער „בריק“, שפּאַצירן „יונגע קינדער“: מיידלעך, בחורים, דאָרט ווײַט אין די נאַכט... אַ ווינטל בלאָזט לײַכט, ליב אויף די הערצער...

אין געסל אין אַ זײַט שפּאַצירן מאַטיס מיט ר׳ יוחנן שדכן. ר׳ יוחנן שדכן, אַן עלטערער מענטש, אַ חסיד, אַ באַוווּסטער אײַנגייער אין אַלע „בכבודיקע הײַזער“, גייט פּאַמעלעך, רעדט שטיל, מיט נחת, ווי קוועלנדיק פֿון זיך זעלבסט; און מאַטיס, שטיל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ קינד, ווען מען זאָגט אים מוסר, גייט אים נאָך און באַמיט זיך נישט צו מאַכן קיין פֿלינקע טריט.

— עס איז נישט אַזוי, מאַטיס! נישט אַזוי פֿירט זיך די וועלט. אַ מענטש האָט שײַן פּרנסה, גאָט צו דאַנקען... האָט זײַנע פּאָר הונדערט רובל... אַן אַנדער אויף דײַן אָרט, פֿאַרשטייסטו — וואָס טויג דיר די חבֿרה? ווער זענען זיי? שמייסער־יונגען! דײַן גלײַכן? ביסט דאָך שוין, זאָל מען זיך נישט גענאַרן, אַ מענטש אין די יאָרן. דאָס גאַנצע לעבן אָפּ־לעבן אין שטאַל? וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט מען אין לײַטנס אויגן?

— לײַטן? איך שפּײַ אויף זיי. וועמען דאַרף איך דען? זיי קומען צו מיר באָרגן געלט... איר ווייסט...

— טאַקע איבער דעם. מען איז נישט אַ ליאַדע ווער פֿון דער גאַס אַראָפּ... אייגענע פּאָר הונדערט רובל... אַ יונג ווי דו, שײַן פּרנסה, אַן אָרנטלעכער מענטש — וועמען האָסטו שלעכטס געטאָן? און ווי קומסטו אין שטאַל, אָדער מיט דער חבֿרה פֿאַרן שטאַל? אַזאַ יונגער מענטש ווי דו, ווייס איך? סטאַרעט זיך, ווייס איך וואָס, אַרײַנצוקומען אין אַן אָרנטלעכער הויז, צו חברן זיך מיט אָרנטלעכע מענטשן.

— איך האָב זיי אין דער ערד! וועמענס דאַרף איך דען, פֿרעג איך אײַך, זאָגט מיר, וועמענס?

— זעסטו — דערנידערט ר׳ יוחנן זײַן טאָן — נישט אַזוי פֿירט זיך די וועלט. אַ מענטש ווי דו, קודם־כל, פֿאַרשטייסטו מיך, איך מיין דיר, חלילה, נישט מוסר צו זאָגן. איך בין נישט דײַן טאַטע, נישט דײַן גואל. נאָר גלאַט, מענטשלעך זאָג איך עס דיר, וואָס וועט דער סוף זײַן פֿון דיר? אַ יונגער מענטש ווי דו, האָט זיך זײַן פּרנסה, אַ שיינע פּאָר

הונדערט רובל, נעבעטיקט אין שטאָל! כל הימים אין שטאָל קאָן מען נישט זיין, א מענטש מוז קלערן אויף א תכלית, אמאָל א קלער צו טאָן, אז מען דאַרף דאָך אמאָל א שידוך צו טאָן... וואָס? נישט צייט?

מאַטיס האָט שטיל געשוויגן.

— זעסטו, אַ יונגער מענטש ווי דו — איז ר' יוחנן ברייטער אַרויס — האָט זיך זיין פּרנסה, זיינע פּאָר הונדערט רובל, קומט ארויס פון א גאַנץ שיינער משפּחה, אזא יאָר אויף מיר, איך האָב דאָך גוט דיין טאַטן, עליו־השלום, געקענט. ר' זעליג. אן אָרנטלעכער מענטש. איז זיך געגאַנגען זיין וועג. געפאָרן, געטראָפן אן אָרעמען, אויפן וואָגן אים אויפ־גענומען, ווי ווייט געקאָנט — אן אורח אויף שבת אהיימגענומען, ווייס איך? איך בין דאָך א מענטש, וואָס קומט אריין אין פארשידענע הייזער, קען אַ וועלט מיט מענטשן, פאַר וואָס דען נישט? טאָמער מאַכט זיך אמאָל א גלייכער שידוך, וואָס? נישט אזא מענטש ווי אן אנדערער? מיט א באַלעבאַטיש קינד... אז מען פירט זיך אָרנטלעך...

— איך האָב דען וואָס געגנבעט, געהרגעט וואָס?

— נישט דאָס מיין איך, פארשטייסט דו מיך, ביסט דאָך נישט קיין קינד! אַ מענטש ווי דו, דאַרף זיך פירן אָרנטלעך, חברן זיך מיט אָרנט־לעכע מענטשן, נישט מיט קיין שמייסער־יונגען! ווער זענען זיי? לאָבע־זעס, מיט דער גאַנצער וועלט צו טאָן...

— איר מיינט טאַקע, איך חבר זיך מיט זיי? גאָרנישט, ווייס איך, גלאַט אזוי...

— אָט האָב איך היינט ביים דאַווענען ערשט מיט ר' יעקב גאָלד־מאַן גערעדט וועגן דיר: ר' יעקב זאָגט אויך דאָס אייגענע: אַן אָרנטלע־כער יונג, האָט זיך שיין פּרנסה, ער וויל ארבעטן, זיינע פּאָר גילדן

— — —

מאַטיס האָט שטיל געשוויגן.

— ווייס איך וואָס עס קאָן זיך מאַכן? פאַרוואָס דען נישט? עס קאָן אַלץ מעגלעך זיין. ר' יעקב זוכט נישט קיין וויל־לערנער, קיין בעל־יחוס, ער זוכט זיך אן איידעם... פאַר זיין רחלע, א בעל־פּרנסה, און פאַרוואָס דען נישט? איך בין דאָרט א בן־בית! א גאַנצער דאָרטיקער.

א ווארעמקייט האָט מאַטיסעס ברוסט אָנגעפילט. און מיט שטילע טריט, מיט דרך־ארץ איז ער ר' יוחנן נאָכגעגאַנגען.

און אהיימקומענדיק אויף דער נאַכט האָט ער זיך רואיק ביים פענצ־טער אנידערגעזעצט און געקוקט אין הימל אריין.

ר׳ יוחנן׳ס שמועס איז געווען דער ערשטער סוד, וואָס ער האָט פון זיינע חברים פאַרבאָרגן.

---

הינטער דעם געסל ציט זיך דאָס פעלד. א גאַנצע וואָך פאַשען זיך דאָרט די שטאָט־בהמות. שבת פירן די באַלעגאָלעס די פערד אויפן פעלד. עס ליגט זיך אַ באַלעגאָלע אויסגעצויגן אויפן בויך. נעבן אים זיצט דאָס ווייב און די קינדערלעך, און דאָס פערד פאַשעט זיך פון דערווייטן, אָנגעבונדן מיט אַ לאַנגן שטריק צום שטיק האָלץ, וואָס איז אַריינגע־האַקט אין דער ערד. די שטאָט־יונגען שפּילן „פאַלעגט״: מען קלאַפּט מיטן „פאַלען״ אין דעם „באַלעם״, און מען לויפט ביז צו דער „מעטע״. קלענערע יונגען שפּילן אין זעלנער. אויף א בערגל זיצט א קופּע ווייבער, און איינע לעזט פון דער „צאינה־וראינה״. איר וויינענדיק קול שלאָגט זיך אָפּ אין וואסער פון דערווייטן.

ביים וואסער ליגן מאָטיסעס חברים. זיי האַלטן די פערד פאַר די שטריק, און שמועסן פון „משאָלגטער״. א ביסל ווייטער, נעבן דעם מילעכל, ליגט מאָטיס איינער אליין, און פאַשעט זיך זיין „בולאַן״. ער ליגט און קוקט אין וואסער אריין, ווו די וועלן לויפן. פון דערווייטן הערט זיך, ווי דאָס וואסער שאָרכט אויף דעם „ראָד״ פון מילעכל. פון דאָרט זעט זיך די בריק. עס שפּאַצירן באַלעבאַטישע טעכטער און בחורים... מאָטיס ליגט און האָרכט זיך איין צו דעם וואסער־גערויש. דאָס וואסער־מילעכל פּאַטשט מיט די רעדער, ראַש, ראַש. דאָס וואסער, שטראָמענ־דיק מיט א געבייזער, רינט פון דער הויך אין טאָל אראָפּ, פאַלט אויף די רעדער, די רעדער פּאַטשן מיט עזות צוריק... און מאָטיס ליגט און קוקט ווייט, דאָרט צו דער בריק אריבער.

אָט שפּאַצירט זי, רחלע, ר׳ יעקב גאָלדמאַנס טאָכטער, מיט די חבר־טאָרינס. זיי גייען רואיק, געלאַסן. און איר לאַנג קלייד שלעפּט זיך איר נאָך. אָט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און קוקן אין וואסער אריין. ער זעט איר געזיכט, זי איז אזוי שיין און רואיק, אזוי איידל. א באַלעבאַטיש קינד. איר פּנים מיט איר לאַנג קלייד שפּיגלען זיך אוודאי אָפּ אין וואַ־סער, און אָט האָט־זי זיך אומגעדרייט, און גייט ווייטער, און ווערט פאַר־שוווּנדן.

מאָטיס זיצט און קוקט אין וואַסער אַריין.

זי וועט זיין זיין כלה. יום־טוב וועט מען אים פאַרבעטן צום מחותן צו גאַסט. ער וועט איר א פּאָר גאָלדענע אויערינגלעך געבן. זי וועט נעמען און דאנקען, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ... ער וועט מיטן מחותן אין שול גיין דאַווענען, דער מחותן וועט אים מכבד זיין מיט מפטיר, ער וועט מיטן מחותן פון שול איבער דער גאַנצער גאַס גיין. מען וועט זיי נאָכ־קוקן... ר' יעקב גאָלדמאַן מיטן חתן גייען...

און ער קוקט אין וואסער אריין. דאָס ראָד פּאַטשט די וועלן, דאָס וואסער רוישט.

באַלד פארשעמט ער זיך פאר זיך זעלבסט. ער הייבט זיך אויף, נעמט אָן דאָס פערד ביים שטריק און פירט עס אהיים. פארבייגייענדיק פאר די יונגען, זאָגט ער: קומט, חברה! מען נעמט די פערד פאר די שטריק און מען גייט. מאָטים מיט זיין בולאַן פאָרויס, חברה נאָך אים. אין געסל איז שטיל. פון אן אָפן פענצטער הערט זיך „תורה": א ייד זיצט ערגעץ־ווו און לערנט, און דאָס קול, דאָס ליד פון שבת, שפּאַ־צירט מיט רואיקייט איבערן געסל. מאָטים האַלט דעם שטריק און פאַר־שעמט זיך פאר זיך אליין: א ייד זיצט אין לערנט און ער פירט א פערד אין גאַס.

מען האָט שוין די פערד אין די שטעלער געבראַכט, און מען קומט צוריק. און מען זעצט זיך פאר ר' משה גאָמבינערס טיר. אין געסל ווערט היימלעכער. מיידלעך שפּאַצירן. פון די אָפענע פענצטער הערן זיך קו־לות, יידן זענען מעביר די סדרה. א גאַנצע חברה באַלעגאָלעס זעצט זיך פאר ר' משהס טיר, די באַנק איז עפּעס „מסוגל" צו דעם...

„קאַמיזע" (א געשטופּלטער, אָפּגעברענטער יונג, וואָס וואַלגערט זיך אין די שטאַלן ארום) שטייט פארן ביימל. חברה ציען אים דעם הוט איבער די אויגן און לאַכן. אָט שפּאַצירט א מיידל איבער דער גאַס; חברה שיקן צו „קאַמיזען". ער נעמט זי אונטערן אָרעם. דאָס מיידל רייסט זיך פון אים, זי ווערט רויט, פארשעמט, און חברה־לייט לאַכן, זאָגן גלייכווערטלעך.

עס הערט זיך ר' משה גאָמבינערס קול (ער איז מעביר די סדרה), און זיין זון, דעם בחורס, גמרא־ניגון. די קולות קלינגען אָפּ אין געסל, און חברה־לייט אויף דער באַנק זיצן און לאַכן.

רחלע מיט די חברטאָרינס גייען צוריק פון דער בריק; פּאַמעלעך, מיט דרך־ארץ גייען זיי איבער דער גאַס. רחלע — אין מיטן. זי איז די חענ־סטע פון אלע. גייט אָנגעטאָן אין א לאַנג קאַרטאָנען קלייד, אונטן צוויי

בלאָנדע לאַנגע צעפּ, מיט בלויע זיידענע בענדער פאַרקניפּט. זי גייט זיך רואיק און פאַרציילט עפּעס רואיק די חברטאָרינס. די חברה ווינקען צו „קאַמיזען“, ער זאָל צוגיין. „קאַמיזע“ קוקט פון דערווייטן, איבערלייגט זיך און קאָן נישט מעיז=פּנים זיין... דאָך, שטייענדיק פון דערווייטן, „בילט“ ער עפּעס אהין צו די מיידלעך. די מיידלעך — נישט זיי מיינט מען — גייען זיך רואיק, מיט דרך=ארץ. רחלע שאָקלט לייכט מיט איר שיינעם קאָפּ צו ר׳ משהס פענצטער. גוט שבת! באַלד נעמט זי צוריק דעם קאָפּ און פאַרציילט עפּעס ווייטער, גלייכגילטיק, פּאַמעלעך און רואיק.

— קוקט אָן דעם „יאַטיש“ (די באַלעבאַטישע טאָכטער) — זאָגט א יונג פון דער חברה.

זי הערט נישט, גייט זיך ווייטער רואיק, מיט דרך=ארץ.

— א כאָלערע אין אירע ביינער! מיט וואָס פאר א גאווה דאָס גייט, ווי זי וואָלט ראָטשילדס טאָכטער זיין! אויך מיר א מענטש — יעקב גאָלדמאַנס טאָכטער.

— דער „אויפגעבלאָזענער טיט“ — ענטפערט אַ צווייטער: ער וועט דאָך באַלד צו דיר קומען א 25=קער באָרגן — וועגדט ער זיך צו מאַטיסן, וואָס איז געזעסן אין א זייט און גאָרנישט גערעדט.

מאַטיס הייבט זיך אויף, לאָזט די חברה זיצן, און גייט אהיים, טוט זיך איבער דאָס נייע פסחדיקע פּאָר, און גייט צוריק אין גאס אריין.

אז ער איז דורכגעגאַנגען פאר דער „באַנק“, האָט ער געוואָרפן א שעמעוודיקן בליק אויף דער חברה, וואָס האָבן אים, אָנגעטאָן אין די וואָכעדיקע מלבושים, נידעריק און וואָכעדיק אויסגעזען.

— „לא קם“ — גיט שלמה מלאך א ווינק צו אים מיט אן אויג.

— די פיש פאנגען זיך! — זאָגט א צווייטער יונג פון דער חברה.

מאַטיס בייגט דעם קאָפּ אראָפּ, קוקט אויף זיין קאָסטיום, וואָס האָט איצט געפונען חן אין זיינע אויגן, און שאָקלט פאַרשעמט מיטן קאָפּ.

איבערגעקומען די באַנק, איז ער שוין פּאַמעלעך, מיט דרך=ארץ איבער דער גאַס געגאַנגען, און צו יעדן אָרנטלעכן באַלעבאָס, וואָס ער האָט אין פענצטער געזען, אריינגעשאָקלט „גוט שבת“.

באַלד איז ער צו צו ר׳ יעקב גאָלדמאַנס הויז. פאר דער טיר, אויף שטולן, זענען געזעסן: ר׳ יעקבס ווייב, אין א זיידענעם טוך ארומגעהילט, און האַלב=צומאַכנדיק די אויגן, פון „דערהייך“ אין דער גאַס אראָפּ געקוקט. נעבן איר — רחלע מיט אירע חברטאָרינס. און אין פענצטער

זענען געשטאַנען: ר׳ יעקב גאָלדמאַן אין קאַפּ, און ר׳ יוחנן שדכן, און האָבן עפּעס שטיל גערעדט.

מיט האַרץ־קלאַפּן האָט מאַטיס שטיל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: גוט שבת! און געשראָקן זיך, צי האָט ער נישט עפּעס קאַליע געמאַכט...

— גוט שבת, גוט יאָר! — האָט אים ר׳ יוחנן מיט זיין הויך תקיפדיק קול אָפּגעענטפערט.

---

געוועזן איז עס אין א שיינעם שבת נאָכמיטאָג. אין דער גרויסער שטוב ביי ר׳ יעקב גאָלדמאַן איז אויפגערוימט, יום־טובדיק. די גאַרדינען זענען מיט בלויע בענדער פאַרצויגן, אזוי, אז דער שפּיגל, פון צווישן די צוויי פענצטער, איז כמעט האַלב פאַרשטעלט. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט וולוטשקענע בילדער, אויף קאַנווע אויסגענייט — רחלס אַרבעט. פון שויבן־שענקל פינקלען צוויי זילבערנע לייכטער ארויס. זילבערנע לעפל, גאָפּל און מעסער, פּאָרצעלייענע טעלער, גלעזערנע קלאָשן... און דאָס אלץ וואַרפט אן אריסטאָקראַטישן גלאַנץ איבער דער שטוב. אויבנאָן — ביי דעם וויים־געדעקטן טיש, זיצט ר׳ יעקב אין שלאָפראָק און קאַפּל, די ברילן אויף דער נאָז און די עטלעכע ווייסע האָר פון דער באָרד ציטערן אריסטאָקראַטיש אויף דער ברוסט, איבער דעם וויסן, באַלעבאַטישן קראַגן מיט דעם שוואַרצן שניפּסל. ארום טיש — ר׳ יעקבס זין מיט די איידעמס, אלע אין פיינע, גלאַנצנדיקע שניט־רעק, ווייסע באַלעבאַטישע קראַגן, קליינע, שוואַרץ־סאַמעטענע הימלעך, אויף די זיידענע וועסטן גלאַנצן די גילדענע קייטן. פון דער צווייטער זייט טיש זיצן ר׳ יעקבס ווייב מיט די טעכטער און שנירן, אין זיידענע קליידער. פון די ווייסע העלדזער גלאַנצט דאָס צירונג אראָפּ. די אויגן קוקן מיט דרך־ארץ אויף דעם טאַטן און שווער. און מען וואַרט מיט רעספּעקט אויף דעם וואָרט, וואָס וועט פון זיינע ליפּן ארויס. יעדעס וואָרט, וואָס א קינד זאָגט, איז „אָפּגעוויגן און אָפּגעמאָסטן", יעדע באַוועגונג — לייכט און איידל, ווי „אויסשטודירט". אין מיטן די זין איז מאַטיס געזעסן, אָנגעטאָן אין א נייעם לאַנגן ראָק. און זיין רויט אָפּגעברענט געזיכט, וואָס מען האָט דערקענט, אַז עס איז געוועזן געוואַשן; זיינע גראָבע רויטע הענט, וואָס זענען משונה מאָדנע אויף זיין ברוסט געוועזן פאַרוואָרפן — האָבן נישט געשטימט, נישט מיט דעם שיינעם ראָק, וואָס ער האָט געטראָגן

און נישט מיט דעם אַלעם, וואָס איז געווען אַרום טיש... ער איז געזעסן שטיל. ער האָט מורא געהאַט אפילו עפּעס צו טראַכטן, צו באַוועגן מיט אַן אבר, און האָט מיט גרויס דרך־ארץ אויף איין פּונקט געקוקט. זיינע פינקלדיקע אויגן, וואָס האָבן מורא געהאַט זיך צו רירן, און פון איין זייט, זיין אימה אויסגעזאָגט, האָבן אויך צו וויסן געגעבן, אַז ער איז אימשטאַנד איצט דעם קלענסטן פון דאנען מיט דרך־ארץ צו פאָלגן אַליץ, וואָס ער וועט אים הייסן טאָן. רחלע איז געזעסן קעגנאיבער, אָנגעטאָן אין א נייע גרין קלייד. איר קאָפּ האָט זי געהאַלטן אראָפּגעלאָזט צו דער ברוסט, האַלב טרויעריק און האַלב שטאָליץ...

אַלע ארום זענען שטיל געזעסן.

די „באַיאָרטע פרוי“, וואָס איז די גאנצע צייט ביים טיש נעבן מאַן געזעסן און האָט אים אין מויל געקוקט, האָט זיך פון איר אָרט ערהויבן, און האָט דערלאַנגט, פון דער שאַנק ארויס, א געשליפענע קאַרפינקע מיט רויטן ווישניאק. ערשט דאַן האָט זיך אויך רחלע פון איר אָרט אויפגעהויבן. דאָס נייע קלייד האָט איר נאָכגעשאָרכט, און זי האָט צום טיש דיניטשקע, איידעלע גלעזלעך דערלאַנגט. זי האָט די גלעזלעך אויסגעשטעלט, איינגעגאָסן: איידל, פאַמעלעך. קיינער האָט נישט געטרונקען, אַלע האָבן געוואַרט אויפן אַלטן. דער אַלטער האָט זיך פון אָרט ערהויבן, דעם עלטסטן זון דערלאַנגט די האַנט, זאָגנדיק „לחיים“! דערנאָך האָט ער דערלאַנגט מאַטיסן די האַנט. מאַטיס האָט זיך אויסגעגלייכט. דער אלטער האָט אים פעסט די האַנט געדריקט, און דערנאָך מיטן קאָפּ צו די פרויען געשאָקלט. און די העלפט פון גלעזל אויסגעטרונקען.

די קינדער האָבן אויך אָנגעקלאַפּט די גלעזלעך.

מאַטיס איז זייער רויט געווען און האָט זיך געלאָזט שטאַרק בעטן. רחלע האָט צו אים געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט צו אים, נעענטער צורוקנדיק דאָס גלעזל: טרינקט! מיט א טאָן, ווי איינער זאָגט: „מען וועט אים שוין אויסלערנען“. מאַטיס האָט שוואַך מיטן זיין דיקער האַנט דאָס גלעזל צו די ליפּן גענומען. א שוויים האָט זיך אויף זיין שטערן באַוויזן, און קוקנדיק א מינוט ווי פארשעמט אין א זייט, האָט ער מאָדנע דין די ליפּן פארקרימט און זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט.

רחלע איז געזעסן די גאַנצע צייט און האָט מיט א האַלב־טרויעריקער מינע אויף איר גלעזל ווישניאק, וואָס איז פאר איר געשטאַנען, געקוקט און האָט קוים מיט אירע דינע, ווייכע ליפּן עס באַרירט.

— וואָס הערט מען עפּעס נייעס? — האָט דער אלטער דעם עלטסטן זון געפרעגט.

און שמיל און יום־טובדיק האָבן אַלע אויסגעהאָרכט, ווי דער עלטע־רער זון, מאָטעלע, האָט מיט דרך־ארץ פארציילט די „פּאָליטיק" פון דער „הצפירה". און ר' יעקב גאָלדמאַן איז געזעסן אין קאָפּ און, צומאַכנדיק איין אויג, מיט קאָפּ אויסגעהאָרכט, וואָס דער זון פארציילט. און געדאַכט האָט זיך, אז עס איז געגוג, אז דער אלטער זאָל דאָס צווייטע אויג צו־מאַכן, און דאָס ערשטע זאָל זיך אויפעפענען, כדי די גאַנצע „פּאָליטיק" מיט די פיס אין דער הייך איבערקערן.

---

און א חתונה איז געווען, ווער מיר גוטס גינט. דאָס געסל האָט גע־לעבט, קינד און קייט האָט זיך געפרייט; ר' משה גאָמבינער איז געווען דער „עומד" פון חתנס צד, און דער חתן אליין איז עפּעס אײדעלער, פיי־נער געוואָרן.

— א וואונדער עפּעס — האָבן די ווייבער גערעדט.

— אַז מען קומט אַריין אין אַזאַ משפחה!

— נו, רחלע וועט אים שוין פאר א לייט מאכן.

און איינגענומען האָט אים רחלע מיט גוטן. פון דער הייך, האַלב־ברוגזדיק, האַלב מיט א גוט געלעכטערל. אז מאַטיס האָט מיט וועם גע־רעדט און זי איז דערביי געווען, האָט ער איר אין די אויגן געקוקט, ווי פרעגנדיק, צי זאָגט ער נישט עפּעס גראָבס.

און טיילמאָל, אז מאַטיס האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט עפּעס א נישט־פּאַסעדיק וואָרט, האָט זי אים אין דער צווייטער שטוב אריינגערופן און, אָננעמענדיק אים ביים קנאָפּ פון פּאַלטן, אזוי געזאָגט:

„זעסט, מאַטיס, עס פּאַסט נישט! ביי לייטן אין „געזעלשאַפט" דאַרף מען זיך מער „אָנשטענדיק" צו האַלטן. מען דאַרף באַטראַכטן יעדעס וואָרט, וואָס מען וויל זאָגן. וואָרום, זעסטו, מאַטיס, עס איז דאָך נישט שיין צו זאָגן עפּעס נישט פּאַסנדיקעס אין געזעלשאַפט. פאַרשטייסט דאָך אליין..."

די הויך „דייטשע" ווערטער: „געזעלשאַפט", „אָנשטענדיק", וואָס האָבן זיך זייער איידל פון רחלעס מויל ארויסגעגלימשט, האָב אויף אים

א ליבע שרעק געוואָרפן, און ווי א קליין קינד האָט ער זיין פעלער דער־קענט.

שיין איז געווען צו זען שבת נאָכן דאווענען, ווען ר׳ יעקב גאָלדמאַן מיט מאַטיסן גייען פון שול אהיים: ר׳ יעקבס אן איינקל טראָגט זיי די טליתים נאָך. פון פענצטער קוקט ר׳ ישכר וויינשטיין אַרויס. דער שווער מיטן איידעם שאָקלען אין פענצטער אריין: גוט שבת.

— וואָס דען? אונדזערע קינדער ווערן לייט? מ׳שטייגט געזאָגט! — קרעכצט איין יידענע צו דער צווייטער, שטייענדיק פאַר דער טיר און נאָכ־קוקנדיק דעם שווער מיטן איידעם.

— דאָס האַרץ קוועלט פאר נחת, אוי, אוי, געכאָ, זיין מאַמע, האָט געדאַרפט פון קבר אויפשטיין און זען איר מאַטיסן.

— אָרעמעלייט, נעבעך, שטאַרבן אָפּ און זענען אפילו נישט זוכה צו זען א שטיקל נחת ביי א קינד.

און מאַטיס איז שוין געוואָרן אין דער „משפחה" אריינגענומען, ביים טיש זיצט ער שוין נישט מיט האַרץ־קלאַפּן, ווארפט אפילו אַמאָל אויך א וואָרט אין שמועס אריין.

אונדזער מאַטיס וועט זיך אויסאַרבעטן! נישט אַזוי שלעכט, ווי גע־מיינט — זאָגט ר׳ יעקב צום עלטערן זון מאָטעלע.

— ער האָט אָפּטמאָל גאַנץ גוטע איינפאַלן — העלפט דער זון דעם פאָטער צו.

שבת. ער זיצט ביים שווער גלייך מיט אלע און שמועסט. רחלע דרייט זיך אין זיידענעם שלאָפראָק ארום, די גאָלדענע קייט מיט דער „קאָליע" אויפן האַלדז: דאָס בלייכע איידעלע פנים לייכט פון אונטער דעם האָריקן שייטל ארויס, און אויף די דינינקע ליפן ליגט אויסגעגאָסן א ליבער, זיסער שמייכל.

פאַר דער טיר, אויף דער באַנק, זיצן חברה, אַמאָליקע מאַטיסעס חב־רים און וואַיווען ארום, און רעדן „עזותקייטן". און יעדעס מאָל, ווען עמעצנס גראָב קול לאָזט זיך הערן אין שטוב, ווערט מאַטיס רויט, און דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים: ער האָט מורא, עס זאָל זיך א יונג נישט ארויסכאַפּן מיט זייער א גראָב וואָרט...

---

ער ווייסט נישט ווי און ווען דאָס איז געוואָרן, נאָר די אמאָליקע חברים האָבן אים אויפגעהערט צו זאָגן „דו".

— זאָל מאַטיס אזוי גוט זיין געבן אויף א האַלבער קערץ האָבער — זאָגט צו אים שלמה מלאך, שטייענדיק אין קיך ביי דער טיר.

רחלע קומט פון דער צווייטער שטוב ארויס און באַוועגט לייכט מיטן קאָפּ. שלמה מלאך וויל איר גוט מאָרגן זאָגן, נאָר ער שרעקט זיך...

— ווען הייבט מאַטיס... דער בעל־הבית... איינשפּאַנען?

רחלע ענטפערט אים פונדערווייטנס, ווי איר וואָלט נישט געפּאַסט צו שטיין נעבן אים:

— דער באַלעבאָס וועט שוין שפּעטער צו וויסן געבן.

מאַטיס קוקט אויף איר. ווי לייכט די ווערטער שוועבן איר פון מויל, און גייט איר נאָך אין דער צווייטער שטוב אריין.

שלמה מלאך גייט צו די חברים אין שטאַל אריין.

די פערד שטייען באַהאַלטנדיק די קעפּ אין דער פינצטער... אונטער יעדן איז פריש שטרוי אויסגעשפּרייט, א וואַרעמער פערד־גערוך טראָגט זיך פון זייערע צעהיצטע קערפּער ארויס, אויף גרויסע הויפן שטרוי ליגן חברה אויסגעצויגן און שמועסן.

— די יאַטישע טאָכטער האָט דאָך צו מיר גערעדט! — זאָגט שלמה מלאך צו די חברים אָנקומענדיק.

— א רוח איר אין די זייטן! איך וואָלט איר אין פּרצוף געשפּיגן, ווען זי וואָלט זיך צו מיר מיט א וואָרט אָנגערופן.

— איך לאָקער נאָך אויף איר! וועל איך איר אמאָל געבן אין מאַטן אריין, וועט איר ליכטיק אין די אויגן ווערן.

— שווייגט, אָט רידערט זי מיט אן אבר. זי גייט. די „יאַטישע".

פון הויף קומט רחלע אָן. זי גייט זיך פּאַמעלעך, אזוי ווי זי וואָלט מורא האָבן איר פוס אויף די האַרטע שטיינער צו שטעלן. דאָס לייכטע טיכל ציטערט איבער אירע אקסל. א ווינטל בלאָזט און פאַרוואַרפט איר אייניקע טראָלבן פון טיכל איבערן פּנים. זי באַוועגט לייכט מיט דער האַנט און מאַכט זיך גלייך די האָר פון קאָפּ.

זי קומט אָן פאַרן שטאַל.

אָן צו וויסן, האָבן זיך חברה אויפגעכאַפּט, גלייך געשטעלט און „גוט־מאָרגן" געזאָגט.

זי האָט לייכט מיט דעם קאָפּ אָפּגעענטפערט.

— מיינע ליבע, ווער פון אייך פאָרט מיט מיטן העד נאָך ליענטשיץ אויפן מאַרק?

— איך, באַלעבאָסטע! — האָט שלמה מלאך אָפּגעענטפערט, זיך גלייך מאַכנדיק דעם הוט אויפן קאָפּ.

— מיין פריינד, וועסט אזוי גוט זיין מיר פון מאַרק א גוטע אינ־דיטשקע מיטברענגען. וועסט דערמאָנען דעם הער, וועט ער דיר געלט געבן...

— גוט, באַלעבאָסטע! — האָט ער אָפּגעענטפערט.

און ווען זי האָט זיך אומגעדרייט אוועקצוגיין, האָט זי לייכט איר קאָפּ צוריקגעוואָרפן און געזאָגט:

— א פעטע זאָלסטו אויסקלייבן. הערסט, שלמה?

— יאָ, באַלעבאָסטע.

— ווי דאָס רעדט! וואָס פאר א פיסקל דאָס האָט! — זאָגט שלמה מלאך צו דער חברה, ווען זי איז שוין אוועקגעגאַנגען — אזוי לייכט שיטן זיך איר די ווערטער, אַזוי ממזריש — אַ רוח אין איר טאַטן!

און עפּעס אָן צו וויסן אליין, האָט ער זיך געסטאַרעט די בעסטע פּאָר פערד פון שטאַל אויסצוקלויבן און פלינק די פור איינצושפּאַנען. און מיט א קנאַל פון דער בייטש איז ער פאר דער טיר אפויר געפאָרן.

נאָך דעם שמועס מיט דער באַלעבאָסטע האָט ער זיך געפילט עפּעס מער היימיש, און איז אין דער קיך אריינגעקומען, אָן א תירוץ צו האָבן, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקאָנט טאָן...

דערזען אָבער רחלען אין דער קיך, איז ער פּלוצלינג שטיין געבליבן. „וואָס טו איך דאָ?“, האָט ער זיך געפרעגט. און שטייענדיק פונדערווייטן ביי דער טיר, האָט ער געשטאַמלט: — דער באַלעבאָס וועט באַלד ארויס־קומען?

זי האָט אים נישט געענטפערט. און שלמה מלאך איז באַלד אַרויס פון קיך.

---

פון דער חתונה אָן האָט מאַטיס נישט געוואָלט פאָרן מיט שלמה מלאך „סאַם נאַ סאַם“. נישט געשעמט זיך, יאָ געשעמט זיך, עס איז דאָך נאַרישקייטן, נאָר גלאַט אַזוי... ער איז דאָך אַ גוטער ברודער פון לאַנג, איינגיינעם ביי פוקסן שמייסער געווען, „געשעפטלעך“ געהאַט, און איצט — — — איבער דעם איז מאַטיס די גאַנצע צייט אויבנאָן געזעסן און שטיל געשוויגן. שלמה מלאך אויפן קאַרשעל האָט אויך שטיל געשוויגן.

ווען זיי זענען ארויסגעפאָרן איז שוין געווען. נאָר אין מיטן וועג האָבן זיך איבערן הימל קליינע אָפּגעריסענע וואָלקנדלעך פאַרקליבן. באַלד האָבן זיי זיך באַהעפט, איין שטיק געוואָרן, און עס האָט אָנגעהויבן לייכט צו טריפן.

שלמה מלאך איז געזעסן מיטן פנים צו די פערד און האָט זיך דאָס זייניקע געטאָן: אָנגעטריבן.

דער רעגן האָט געקאַפּעט, נישט געדיכטער, נישט שיטערער, נאָר עפּעס אַזוי שוין מיט איין מאָס, אָן א כוונה, גלאַט אַזוי: עס רעגנט.

די פערד טראַפּטשען און טראַפּטשען, די רעדער שניידן אין די שטיינדלעך, און דער רעגן קאַפּעט אויפן פנים, און שלמה מלאך מאַכט זיך גאָר נישט דערפון, קיין וואָרט רופט ער זיך נישט אָן.

מאַטים וויל אָנהייבן רעדן, נאָר שלמה מלאך זיצט פאַרדרייט, אויפן רוקן א זאַק, עס פאַלט א טראָפּן און דער זאַק זאַפּט אין זיך דעם טראָפּן איין, גלייכגילטיק: נישט זיין געשעפט...

און דער רעגן קאַפּעט, דער הימל איז שוין אינגאַנצן פאַרוואָלקנט. די כמאַרע האָט זיך געלייגט איבערן וואַלד, עס איז טונקל, טרויעריק...

מאַטים וויל אָנהייבן רעדן — — —

נאָר שלמה מלאכס רוקן איז שטום, דער זאַק זאַפּט איין די טראָפּנס און שווייגט.

זיי פאָרן פאַרביי א קרעטשמע.

— ווילסט כאַפּן א לאַמפּערקע? (א טרונק בראָנפן).

— פאַרוואָס נישט?

זיי קריכן אראָפּ פון וואָגן, אין קרעטשמע אריין. מען כאַפּט א טרונק בראָנפן און מען זעצט זיך צוריק אויפן וואָגן ארויף...

— שלמה.

— וואָס?

— גאָרנישט, פאָר אין דער זייט, אויף די שטיינער...

---

דער מאַרק איז אָנגעשטעלט מיט וועגן און פערד. מענטשן לויפן. א גערעדעריי און גערודער, עס קלאַפּט...

מאַטים איז אראָפּ פון וואָגן און איז געגאַנגען צום פערד-מאַרק. פאַרנאַכט פאָרט ער צוריק, און א יונג פירט אים צוויי פערד.

— זע די „חיות“, וואָס איך האָב מיר געשאַפט — זאָגט מאַטיס צו שלמהן.

שלמה מלאַך באַטראַכט די פערד. קוקט זיי אין די ציין און שווייגט.

— גו, וואָס זאָגסטו, שלמה?

— ווייס איך?

— טרעף, וויפל זיי קאָסטן.

— זאָל איך אַזוי וויסן...

מאַטיס, איינגעוויקלענדיק זיך אין מאַנטל, גייט אַריין אין דער „רעס־טאָראַציע“.

— די באַלעבאָסטע האָט געבעטן אַן אינדיטשקע פון מאַרק — דער־מאָנט שלמה מאַטיסן, ווען דער לעצטער איז פון דער „רעסטאָראַציע“ אַרויס, גרייט צו פאָרן.

---

געווען איז עס אַ שבת נאָכמיטאָג.

אויפן בעט אין „שלאָף־צימער“ ליגט מאַטיס אויסגעצויגן און קוקט אויף דעם ווייבס קאַפּעליוש מיט דער „קייט“, וואָס ליגן אויף דעם צווייטן אויפגעבעטן בעט. דאָס ווייב איז אין שול געווען — קלערט ער פויל און רייבט די אויגן. די שבתים נאָכמיטאָג זענען עפּעס מיט מער גלאַנץ, שבת־דיקער, עס לאַכט מיט חן דורכן פענצטער און שטראַלט זיך אָפּ אויף דעם שויבן־שענקל, וואָס שטייט צווישן די צוויי בעטן. די זילבערנע לייכטער גלאַנצן... פון דער צווייטער שטוב הערט זיך זיין שוואָגער מאָטלס נגידיש קול, וואָס קלינגט איבער דער שטוב ווי אַ גלעקל. „דער שוואָגער איז גע־קומען צו גאַסט, מען דאַרף זיך אויפהייבן“ — פילט מאַטיס אַ חוב אויף זיך. פון דער באַנק, וואָס איז פאַר דער טיר, הערט זיך אַ חברס קול. יאָסעלע טויבנבאַפּער פאַרציילט מיט געלעכטער, וויפל „קוילן“ (קנייד־לעך) אהרן פורמאַן עסט אין פסח אויף.

מאַטיס, ליגנדיק אויפן בעט, האָרכט זיך איין, וואָס חברה פאַרציילט און לאַכט מיט.

— נעם זי, נעם! שרייט אַ יונג, אשר ביקס קול.

— אָט אַזוי, האַלט...

— כאַ, כאַ, פעסט האַלט, לאָז נישט אָפּ!

— פיר זי אונטער דער חופה, הייסט זי מוחל זיין.

— כאַ, כאַ...

מאַטים קריכט אַראָפּ פון בעט, ער גייט צו צום פענצטער און קוקט אַרויס. „קאַמיזע" האַלט אַן אויסגעפוצטן טשאָלנט אונטערן אָרעם און לאָזט זי נישט אָפּ. דאָס מיידל רייסט זיך פון אים מיט אַלע כוחות, ער האַלט זי אָבער פעסט, און חברה לאַכט.

מאַטים קוקט און לאַכט מיט. געפילט האָט ער זיך אויסגעשלאָפן, פריש, אַ ביסל אויפגערוימט, נישט ווּיסנדיק אַליין פאַרוואָס, און איז אין דער צווייטער שטוב אַריין.

אויפן געדעקטן טיש זענען צוויי פּאָמעראַנצן אין אַ קלאָש געלעגן, רחלע האָט גערעדט מיטן ברודער, וואָס זיצט מיטן רוקן צו מאַטיסן און באַמערקט אים נישט.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, מאָטי? — גייט מאַטים צו און קלאַפּט אים ווויליונגעריש אויף דער פּלייצע.

דער שוואָגער דרייט זיך אום און קוקט אויף מאַטיסן האַלב פאַרוווּנ־דערט, האַלב מיט כעס.

באַלד איז רחלע אין דער צווייטער שטוב אַריין און זי ווינקט צו מאַ־טיסן מיטן פינגער.

מאַטים איז נאָכגעגאַנגען.

— זעסט, מאַטים — זאָגט זי צו אים, אָננעמענדיק אים פּאַר דעם קנאָפּ פון פּאַלטן — עס איז נישט שיין צו קלאַפּן איבער די פּלייצעס. דאָס פּאַסט פאַר זיי, נישט פאַר דיר.

זיי זענען צוריק אין שטוב אַריין.

דער שוואָגער האַלב ברוגזדיק און אַ ביסל „פון דער הייך", טרינקט פון כוס און רעדט מיט רחלען, נישט קוקנדיק אויף מאַטיסן.

מאַטים איז פון שטוב אַרויס.

די זון שיינט הימלער, אויפגערוימט איז אין געסל, אויף דער באַנק זיצט חברה, מען לעבט. מען ציט איינער דעם צווייטן דעם הוט איבער די אויערן, דינסטמיידלעך אין שבתדיקע קליידלעך דרייען זיך איבער דער גאַס, און חברה — ווּעמען מען קאָן מעיז פּנים זיין — שיקט מען צו „קאַמיזען", און ווּעמען נישט — לאָזט מען פאַרביי מיט געלעכטער פון דער ווייטן.

מאַטים איז צוגעגאַנגען און האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק.

— אַ רוח דיר אין דיין טריפה פּרצוף! — האָט שלמה מלאך געזאָגט צו אַ צווייטן יונג, נישט באַמערקנדיק מאַטיסן.

באַלד האָט אַ יונג שלמה מלאך געגעבן אַ שטופּ און געוויזן אים מיטן פינגער. שלמה האָט זיך אומגעדרייט, און איז, דערזעענדיק מאַטיסן, פאַרשעמט געוואָרן.

— גוט שבת! — האָט ער געזאָגט, אַ ביסל אויפהייבנדיק זיך פון אָרט און אַ ביסל ווייטער זיך זעצנדיק, און האָט זיך גלייך געמאַכט דעם הוט אויפן קאָפּ.

— גוט שבת!

חברה בלייבט זיצן שטיל.

מיידלעך האָבן זיך געדרייט אַהין און צוריק און קיינער האָט קיין וואָרט גערעדט. „קאַמיזע" האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע ביי דער וואַנט. די זון שיינט, עס לעבט אַלץ. נאָר חברה — טויט שטום זענען זיי! שלמה מלאך בייגט דעם קאָפּ אַראָפּ אויף דער האַנט און קלערט עפּעס.

— נו, מלאך, וואָס שווייגסטו? — גיט מאַטיס אים פּלוצלונג אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבער דער קני.

— אָ, באַלעבאָס! — זאָגט דער יונג, און רוקט זיך אָפּ, רייבט זיך מיט דער האַנט איבער דער קני און פאַרקרימט דאָס פּנים מיט אַ מאָדנע מין געלעכטער.

חברה האָט געשוויגן, און אַ שטילקייט האָט אַלץ אַרום געשטיקט... מען האָט דרך־ארץ.

מאַטיס האָט זיך אויפגעהויבן און צוריק אין טיר אַריין.

— „קאַמיזע", די טעקסע גייט! — הערט ער הינטער זיך שלמה מלאכס קול.

# דאָס קוילער געסל

צווישן גרויס=פוילן און מאַזעוויעץ ציט זיך אַ דרייעקעדיק שטיק לאַנד. פון איין זייט גרענעצט עס זיך מיט די זאַמדיקע ווייסל=בערג, וואָס ציען זיך האַרט ביי דער זילבערנער ווייסל=סטענגע ארום פלאָצק און וולאָצלאַוועק; פון הער צווייטער זייט, ביי לענטשיץ צו, האָט עס אין שכנות די פראָווינץ קאָיאַווע, וואָס איז פול מיט מוראדיקע סודות, און לינקס פון דאָרט האָט עס דאָס רייכע אין פאַרבן און טענער „קשענסטוואָ“ לאָוויטש. דאָס שטיק לאַנד, אין וועלכן עס גייען אריין די שטעט: קוטנע, זשיכלין, גאָסטענין, גאָמבין און נאָך אייניקע קלענערע שטעטלעך, איז פראָסט און איינגאַרטיק, ווי דער פויער, וואָס וווינט אין דעם. אָרעם אין וואַסער, אָרעם אין וועלדער, ציט זיך דאָרט אויס דער האָריזאָנט גאַנץ ברייט און ווייט, דאָס אויג האָט אויף גאָרנישט באַזונדערס אָפּצושטעלן זיך: לאַנגע, איינאַרטיקע פעלדער, באַוואַקסן מערסטנטייל מיט אָרעמען ברויט, בלאָנדזשען זיך אויף מיילן אַוועק. טיילמאָל שניידט דורך די אומענדלעכע, גלייכע, באַזייטע פעלדער אַ ווייסע סטענגע פון אַ פור=וועג, באַזעצט שיטער מיט ווייַנענדיקע ווערבעס, וואָס פירט פון איין שטעטל אין דאָס צווייטע אַריין. נישט דאָס לאַנד האָט אין זיך די סודות פון איר שכנה קאָיאַווע, וואָס מען דערציילט פון איר פאַרשידענע לעגענדעס, אַז טויטע נשמות שפּאַצירן איבער אירע שוואַרצע וועגלעך, וועלכע בלאָנדזשען זיך אין די פעלדער ארום, און זיי פאַרנאַרן מענטשן אין זומפּן אַריין; נישט עס האָט אין זיך די רייכקייט פון פאַרבן און טענער פון איר שכנה דער „פּרינצעסין פון לאָוויטש“, וועלכע האָט אויף איר ערד אַרויסגעגעבן דעם גרעסטן פוילישן מוזיקער און באַשעפער פון דער פוילישער פאָלקס=מאַזורקע — שאָפּענען. נאָר פראָסט און איינאַרטיק איז דאָס פעלד, און פשוט איז דער פויער, וואָס אַרבעט אויף דעם פעלד, ווי דער קאַרטאָפל, וועלכן עס גיט פון זיך אַרויס. נישט עס פוצט זיך דאָ דער פויער אין די ווייסע כאַלאַטן און אין די קאָלירטע הויזן, און באַפוצט נישט זיין קאַפּעליוש מיט בענדער און

קאַרעלן, ווי דער פּויער פון לאָוויטש; און נישט ער פאַרנעמט זיך מיט כּישוף־מאַכעריי, ווי דער פּויער פון די „הויכע טאָפּאָלן“, וואָס איז אין „קאָיאַווע“. דער פּויער פון דעם פעלד איז ווי אַ שטיק ערד, וואָס גאָט האָט אין אים אַ נשמה אַריינגעבלאָזן, ווי אַ גייענדיקע ליפּע, וואָס וואַקסט פאַר זיין הויז... ער האַלט זיך ביי זיין פייפל, פון וועלכן ער שפּילט ביז אין דער האַלבער נאַכט לאַנגע ניגונים אָן אַ מאָטיוו, וועלכע הייבן זיך נישט אָן און לאָזן זיך נישט אויס, ווי זיינע לאַנגע, ווייטע, גרין־באַוואַקסענע פעלדער... אַ מענטש איז עס אָן אויבערשפּיצלער. — „אָט אַזוי האָט מיך גאָט באַשאַפן“. איז ער גוט, קאָן ער אַוועקגעבן דאָס העמד פון לייב! דערבייזערט מען אים אָבער — וועט ער מיטן לעבן באַצאָלן, אַבי נאָר פון יענעם נקמה צו נעמען. ער האָט ליב פון דער נאַטור זיין פּי, וואָס עס וווינט מיט אים, און וועט עס קיינמאָל נישט שעכטן פאַר זיין אייגן געברויך. נאָר מער פון אַלץ האָט ער ליב זיין פערד, שאַנעוועט עס, און וועט עס קיינמאָל נישט באַנוצן צו אַ וואָכעדיקער אַרבעט, צום אַקער וועט ער בעסער די קו מיטן ווייב איינשפּאַנען, נאָר נישט זיין פערד. דאָס פערד האַלט ער צום וואָגן אויף זונטיק, צו פאָרן אין קירך אַריין, אָדער אין אַ נאָענט דאָרף צו אַ חבר, צו קאָנען וויזן זיך מיט זיין פערד פאַר אַנדערע חברים.

דער ייד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער דאָרטיקער ערד, האָט אין זיך מער פעלד־געשמאַק און עפּל־געשמאַק, ווי בית־המדרש און מקווה... דאָס לאַנד איז רייך אין פאַשע, האָדעוועט דאָרט דער פּויער דאָס פּי, דעם אָקס מיטן שעפּס. יידן קויפן עס אויף און פירן דאָס פּי קיין לאָדזש, אָדער איבער דער גרענעץ, וואָס איז פון דאָרט נישט ווייט. עס געפינען זיך דאָרט צווישן די יידן די באַרימטע פישער פון די לאָנסקער סטאַוון, וואָס באַזאָרגן מיט פיש לאָדזש און די אַרומיקע געגנט אין קאַלישער און פּלאָצקער גובערניע. ווו עס גייט נאָך קיין באַן נישט, געפינען זיך די גרויסע פורמאַנעס, וועלכע שטעלן צו די ליטוואַקעס צו דער גרענעץ. דער פּויער האָדעוועט דאָס פערד און שאַנעוועט עס, געפינען זיך דאָרט די גרויסע יידישע פערד־הענדלער, וואָס שטעלן צו סחורה פאַרן „דייטש“, וועלכער קומט אַראָפּ פון טוירן און בערלין. די אָרעמע יידן דינגען ביים פּויער איבערן זומער דעם פרוכט־גאָרטן אָפּ. ווינטער וואַשן זיי פאַר אים די פעלצלעך אין שטאָט־סטאַוו און פירן זיי אויף די יאַרידן קיין לאָוויטש, אָדער קיין גאָמבין. דער ייד איז די גאַנצע וואָך אין דאָרף, וווינט מיטן פּויער און לעבט מיט אים צוזאַמען, אויף שבת קומט ער אין שטאָט אַריין,

צו דער חברה „דריי פייען" (פישער, פליישער, פורמאַנעס) דאַווענען. דאָרט טיילט מען זיך כיבודים, און מען דערציילט מעשיות פון אַ גאַנצער וואָך. שבת נאָכן עסן גייט מען אויפן פעלד, וווּ מען פיטערט די פערד און ווו יונגען שפּילן אין „פּאַלענט און באַלעם". און פאַרנאַכט זעצט מען זיך אויף די בענק פאַר די הייזער, און מען קוקט אויף די דינסטמיידלעך, וואָס גייען שפּאַצירן, און מען דערציילט זיך ווייטער מעשיות.

---

אין איינעם פון די אויבן דערמאָנטע שטעטלעך איז געווען אַ געסל, וועלכעס מען האָט גערופן דאָס „קוילער געסל". ק ו י ל איז אַ שטעטל דערנעבן, און דאָס געסל ליגט אויפן טראַקט, וואָס קומט אָן פון זשיכלין און פירט דורך קראָשענעוויץ קיין קויל. די חברה „דריי פייען" האָבן זיך געפונען אין קוילער געסל. דאָס קוילער געסל איז נישט געווען אין גלות. דאָרט האָט מען יידן נישט געשלאָגן; האָט זיך עפּעס געמאַכט אַ נאָך סוכות, ווען רעקרוטן זענען דורכגעגאַנגען דורכן שטעטל און האָבן אָנגעהויבן אָנצוגעבן, האָבן זיך געפונען חברה־לייט — די דישלען האָט מען פון די וועגן אַרויסגענומען, פּרעגטן אייזן האָט מען פון די לאָדנס אָפּגעריסן, ביימער, וואָס וואַקסן פאַר די טירן, האָט מען פון דער ערד אַרויסגעריסן, און מיט דעם אין גאַס אַריין, וויזן: „ווער איך בין!"

דאָס בית־המדרש־געסל, ווו דער רב וווינט מיט די שוחטים און אַלע מלמדים, און ווו עס איז די מקווה מיטן שעכטהויז פאַר עופות, האָט זיך זייער געשעמט מיטן קוילער געסל: „גראָבע מענטשן, קצבים, פישער־יונגען!" און כאָטש דאָס בית־המדרש־געסל האָט איינגאַנצן נאָר געלעבט פון דעם „כיבוד־יום־טוב־געלט", וואָס דאָס קוילער געסל פלעגט דאָרט אַהין אריינשיקן, און כאָטש וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן אין שול־געסל — דער שעפער רייצט דעם הונט אָן, אָדער אַ שיכורער גוי שלאָגט — פלעגן יידן ווי גרויס, ווי קליין, קומען צו לויפן אין קוילער געסל אריין: „געוואַלד, אַ גוי שלאָגט!" — דאָך אין האַרצן האָבן זיי עס אינגאַנצן מבטל געווען: גאָרנישט מעשה ייד, האָבן זיי זיך געזאָגט, און אַז משיח וועט קומען, וועלן זיי דאָך מוזן אָנקומען צו אונדז... די „פיינע מענטשן" פון דער ברייטער גאַס, אַ ר' ברכיה ליכוויאַזש, למשל, האָט גאָרנישט „געהאַלטן" פון זיי: „ווילדע ברואים, זאָגן אַלעמען „דו", נאָר מען דאַרף אַמאָל די שקצים מחמת שלום וועגן, ווען די רעקרוטן גייען דורך, אַז זיי זאָלן נישט די שויבן אויסהאַקן".

אמת איז, אַז אויך דאָס קוילער געסל האָט זיך גישט שטאַרק גע־חברט מיט די מיוחסים פון די אַנדערע געסלעך. זיי פלעגן זיי רופן: „אויס־געוווייקטע יידן". נאָר אַז עס האָט זיך געמאַכט, ווען מען האָט געדאַרפט עפּעס צום הימל, ווי אַ קוויטל שרייבן פאַר אַ קראַנק קינד צום רבין, אָדער אַ קאַפּיטל תהילים זאָגן (צו דעם קיין גרויסע בריות זענען זיי שוין נישט), האָבן זיי געמוזט אָנקומען צום בית־המדרש־געסל. פלעגט קומען ראש חודש אלול, דענסטמאָל איז דאָס קוילער געסל גאָר געוואָרן ווי אַ כושל פאַרן בית־המדרש־געסל. מען האָט דרך־ארץ געהאַט פאַרן קלענסטן ייִד פון בית־המדרש־געסל: „פון משה רבינוס גווארדיע", האָבן זיי אים גע־רופן; און ערב יום־כיפור איז פאַר דער טיר פון דער שול געלעגן אויס־געצויגן אַ הויכער געזונטער ייִד, אַ באַלעגאָלע, אָדער אַ פישער, און דאָס בית־המדרש־געסל האָט פאַר גאָט און הימל מיט אַ פאַסעק מלקות געטיילט דעם קוילער געסל...

---

אין קוילער געסל איז געשטאַנען געבויט אַ הויז: פון האָלץ, פון איין שטאָק מיט לאַנגע בענק פאַר דער טיר, וואָס מען האָט עס גערופן „אויף דער באַנק", וואָרום דאָרט זענען חברה זיך צוזאַמענגעקומען, און פאַר דער טיר זיך געזעצט. אין דעם הויז האָט געוווינט ר' ישראל זשיכלינער.

ר' ישראל איז געווען דער עלטסטער און מכובדסטער פון אַלע איינ־וווינער אין קוילער געסל. ער איז געווען אַ ייד אַ זקן — אַ זיבעציקיעדי־קער, דאָך איז ער געגאַנגען נאָך אָן אַ שטעקל און האָט נאָך קיין ברילן נישט געטראָגן — אַ רעשטל פון פאַרצייטיקע יאָרן, ווען אַ קווערטל אָקע־ווויט האָט אַ פינפער געקאָסט. אַז ר' ישראל פלעגט זיך אַ צוויי שעה ארומ־יאָגן נאָך אַן אָקס, וועלכער האָט זיך פון שטריק אָפּגעריסן, און פלעגט אים צום סוף ביי די הערנער אָנכאַפּן, אַז דער אָקס האָט זיין שווערן נאַקן געבויגן פאַר אים, פלעגט ער קרעכצן מיט אַ געלעכטערל: „ע, נישטאָ די פאַרצייטיקע כוחות!". ער איז געווען אַ גרויסער פי־הענדלער, וועלכער האַנדלט מיטן „דייטש" אין די טויזנטער אריין און קויפט אויף דאָס גאַנצע פי אין דער ארומיקער געגנט. ווי אַ מענטשן, וואָס האָט פון זיך געלאָזט אַ גראָשן פאַרדינען, האָבן אים אַלע, ווי יידן, ווי גוים, שטאַרק כבוד אָפּ־געגעבן. ביי אים האָבן זיי געהאַט דאָס געלט שטיין, ביי אים האָבן זיי געלט געבאָרגט, ווען עס איז אויסגעקומען, און צו אים זענען זיי געקומען שואל

עצה זיין און אויסגלייכן זיך, און דאָס, וואָס ר׳ ישראל האָט געזאָגט, איז, ברודער, געווען געזאָגט. ר׳ ישראל האָט געקאָנט טיילן פּעטש דעם גרעסטן, שטאַרקסטן „ווילן יונג“ (אז עס איז אויסגעקומען), — ר׳ ישראלן וועט מען נישט אַנטקעגן רעדן. האָט עס אַ ייד גשוואָגט, האָט ער געקאָנט גע־הרגעט ווערן אויפן אָרט פון קוילער געסל. ביי ר׳ ישראלן אין הויז האַלטן זיך אויף אַלע יונגען און שקצים פון קוילער געסל — טרייבן די אָקסן קיין לאָדזש, אָדער צו דער גרענעץ. אין די שטאַלן, וו עס זענען געשטאַנען די פערד, אָקסן און שעפּסן, האָבן חברה גענעכטיקט. עסן איז ביי ר׳ יש־ראלן פריי און אָפן געווען פאַר אַלעמען. תמיד איז דאָס ברויט מיט פּוטער אויפן טיש געשטאַנען — אַריינגעקומען, אָפּגעשניטן אַ „המוציא“ און גע־גאַנגען זיך זיין וועג. דאָס הויז האָט זיך געבאָדן אין שפע: קי, אָקסן, פערד, ציגן, שעפּסן, גענדז און יונגען מיט שקצים. ביי ר׳ ישראלן איז אַלץ גע־שטאַנען אָפן. דאָ, וועט מען, ברודער, נישט גנבענען: געהרגעט אויפן אָרט וואָלט מען געוואָרן. האָט מען וועמען געטאָן אין שטאָט אַן עוולה, איז מען זיך געקומען קלאָגן פאַר ר׳ ישראלן, און ר׳ ישראל איז אַרויס־געגאַנגען און געטיילט פּעטש. אַמאָל האָט דער ייד, דער חסיד, וואָס האַלט די פּראָפּינאַציע ביים פּריץ פון שטאָט, געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אַ יידענע אַן אלמנה אין אַ פּרייטיק פאַרנאַכט. מ׳האָט געפונען ביי איר אָקעוויט. און געלאָזט אַריינזעצן זי אין קאָזע, איז מען געקומען צו לויפן צו ר׳ ישראלן. ר׳ ישראל געמט דעם שטעקן אין דער האַנט און גייט אין גאַס אַריין, טרעפן זיך מיט דעם ייד דעם חסיד:

— לאָז אַרויס די אלמנה פון דער וואַך — זאָג איך דיר!

— ר׳ ישראל, זאָגט אַליין, זי נעמט מיר אַוועק מיין פּרנסה.

מער האָט ר׳ ישראל נישט גערעדט. אַהיימגעקומען פון גאַס, און צוויי יונגען זענען שוין אַריין צום „פּראָפּינאַטאָר“ אין שענק מיט די שטע־קנס אין די הענט, האָבן געגעבן אַ נעם צוויי טונען מיט שפּירט, אַרויסגע־דרייט די קראַנען און אַרויסגעשטעלט פאַר דער טיר: שעפּט וועד עס וויל! האָבן יידן געהאַט אַ שבת מיט בראָנפן, אַז מען האָט זיך אין גאַסן ארומ־געוואַלגערט שיכור, און אים, דעם „פּראָפּינאַטאָר“, האָט מען נאָך די אויגן אונטערגעהאַקט און צוגעזאָגט אים: אויף דער צווייטער וואָך צו פאַרבע־סערן — און גיי שריי חי וקים!

קומט אַריין אַ יונג אין שטוב ביי ר׳ ישראלן און שטעלט זיך אַנידער ביי דער גרויסער שאַנק.

— וואָס ווילסטו, שניידער־קאָפּ? — גייט צו צו אים ר׳ ישראל און

קלאַפּט אים איבערן פּנים: שלאָגסט די מאַמען, זאָגט מען מיר, דו ווילער יונג איינער. — ווער האָט דיר ביז איצט צו פרעסן געגעבן? און אַז אַן אַנדערער זאָגט איר אַ וואָרט, נעמסטו צו אים אַ מעסער ארויס!

— ר׳ ישראל, עס איז מיין מאַמע, איך מעג, דאָס איז *מיין* מאַמע, אָבער אַ פרעמדן — אַ מכה. די *בעבעכעס* וועל איך אים ארויסנעמען — נישט רעכט, ר׳ ישראל?

— און וואָס ווילסטו, צירעלע?

— דער „דרייקאָפּ“, דער חסיד, וואָס האָט דעם נאַפּט-סקלאַד, וויל מיר געבן אַ רויטן קאַרפּן-קאָפּ, אַז איך זאָל ביינאַכט אַריבער איבערן פּלויט צו זיין קאָנקורענט, יאָסקעס איידעם, און זאָל אים אַ מתונה אָפּשפּילן מיט די פעסער נאַפּט.

— וועל איך דיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן. דעם רויטן קאַרפּן-קאָפּ נעם, און טראָשע אים אַ ביין אונטער.

— וויל ער דאָך דעם קאַרפּן-קאָפּ פריער נישט געבן.

— זאָג אים, אַז ער זאָל ביי מיר איינלייגן, און דו גיי אַהין צו יאָסקעס איידעם, אַז ער זאָל צומאָרגנס מאַכן אַ געוואַלד, אַז מען האָט אים די פעסער אויפגעעפנט. איך וועל דיר דעם „רויטן“ אַרויסגעבן, און דערנאָך, אַז דער דרייקאָפּ וועט דיר עפּעס פאָרוואַרפן — האַק אים נאָך די ציין אויס.

אַהיים געקומען אַ ייד ווי ר׳ ישראל פריטיק פאַרנאַכט פון וועג, האָט ער זיך געגעבן אַ זעץ אַנידער פאַר דער טיר אויף דער באַנק מיט אַ פולער קעשענע קליינגעלט, און גאָט געבעטן אין האַרצן: „טאַטע, שיק מיר צו יידן, וואָס דאַרפן אויף שבת“, און איז נישט אריין אין שטוב, ביז ער האָט נישט די קעשענע קליינגעלט אויסגעטיילט אָרעמעלייט. אָפּגעוואַשן זיך, אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און געגאַנגען אין דער חברה „דריי פייען“ צו קבלת-שבת. אורחים, וואָס זענען געגאַנגען אויף דער מדינה, זענען דווקא אין דעם שטעטל אָפּגעשטעלט איבער ר׳ ישראלס שבת. דער טעם פון ר׳ ישראלס קוגל ליגט זיי אַ גאַנץ יאָר אין מויל. די חברה איז תמיד פול געווען מיט אורחים. ר׳ ישראל האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק ביי דער טיר מיט די אורחים וואַרטן, וויפל עס וועט איבערבלייבן — קיין שום יידן ליבן נישט אַזוי אורחים אהיימצונעמען אויף שבת, ווי קצבים און פישער — און וויפל עס זענען איבערגעבליבן, האָט ר׳ ישראל מיט זיך מיטגענומען. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען, אַז דער שמש פון דער חברה „דריי פייען“ האָט אויסגערופן: „הרי גילדן אַז אורח“, ווי מען פאַר-

קויפט עליות אין דער שול. אַזוי פיל בעלגים זענען געווען אין דער חברה „דריי פייען“ אויף אורחים. צומאָרגנס אין דער פרי נאָכן דאַווענען האָט זיך דער רבי פון דער חברה אַנידערגעשטעלט און געלערנט מדרש פאַר דער חברה. ר׳ ישראלן האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן. דערנאָך האָט ער אַהיימגעבעטן דעם עולם צו זיך אויף „קידוש“. און בשעת „לחיים“ האָט ר׳ ישראל געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש:

— טרינקט, יידן, אונדזער טאַטע יעקב! אונדזער רבי משה!

די שטוב האָט געציטערט פון די זעץ מיט די פויסטן אין טיש אַריין...

ר׳ ישראל האָט געקענט מעביר זיין די סדרה, און אין רש״י געווען היימיש דאָרט, ווו ער „טשעפּעט“ נישט תרגום־ווערטער. רש״ין האָט ר׳ ישראל ליב געהאט ווי דאָס לעבן, אים האָט זיך געדוכט, אז דער רש״י איז עפּעס א נאָענטער קרוב, וואָס קער זיך אָן מיט אלע יידן אין משפּחה. און נאָך א יידן האָט ר׳ ישראל ליב געהאט: דאָס איז געווען דוד המלך. זיינע קאַפּיטלעך תהילים צעגייען זיך דאָך אין די אברים פאַר זיסקייט — און גלאַט א ייד דוד המלך. דיר דאכט זיך, אז דו גייסט ארויס אויף דער גאַס, און דו טרעפסט דוד המלכן, גיבסט אים אָפּ שלום־עליכם:

— שלום־עליכם א ייד, דוד המלך!

— ווי גייט עס?

און מען הייבט אָן צו שמועסן וועגן מארק...

אַז ביי ר׳ ישראלן איז אויפגעוואַקסן אַ טאָכטער, איז ער ארונטערגעגאנגען צום רב:

— רבי, קלייבט מיר אויס אן איידעם פאר מיין קינד פון אייערע בחורים.

גענומען דעם איידעם, אוועקגעזעצט אין זיין הויז אויף כל ימיו: נא דיר דיין עסן, דיין טרינקען, דיין שבת־בגד און דיין טאַשן־געלט, און דו לערן מיר אין דער הייליקער תורה.

פאר די איידעמס מיט די גרויסע גמרות פלעגט דער ייד אזוי דרך־ארץ האָבן, אז אויף די נעגל איז ער פאר זיי געגאנגען. פון דעם טייערסטן און בעסטן האָט ער פאַר זיי באַהאַלטן. אַז ער פלעגט הערן, ווי דער קול־התורה קלינגט אָפּ אין זיין שטוב, האָט זיך דער אלטער ייד ווי א קינד צעוויינט פאר שמחה.

---

זינדלער האָט ער געהאַט ר' ישראל — ריזן. „זשאַבלינסקיס גוואַר־דיע" האָט מען זיי גערופן. זיי זענען שוין קיין „לערן־קינדער" נישט גע־ווען. זיי אַלע איז איבערגעגאַנגען ר' ישראלס בן־זקונימל נאָטעלע. נאָטע איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געגעבן אַ גיי אַרויס אין דער פרי מיט באָרעקן זיין הונט, מיט באַשקען זיין שעפּס, און מיטן פּייפער. אַ טויב איז אים געשטאַנען אויפן אַקסל. די גאַס האָט געציטערט פאַר אים. מיטן שטרויענעם היטעלע אויף דער שפּיץ „גזשיבע" און מיט דער בלייענער בייטש אין דער האַנט, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אַנידער פאַר דער טיר, און אָנגעהויבן צו פּייפן אויף זיינע טויבן, וועלכע האָבן זיך אין אַ ראָד געהויבן איבער זיין קאָפּ. די יוזעפע האָט אים דעם בולאַן (זיין פערד) פון שטאַל אַרויסגעפירט; איז ער נישט געווען ריין אויסגעפּוצט, אָדער אַז די האָר פאַר דער „גזשיבע" זענען נישט געווען פאַרקעמט מיט די טראַל־טלעד, האָט ער איר געגעבן אַ „פייף" מיט דער בייטש איבערן לייב, אַז דאָס יונגע געזונטע בלוט האָט געגעבן אַ שפּריץ פון דער פולער רוי־טער האַנט.

די יוזעפע איז געווען אַ דינסט ביי ר' ישראלן, אַ שיקסע, וואָס מען האָט זי געבראַכט פון דאָרף און איז פאַרבליבן ביי ר' ישראלן אין הויז שוין לעולם ועד. געזונט — אייזן: זי פּאַסט אַריין אין דער משפּחה. אין הויז איז זי אַ גאַנצער „בן־בית", מישט זיך אַריין אין געשעפטער, גיט עצות און בייזערט זיך, אַז עס געפעלט איר עפּעס נישט. נאָטע קאָטעוועט זי, טיילמאָל מוראַדיק, זי וועט זיך קיין ברוגז נישט מאַכן, גיט זיך אַ וואָרף אַריבער די לאָקן איבער די אויערן און גיט זיך אַ שטעל אַנידער:

— דו קאָטעווע, אַז עס ווילט זיך דיר!

און אין אַ האַלבער שעה אַרום, אַז זי האָט אים אויפן פערד דערזען, האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל אַרויס פאַר דער טיר, פאַרלייגט די הענט הינטער די באַקעס און די אויגן האָבן אַרויסגעשמייכלט פון הינטער די רויטע, בלויע פלעקן, וואָס ער האָט איר אויפן פּנים אָנגעמאַכט: ווי דאָס רייט זיך אויפן פערד!

אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זי גערופן מיטן פינגער. זי האָט זיך צוערשט נישט הערן געמאַכט. דערנאָך איז זי ברוגזלעך צוגעגאַנגען און פויל גענומען די לייצעס אין די הענט אַריין.

ער האָט צו איר אַ ווונק געגעבן, און איז אַרויף אויפן בוידעם צום טויבנשלאַק.

זי האָט פלינק דאָס פערד אין שטאַל געפירט. אויפן שוועל פון שטאַל טרעפט זי די ס ט ר ו ז ש ק ע, וועלכע פרעגט זי:

— ווער האָט עס דיר געמאכט אזוינע שיינע פלעקן אויפן פנים?

— דעם, וואָס האָט זיך געגלוסט, און דיר א מ כ ה! — דערביי האָט זי איר געוויזן א פ יי ג און איז פלינק ארויף צום טויבנשלאק נאָך גאָטען.

גאָטע האָט געהאַט אַ טויבנשלאַק. דער בוידעם, אויף וועלכן עס ליגט דער האָבער פאר די פערד, האָט שוין געהאט א טראדיציע פון א טויבנשלאק, אז ווו מען זאָל נישט די טויבן אוועקפירן און אָפּלאָזן זיי — קומען זיי צוריק צופליען און שטעלן זיך דאָרט אויפן דאך. אויף דער צווייטער זייט שטאָט האָט געוווינט א גויישער בעקער, האָט ער אויך געהאט א טויבנשלאק. גאָטע מיטן בעקער האָבן געפירט א באשטענדיקע מלחמה. גאָטע האָט ארויסגעלאָזט זיינע טויבן, דער בעקער — זיינע. פלעגט טרעפן, אז איין פארטיע האָט פון דער צווייטער א טויב אוועקגענומען. עס איז געקומען א "זי" פון דער צווייטער פארטיע און האָט אָנגעהויבן קאָמפּלימענטן צו מאכן, און אָנרעדן דעם „ער“, אז ער זאָל מיט איר מיטפליען אין איר טויבנשלאק.

צו דעם האָט געדינט די „חברה“. גאָטע האָט געהאט זיין חברה יונגען און שקצים, וואָס האָבן געגעכטיקט ביי אים. דער בעקער האָט געהאַט זיין קאָמפּאַניע בעקער־שקצים. האָט איין פּאַרטיע געבראַכט אַ טויב פון דער צווייטער, איז געוואָרן אַ שמחה, אַזוי ווי מען וואָלט די וועלט איינגענומען, און די צווייטע פארטיע איז ארומגעגאנגען מיט די קעפּ אראָפּגעלאָזט, קלערנדיק ווי נקמה צו נעמען. דורכדעם פלעגן ארויסקומען געשלעגן צווישן גאָטעס און דעם בעקערס קאמפאניעס, אז גאָט דער איינציקער זאָל אָפּהיטן.

---

.2

עס איז געווען א זומערדיקער פרייטיק נאָך מיטאָג. ר' ישראל איז ערשט פון וועג אהיימגעקומען. קאמיזע דער פערד־יונג האָט געפירט די פערד צום פלומפּ אָנטרינקען. די יוזעפע נעמט די זאכן פון וואָגן אַראָפּ. צווישן זיי שלעפּט זי אראָפּ פון דער פור א גאנדז, אן אינדיטשקע, אָדער

א זעקל מיט פיש, וואָס ר' ישראל האָט געקויפט אויפן וועג אהיימצוברענגען אויף שבת. פלוצלונג גיט אַ יונג אַ שפרונג אריין אין הויף, לייגט אַריין צוויי פינגער צווישן די ליפן און א פייף האָט א ציטער געטאָן אין אויער: פיס—ס.

— וואָס איז, ממזר? — האָט נאָטע געפרעגט, ארויסקומענדיק אויפן הויף מיט דער באשקע.

דער בעקער האָט די טויבן זיינע ארויסגעלאָזט, די גאָלומביצע שטייט אויפן דאך ביים ראָטהויז.

מיט צוויי שפרונגען איז נאָטע אַרויף אויפן בוידעם, אויפגעעפנט דעם טויבנשלאק און ארויסגעלאָזט די טויבן.

מיט דער בייטש, און ארומגערינגלט פון חברה־יונגען איז נאָטע אין גאס ארויס. קעגנאיבער אויף דער צווייטער זייט מארק איז געשטאַנען דער בעקער מיט זיין חברה מיט שטעקנס אין די הענט און איבערן מאַרק, טיף אין די וואָלקנס, האָבן זיך טויבן געבאָדן מיט זייערע לייכטע פאָכעדיקע פליגלען אין צוויי באַזונדערע סטאַדעס. איין סטאַדע איז טיילמאָל ארייננעפלויגן אין דער צווייטער. זיי האָבן זיך אויף א מינוט צוזאמענגעמישט, באלד האָבן זיי זיך פאנאנדערגעשפרייט, אמאָל אראָפקומענדיק נעענטער אין מארק אריין און אמאָל נעמענדיק זיך טיף אין דער הויך. מאכנדיק אייניקע הקפות איבערן מארק, האָבן זיך די טויבן אויף די דעכער צעשטעלט. הויך אויף אַ דאַך איז געשטאַנען אַ טויב באַזונדער, ווי אַן ארויסגעשטויסענע פון דער מחנה. באַלד איז צו איר צוגעפלויגן אַ טויב פון נאָטעס סטאַדע און האָט זיך אָנגעהויבן מיט איר צו סודען. אין נאָטעס פארטיע האָט מען אָפגעווארט מיט הארץ־קלאפונג די מינוט, אז די טויבן זאָלן זיך פארשטיין און צוזאמען ארייגפליען אין נאָטעס פארטיע אריין.

דאָ איז צוגעגאַנגען אַ שייגעץ פון דעם בעקערס קאָמפּאַניע און האָט אַ שטיין געוואָרפן אויפן דאַך אַרויף, און די טויבן זענען זיך צעפלויגן.

מער האָט מען שוין נישט געדארפט.

א יונג איז צו פון נאָטעס קאמפאניע און האָט דעם שייגעץ מיטן שטעקן איבער די פיס געגעבן. דער שייגעץ האָט זיך אויף דר'ערד אַנידערגעלייגט און אָנגעהויבן צו שרייען. עס זענען צו דעם בעקערס קאָמפּאַניע מיט די שטעקנס, און עס האָט זיך געמאַכט אַ מלחמה, אַז גאָט זאָל אָפּהיטן. מען האָט מער נישט געזען נאָר שטעקנס איבער די קעפּ פליען; דאָ

איז א שײנעץ, דאָ איז א יונג געלעגן אויף דער ערד מיט א צעבלוטיקט פּנים. עס איז געקומען צו לויפן פון שעכטהויז דער בלינדער לייב מיט א דישעל אין דער האנט און האָט געפּאַכט איבער די קעפּ. נאָמע האָט גע־כאַפּט דעם בעקער פאַר די קלאַפּעס, מיט איין האַנט פאַר די קלאַפּעס צוגע־האַלטן, אַז ער זאָל נישט קאָנען אַנטלויפן, און מיט דער צווייטער האַנט אין פּנים געטיילט מיט דער הוילער פויסט הינטער די באַקעס, אין דער לעבער אַריין. — יעדער זעץ האָט אָפּגעקלונגען אונטער דער האַנט, ביז דער בעקער האָט זיך אויף דער ערד אַנידערגעלייגט. און איבער די קעפּ זענען געפלויגן די קופּעס טויבן, איין קופּע איז אין דער צווייטער אַריין, ווי זיי וואָלטן געוווסט, אַז איבער זיי הרגעט מען זיך, האָבן זיי מיט די פליגלען צוגע־קלאַפּט, איבער די קעפּ פליענדיק, און דאָ האָבן זיי זיך אין טיפן הימל אַריינגעלאָזט...

פארטיק געמאכט דעם בעקער, אז ער האָט זיך שוין פון אָרט נישט געקאָנט רירן, זענען די יונגען זיך צעגאַנגען, זען וואָס עס וועט ווייטער זיין.

גאָט האָט געהאָלפן, אז די טויבן האָבן זיך איינאנדער פארשטאנען, און די „זי“ האָט אריינגענארט דעם „ער“ אין נאָטעס טויבנשלאק.

ביי נאָטען אין דער קאָמפּאַניע איז געווען אַזאַ שמחה, אַז עס גייט שוין נישט ווייטער. דערפאר ביים בעקער האָט מען געקלערט נקמה צו נעמען.

דעם פרייטיק־צונאכטס האָט זיך דער בעקער ארויפגעגנבעט אין שפּייכלער ארויף צו ר' ישראלן, וווּ נאָטעס טויבנשלאק איז, האָט צוגע־כאפּט זיך צו די טויבן און אָנגעהויבן צו שטיקן איינע נאָך דער צווייטער.

דאָס איז אָבער געווען א גרויסע א י נ ש ט ע ל ו נ ג. די טויבן, דערפילנדיק א פרעמדע האנט צווישן זיך, האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די פליגלען און צו פליען פון איין עק טויבנשלאק צום צווייטן, און צו מ ר אָ ק ע ן מיט די מיילער. די יוזעפע, וואָס שלאָפט אין שטוב הינטער דעם טויבנשלאק, איז פלינק אריין, אָנגעכאפּט נאָטען ביי די האָר:

— פאנישא, עס איז ווער ביים טויבנשלאק!

נאָטע האָט געכאפּט א שטיק אייזן, וואָס ליגט ביי אים תמיד ביים בעט, און איז ארויף דערמיט אין שפּייכלער אריין.

אריינלויפנדיק אין שפּייכלער, האָט ער באלד באקומען א „פּלעם“ מיט עפּעס איבערן קאָפּ, אז פונקען זענען אים פון די אויגן געגאַנגען. ער האָט אָבער אויף דעם נישט געקוקט, דערטאַפּט דעם בחור, האָט נאָטע אים קודם־כל דאָס מויל פארשטאָפּט, אז ער זאָל נישט קאָנען שרייען, און

אזוי געהרגעט איבערן קאָפּ, אונטערן הארצן, אז ער האָט שוין אליין דערפילט, אז עס איז געננוג. דאַן האָט נאָטע אים אָנגענומען פאַרן קאָפּ, אראָפּגעשלעפּט אים פון שפּייכלער און פאר זיין טיר אים אוועקגעטראָגן...

---

אין א פּאָר טעג ארום האָט מען נאָטען גענומען און אריינגעזעצט אין וואַך. נאָר אזוי פלינק נעמט מען שוין אזא יונג? דעם סטאַרשי-סטראַזשניק, וועלכער איז געקומען נאָך אים, האָט די יוזעפּאַ אַריינגענאַרט אין שטאַל (זי האָט אים עפּעס צו זאָגן...). מיט דער יוזעפּאַ איז דער סטאַרשי-סטראַזשניק זייער גערן געגאַנגען. אין דעם פינצטערן שטאַל האָבן אָבער אים אָפּגעוואַרט חברה-לייט, און אזוי מיט אים בלק געלערנט, אז ער האָט שוין דאָס צווייטע מאָל נישט געקאָנט קומען נאָך נאָטען. די שטאָט האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן. מען האָט געזאָגט פארשידענע זאכן... נאָטע דרייט זיך אין גאס ארום מיט דער בלייערנער בייטש אין דער האַנט און מיט דער באַשקע, וואָס לויפט אים נאָך. עס זענען אָבער אים באַפאַלן דריי וועכטער מיט די צוויי סטראַזשניקעס, וואָס זענען אין דער שטאָט, און האָבן אים אָפּגעפירט אין וואַך.

דערווייל איז דער בעקער געשטאָרבן פון די קלעפּ, וואָס ער האָט אונטערן הארצן באַקומען. די שטאָט האָט וואָס אמאָל מער אָנגעהויבן לעבן אין אימה. פארשידענע מעשיות האָט מען דערציילט, אז דאָ נעמען זיך פויערים צוזאַמען, דאָרט נעמט מען זיך צוזאַמען. יחאל דאָרפסגייער האָט אין בית-מדרש דערציילט, אז א פויערטע אויפן דאָרף האָט אים געהייסן אין א שפּיגעלע אריינקוקן, האָט ער דאָרט דערזען דעם רבס קאָפּ, האָט אים די פויערטע געזאָגט, אַז זי האָט אַ כישוף אָנגעמאַכט. מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן מעשיות פון עלילת-דם. פון די ארומיקע דערפער האָט מען געהערט, אז מען איז בייגאַכט די מילכיקערס באַפאַלן, און אלץ זיי אַוועקגערויבט. די שטאָט איז זיך צוזאַמענגעקומען ביים רב; מען האָט גוזר תענית געווען. די נגידים זענען זיך צעפאָרן. אין שול-געסל האָט עס אויסגעזען, ווי דער טויט וואָלט מיט שוואַרצע פליגלען איבערן געסל דורכגעשפּאַצירט... אין בית-מדרש האָט א גאַנצן טאָג ליכט געברענט און יידן האָבן תהילים געזאָגט. מוטערס זענען ארויפגעפאלן אויף זייערע חדרים-קינדער אין מיטן שיינעם טאָג און גענומען זיי קושן און וויינען איבער זייער יונג לעבן... תנאים, חתונות האָט מען אָפּגעלייגט אויף „דערנאָך“,

אז עס וועט „אריבערגיין בשלום". יידן שומרים האָבן זיך ביינאַכט אין די גאַסן ארומגעדרייט מיט גראָבע שטעקנס היטן; תהילים־זאָגער זענען אויפגעוועזן גאַנצע נעכט אין בית־מדרש און האָבן תהילים געזאָגט.

נאָטע האָט ארויסגעקוקט פון די קליינע שטאַכעטן, וואָס זענען אין דעם וואך־פענצטערל, וועלכעס גייט אין מאַרק ארויס. יעדן פרימאָרגן האָט אים די יוזעפע דעם בולאַן פאר דעם וואך־פענצטערל דורכגעפירט, און געוויזן אים, אז ער איז ריין אויסגעפוצט. באַשקע מיטן הונט באָרעק זענען א גאַנצן טאָג פארן פענצטערל געלעגן און זייער באַלעבאָס האָט צו זיי דורך די שטאַכעטן גערעדט. און „קאָמפּאַניע" האָט אים געמוזט יעדן טאָג די טויבן פאר די שטאַכעטן דורכטרייבן, און ער האָט דורכן וואך־פענצטערל קאָמאַנדירט, וואָס מען דאַרף טאָן.

אין דער שטאָט האָט מען זיך וואָס אמאָל מער געשראָקן. מענטשן זענען ארומגעגאַנגען ווי די שאָטנס. די שטאָט־גויים, וואָס לעבן א גאַנץ יאָר מיט יידן צוזאמען, האָבן אָנגעהויבן אויף יידן אן אימה ארויפצוּווארפן. דער וואסערטרעגער, וואָס טראָגט א גאַנץ יאָר וואסער אין יידישע הייזער, האָט געזאָלט זאָגן צו א יידן, אז עס וועט קומען דער מאַרק „יאָהאַנע" וועט ער זיך נעמען צו מאָשקאָווסקים הויז. דער ליכטציִנדער פון דער שול וועט ווערן דאָזאָר איבער יידן, און דער בית־הקברות־גוי וועט נאַטשאַלניק ווערן, און יידן וועלן אים מוזן מס צאָלן... יידן האָבן די מעשיות אויסגעהערט און זענען אויסגעגאַנגען פאר שרעק. מיידלעך האָט מען פון דער היים ארויסגעשיקט. מען האָט אויסגעזוכט פארבאָרגענע מומעס און פעטערס אין דער פרעמד, און דאָרט אהין די קינדער ארויסגעשיקט. און די שול־גאַס האָט זיך צוגעגרייט: גאָט, מיר זענען היִנטער דיין האַנט, טו מיט אונדז אזוי ווי דו פארשטייסט!...

דאָס קוילער־געסל איז רואיק געווען, עס האָט זיך פון קיין שום זאך נישט וויסן געמאַכט. האָבן זיי געטראָפן א יידן פון שול־געסל מיט א „תשעה־באבדיקער" נאָז, האָבן זיי אים געפרעגט: זאָג נאָר, העכט אייַנער, האָסט דיר שוין אָנגעגרייט דעם מעבר יבוק אין דער היים?

געזאָגט האָט מען, אז דער יום־הדין וועט זיין אין טאָג פון יאָהאַנע־יאַריד.

יאָהאַנע איז איינער פון די גרעסטע יאַרידן אין שטעטל. נאָכן שניט קומען פויערים דאָס ערשטע מאָל אין שטאָט אריין. די שייערס זענען פול מיט תבואה; דאָס פעלד — פול מיט קאַרטאָפל און קרויט. דאַן קומט דער פויער אויפן יאַריד מיטן ווייב און קינדער קויפן זיי מתנות. ער פאַר־

קויפט די פּי, וואָס האָבן זיך שיין אויסגעהאָדעוועט, און קויפט „יונגוואַרג“ איין צום פיטערן אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער. מען טרעפט זיך אויך אויפן יאַריד מיט „קומעס“, מען פרעגט זיך אויס אויף דעם היינט־יאָריקן שניט און מען גייט צוזאַמען מאַכן א שנעפּסל.

און אויף דעם טאָג, וואָס יידן פלעגן יעדעס יאָר וואַרטן מיט אַזויפיל האָפענונג אויף פּרנסה, האָבן זיי דאָס יאָר געוואַרט מיט טויט־האַרץ־שרעקן און געווונטשן זיך, אַז ער זאָל ווי צומגיכסטן אַריבער.

---

אַז עס איז אָנגעקומען דער טאָג, האָבן יידן זיך געאיילט גאַנץ פרי אין בית־מדרש אריין און געשטעלט זיך דאַווענען. דער רב איז געשטאַנען פאַרן עמוד, ווי צו נעילה, און אין שול איז געוואָרן אַזאַ געוויין, ווי צו ונתנה תוקף. נאָכן דאַווענען איז דער רב אַרויף צום ארון, אויפגעעפנט דעם ארון און בציבור אָפּגעזאָגט ווידוי. ער א פּסוק, די עדה — א פּסוק. פאַרן אהיימגיין האָט זיך איינער מיט צווייטן געזעגנט און געווונטשן זיך, אַז מען זאָל זיך מאָרגן זען ווייטער...

דערווייל האָבן זיך פויערישע פורן געהערט פאָרן איבער דער שטאָט־בריק. פורן זענען אויפן מאַרק אָנגעקומען, יעדער פור־גערויש האָט אין יידישע הערצער מיט טויט אָנגעקלאַפּט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס פאָרן פון די פורן איז היינט גאָר אַנדערש, דאָס גיין פון די פויערים און פויערטעס איז היינט גאָר אַנדערש...

דער טאָג איז דערווייל געגאַנגען אָט ווי גאָרנישט. די פויערים האָבן דאָס זייעריקע פאַרקויפט, געדונגען זיך, צום סוף נאָכגעגאַנגען און האָבן געקויפט דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט.

אין אָנהייב זענען די יידישע געוועלבער געווען פאַרמאַכט, א פויער האָט הערינג געזוכט צו קויפן, האָט א הערינג־יידענע דאָס הערינג־געוועלבל אויף דערווייל אויפגעעפנט און דעם פויער די הערינג פאַרקויפט. דערנאָך איז א צווייטער פויער געקומען, און א דריטער... אַז דער קרעמער פון אַנטקעגן האָט געזען, אַז יענער האַלט אָפן, האָט ער אויך אויפגעעפנט זיין געוועלב. אַזוי האָבן זיך איינציקווייז די געוועלבער אויפגעעפנט... דער טאָג האט אָנגעהויבן דורכצוגיין ווי אין די פריערדיקע מערק. יידן זענען ביי זיך שטאַרקער געוואָרן און מער מוט געקראָגן מיט די פויערים צו דינגען זיך... פלוצים איז א יונג אָנגעקומען צו לויפן פון פערד־מאַרק: געוואַלד, מען הרגעט יידן!

אין איין מינוט זענען די געוועלבלעך געוואָרן פאַרמאַכט. די לאָדנס איבער די פענצטער פאַרהאַקט און די טירן פון די הייזער צוגעמאַכט. ווייבער, יידן, האָבן געכאַפּט, וואָס זיי האָבן אונטער די הענט געטראָפן: א קינד, א לאָמפּ, א טיש, א דעק און זענען געלאָפן ווי פון א שרפה, נאָר באַלד זיך אָפּגעשטעלט, נישט ווייסנדיק וווהין... הינטער די בעטן ארונטערגעקראָכן... געלעגן א מינוט... ניין... ארויסגעקראָכן, אָפּגערוקט די שאַנק, און ארונטער הינטער דער שאַנק... ארויס... ארויף אויפן בוידעם. ווער עס איז אריינגעקראָכן אין קעלער, ווער עס האָט זיך אויף דעם אויוון ארויפגעכאַפּט. קינדער האָבן געוויינט, מאַמעס האָבן זיי די מיילער מיט די קישנס פאַרשטעלט, אַז מען זאָל נישט הערן זייער געוויין אין דרויסן...

פון דרויסן האָט זיך ווער דערשלאָגן, ער איז אָנגעקומען צו לויפן, און געהאַקט אין דער טיר און געבעטן זיך, אז מען זאָל אים אריינלאָזן. פרעמדע מענטשן האָבן זיך אין פרעמדע שטיבער געפונען, ווער עס איז ביי דער טיר געשטאַנען, דער האָט זיך אריינגעכאַפּט. פרעמדע טאַטעס האָבן געקרעכצט: ווו זענען זייערע קינדער איצט? און האָבן פרעמדע קינדער צו זייערע הערצער געדריקט...

אין קוילער געסל האָט מען אויך דערהערט: מען הרגעט. איז אַרויס פון די יאַטקעס הערשעלע קאָזאַק און האָט געכאַפּט א זאַק, אריינגעוואָרפן אין אים דריי צען-פונטיקע געוויכטן, צוגעבונדן און ארויפגעוואָרפן אויף די אַקסל. קומט, ברידער! נאָך אים האָט זיך געגעבן א לאָז דאָס קוילער געסל — די קצבים מיט די העק און די קלינגען. די פורמאַנעס האָבן די דישלען פון די וועגן ארויסגעריסן. די פישערס האָבן געכאַפּט די קאָסאַקעס, מיט וועלכע זיי שלעפּן די קאַסטנס פיש פון וואַסער אַרויס. די פערדהענדלער אויף די פערד מיט די שטאָלענע בייטשן זענען אַרויס אויפן פערד-מאַרק.

דער גרויסער ברייטער פלאַץ, פון וועלכן עס שיידן זיך צוויי וועגן אָפּ, איז פול געווען מיט פורן, פורן און פורן, וועלכע האָבן געטיקט און פארלוירן זיך אין פערד, אָקסן, מענטשן און חזירים. דאָס אַלץ האָט זיך פאַרשידנפאַרביק געמאָלט און פארשידענע געשרייען געלאָזט פון זיך הערן. שיכורע פויערים מיט שטעקנס אין די הענט האָבן געיאָגט אַנטלאָפענע יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, וועלכע זענען געשפרונגען ווי די פארסמטע אייבער וועגן, פערד און מענטשן. דאָ האָט זיך געהערט א שרעקלעך געשריי פון א מענטשן, שפרינגענדיק אריבער איבער א פור און רופנדיק ווילד נאָך רעטונג, אויסגעמישט מיט אַ ווילד-אויפגערייצטן שיכורישן געלעכטער.

פערד האָבן זיך צעבריקעוועט און אונטער זייערע פיס זענען געלעגן מענטשן, האָבן געקוויטשעט הזירים. איבער די קעפ זענען שטעקנס גע־פלויגן, שטיינערנע טעפ, הינטלען. דערשראָקענע געגנדז און הינער זענען ביי די פורן געפלויגן, פארשידן קווינטשענדיק, זייערע פעדערן האָבן זיך פון זייערע צעפּלאָשעטע פליגלען אויסגעריסן און געפלויגן אין דער לופט. אומעטום האָבן זיך געזען, ווי עס לויפן יידן מיט שווארצע קאפּאָ־טעס אויף אלע פיר זייטן מיט שרעקלעכע געוואַלדן...

דאָ האָט זיך אין דער מהומה געגעבן א לאָז אריין דאָס קוילער געסל, ווי א שטראָם גליענדיק שטאָל אין טיפן קאַלטן ים אריין. מען האַלט זיך שוין ביי די קעפ. שטיקער שטאָל, אייזן קנעטן זיך אין מענטשנס לייבער אַריין, בלוט רינט איבער די אויגן, קאַפּאָטעס, פורן און רעדער... מען זעט נישט וואָס, ווען. אלץ האָט זיך אויסגעמישט. פערד אויף מענטשן, מענטשן אויף פערד. א פויערטע שלעפּט, באַגאָסן מיט בלוט, איר צעהרגעטן מאַן, און ער שלאָגט איר אין בויך אריין און רייסט זיך פון אירע הענט ארויס. קליינע קינדער שלעפּן מאַמעס ביי די פּאָלעס. די טאַטעס טרייבן פון זיך די קינדער און מיט פארביסענע ליפּן און מיט בלוט־ארויסגעזעצטע אויגן דריקן זיי זיך אין דער מהומה אריין. און אין דער מהומה דאָ איז נישט געווען קיין מלחמה, איינער דעם צווייטן גובר צו זיין. אלע האָבן זיך אויס־געמישט. א כאָלערע איז אריינגעפאלן אין זיי. איינער האָט דעם צווייטן די פויסט אין פּיסק אריינגעשטעקט און ביי דער צונג געריסן, די גרגרת ביים גאָרגל אָנגענומען און די נשמה אים ארויסגעריסן... צוויי האָבן זיך אָנגענומען און האָבן זיך צוגעקוועטשט צו א וואָגן און איינער האָט אין דעם צווייטנס ברוסט, בויך מיט די פויסטן זיך איינגעקנעטן, מיט די ציין זיך אריינגעביסן... דאָ האָט נישט געוואָלט איינער דעם צווייטן גובר זיין, די איינגעשלאָפענע חיה האָט זיך אין די מענטשן דערוועקט. אלע צוזאמען אויסגעמישט האָבן זיך פארן הימל און גאָט און איינער דעם צווייטן לעבע־דיקערהייט געגעסן...

---

3

נאָטע האָט דעם גאַנצן טאָג פון וואַך־פענצטערל ארויסגעקוקט. אים האָט נישט חרטה געטאָן אויף דער חתונה, וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט — ער איז נישט פון די מענטשן, וואָס האָבן חרטה. ער האָט אָפּגעווארט די

מינוט, ווען עס זאָל זיך אָנהייבן. ער האָט זיך קיין פּלאַן נישט געמאַכט, ווי אַרום ער זאָל זיך אַרויסקריגן, נישט געקלערט פון דעם — ער איז נישט פון די מענטשן, וואָס מאַכן זיך פּלאַנען. אַז עס קומט — צעפּלאַמט עס זיך, צעברעכט און גייט אַרויס ווי אַ דונער!

אין דעם האָט ער דערזען, ווי מען הייבט אָן צו לויפן איבערן מאַרק פון פערד־פּלאַץ. אַ יונג לויפט מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ, ווייבער לויפן אַרום איבערן מאַרק און נעמען די קינדער. די געוועלבער פאַרהאַקן זיך. ער האָט דערפילט, אַז עס מאַכט זיך עפּעס. אַ שטראָם בלוט איז אים אַרונטער ביים האַרצן און אָנגעפילט אים די הענט מיט די פיס. ער האָט פאַרביסן די ליפּן, די אויגן האָבן זיך אים געגעבן אַ זעץ אַרויס מיט בלוט. ער האָט זיך געגעבן אַ וואַרף אויף דער טיר. די טיר — כאָטש פון אַ קליינ־שטעטיקער וואַך — דאָך גענוג שטאַרק פאַר אַ מענטשלעכער האַנט. האָט ער געגעבן אַ כאַפּ פאַר די שטאַכעטן פון פענצטער — כאָטש זיי בויגן זיך אונטער זיינע הענט, דאָך גענוג פעסט זענען זיי איינגעמויערט אין דער וואַנט. האָט ער געגעבן אַ נעם פאַרן טאַפּטשאַן און אַ זעץ אין אויוון, האָבן זיך אין איין מינוט ברעט מיט ציגל צוזאַמענגעמישט. ווי אַ דונער, וואָס מען וואָלט אין שטוב איינגעשלאָסן, האָט ער זיך געגעבן אַ וואַרף אויף די ווענט. צום סוף די הענט אין די ציין זיך געביסן, דעם קאָפּ אין די קני איינגעבויגן און אָנגעהויבן צו ברומען, אַז די ברומען האָבן זיך אונ־טערן באַלקן געטראָגן און אין די שטאַכעטן אָנגעקלאַפּט, אַרויסגייענדיק דורכן פענצטער.

אזוי איז ער געלעגן אַ לענגערע צייט, ביז עס האָט אים אַ קול פון הינטערן פענצטער גערופן:

— פאַנישאָ, פאַנישאָ!

ער האָט דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט, און דערזען די יוזעפע מיט צעלאָזענע האָר.

— בייאָן אָיצאָ! — האָט זי אים אַריינגעשריגן, און אים דורכן פענצ־טער אַן אייזן אַריינדערלאַנגט.

ער האָט זיך געגעבן אַ וואַרף צו דער טיר, אַ פּאַק אַריין דאָס אייזן צווישן די קליאַמקעס, מיטן האַרץ זיך אָנגעלעגט און מיט דער גאַנצער נשמה געגעבן אַ שטופּ אָפּ: איינס, צוויי, דריי — און די טיר האָט געגעבן מיט רעש אַ בראָך אויף. דעם סטראַזשניק, וואָס האָט אים געפּרוווט אין הויז צו פאַרכאַפּן, האָט ער געגעבן אַ „פּלעם" אין פּיסק אַריין מיט דער

פויסט. אַז ער האָט זיך באַלד איבערגעקוילערט און אין בלוט געבאָדן זיך. נאָכדעם, האָט זיך אַהיים געלאָזט צום פאָטער.

---

די פויערים פון פערד־מאַרק האָבן זיך געגעבן א לאָז צו ר׳ ישראלן:

— דאָ זשאָבלינסקעגאָ, צאָ סין זאביל כלאָפּאַ *), האָבן געשריגן די פויערים און מיט די רידלעס און שפּאַדלעס אין די הענט זיך געלאָזט צו ר׳ ישראלן אין הויז אריין.

אַריין אין הויף און געשטעלט זיך פאַרן הויז מיט די שפּאַדלעס אין די הענט. איז אין געסל געוואָרן א געשריי: ביי ר׳ ישראלן זענען זיי! האָט דאָס קוילער געסל געגעבן א גיי אַרויס גרויס און קליין. דער בלינדער לייב (א יונג, וואָס האָט געקאָנט אייזן ברעכן) האָט דערטאַפּט פון שטאַל אַרויס א ווידלע מיט דריי שטאַרכעס און אַרויס. דאָס קוילער געסל האָט געגעבן א רינגל אַרום דעם הויף...

סטייטש! — האָט ר׳ ישראל געגעבן א געשריי, און אליין אַרויס־שטעלנדיק זיך, איינער אליין צווישן די פויערים, מיטן אייזערנעם שטעקל אין דער האַנט, מיט וועלכן ער פלעגט זיך אמאָל באַנוצן אויפן לאַדזשער וועג פון די לאַדזשער גנבים, האָט ער געגעבן א זאָג צו די פויערים:

— וועמען זענט איר געקומען שלאָגן? מיך? וואָס איך האָב פאַר אייך מיין גאַנץ לעבן געאַרבעט, פון אייך, הינט, דאָס פּי אָפּגעקויפט, מיט געלט באַצאָלט, און פאַר אייך ערגעץ־ווו עס קיין אויסלאַנד געפירט! פאַר־שוואַרצט געוואָרן פון אייערטוועגן, זומער אָפּגעברענט פון דער היץ, ווינ־טער פון דער קעלט, און אייך אין די קעשענעס מיט די הונדערטער אָנגע־שטאָפּט. — קומט אהער, הינט! אָט בין איך דאָ, ווייזט מיר ווער עס וועט זיך פּרוּוון מיך אָנרירן?!

די פויערים האָבן שטיל געשוויגן. איינער פון דער חברה האָט זיך אָפּגערופן:

— צו אייך, זשאָבלינסקי, האָבן מיר גאָרנישט — מיר האָבן נאָר צו דעם זון אייערן, וואָס האָט דעם פויער געהרגעט.

— אָט בין איך! — האָט נאָטע געגעבן א געשריי אויס, אויפּפּראַלנ־דיק דעם טויער פון הויף און א לויף אַריין. געכאַפּט דעם ערשטן־בעסטן

---

* צו זשאבלינסקין, וואָס דער זון האָט א פויער געהרגעט.

שייגעץ ביי די באָקעס, אויפגעהויבן אים אין דער הויך און א זעץ אנידער אויף דער ערד, אז עס האָט זיך דערהערט א קנאַק פון די פיס, וואָס האָבן געבראָכן הינטער אים... די פויערים האָבן זיך געגעבן א וואָרף אויף אים ווי א וויכער... נאָכן אָבער האָט געכאַפּט א צווייטן שייגעץ ביים קאָפּ, אויפגעהויבן אים אין דער הויך און מיט אים געהרגעט איבער די קעפּ... האָט זיך געגעבן א לאָז ארויס דאָס קוילער געסל מיט די ווידלעס און אריין צווישן די פויערים. אין דעם האָט זיך געהערט ר' ישראלס קול, רופנ־דיק צום קוילער געסל:

שטייט, זאָג איך אייך: ער האָט א מענטשן דערהרגעט, זאָל ער זיך אליין „בראָניען".

און נאָכן האָט זיך אליין „געבראָניעט". מיטן שייגעץ אין דער האַנט, האָט ער מיט זיינע צוויי מעכטיקע ריזיקע אָרעמס איבער די קעפּ גע־האַקט. קעפּ האָבן זיך הינטער אים געלייגט, ווי זאַנגען אונטער א קאָסע. אָט האָט אים שוין א פויער געגעבן מיט א שפּאַדעל איבער מוח, און א שטראָם רויט בלוט גיסט זיך אים פון קאָפּ און רינט איבערן פּנים. ־עס פויער, מיט וועלכן ער שלאָגט, לאָזט ער פון די הענט נישט ארויס. אריין וואָס אַמאָל מיפער — כאַפּט ער פון א שייגעץ דעם שפּאַדעל ארויס און וואַ־ליעט, ווי עס וואָלט אריין א נישט־גוטע קראַפט אין אים און בלאָזט אים די העלדישע אָרעמס אָן מיט בלוט, אז די אָדערן פּלאַצן פון דער הויט ארויס... האָט אים שוין א צווייטער פויער הינטן־ארום מיט אן אייזן אין זייט געגעבן — ער גיט זיך א בייג אייז, און אויף איין מינוט בלייבט ער שטיין — אָבער באַלד לאָזט ער זיך ווייטער. מען כאַפּט אים שוין פון הינטן ביי די הענט אָן — ער קאָפּיעט נאָך מיט די פיס, בייסט מיטן מויל — אָט בייגט ער זיך שוין איין און כאַפּט זיך פאר דער זייט...

— אַך, ווי יאָכאַ פּשאַ קרעוו *)! — האָט זיך די יוזעפּאַ ווי פון אונ־טער דער ערד באַוויזן מיט א רידעל אין דער האַנט: ווי פּאַנישא זאַבילי**), און האָט מיטן רידל געגעבן איבערן קאָפּ דעם פויער וואָס האָט נאָכן פאר א האַנט אָנגעכאַפּט, און דעם צווייטן אָנגעמאָסטן מיטן רי־דעל: יאַ וואַם דאַם ***), און זי האָט אָפּגעשטופּט מיטן רידעל אין דער האַנט די פויערים פון נאָכן, וועלכער האָט זיך שוין געבויגן צו דער ערד,

---

* אך, איר הינטיש בלוט.

** איר האָט דעם יונגן הער געהרגעט.

*** איך וועל אייך געבן.

האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פאַר דער זייט, און אין דער צווייטער — דעם שפּאַדעל און שעדיקט איבער די קעפּ די, וואָס האָבן זיך געוואָלט צו אים אונטערכאַפּן, ביז די יוזעפע האָט אים אָפּגעפירט אין הויז אריין און אים אויפן בעט אנידערגעלייגט.

די פויערים האָבן זיך געוואָלט ווייטער רירן, נאָר דערזעענדיק דאָס קוילער געסל מיט די כלים אין די הענט, האָבן זיי אָפּגעטראָטן, ווער מיט א צעבלוטיקטן קאָפּ, ווער מיט א צעהאַקטער האַנט, איבערלאָזנדיק א פולן הויף מיט בלוט און אַ זיבן־אַכט פון זייערע ברידער קרעכצנדיק אין די ווינ־קעלעך פון הויף. איינער האָט צום צווייטן געזאָגט:

— טאָ יאָכא וואַלע ניע זשידעם!... (די יאָכע איז גאָרנישט קיין יידענע).

---

דורכגעקומען דעם מאַרק־טאָג בשלום, איז דאָס „בית־המדרש־געסל" אַרויסגעקראָכן פון הינטער די אויוונס, פון הינטער די שאַפעס, בוידעמס און לעכער, ווי זיי זענען געווען באַהאַלטן. געקומען אויף מאָרגן אין בית־המדרש אריין, האָט איינער דעם צווייטן שלום־עליכם אָפּגעגעבן און הויך געזונגען „הודו ה'". נאָכן דאַווענען האָט מען נאָך לעקעך און בראָנפן געשיקט — און ביי דער „אנשי שלומנו" איז געוואָרן באַשטימט אויף דער נאַכט צוזאמענצוקומען און צו מאַכן א שטיקל „משתהלע". כתריאל און עוזרל, ר' ישראלס איידעמס, האָבן צוגעזאָגט ארויסצוקריגן פון שווער דעם „זונדלס" (נאַטעלעס) טויבן. און אַזוי ווי דאָס זונדל איז טויט־חרוב וועט ער אוודאי נישט קאָנען מתרעם זיין. — און עס איז אוודאי כדאי, אַז יידן זאָלן עסן אויף דער משתה די טויבן, איבער וועלכע די גאַנצע עדה יידן איז געווען אין סכנה, און אונטערברעננגען דעם ענין טויבן, כדי עס זאָל שוין מער נישט זיין קיין „פרחי יונה" ביי יידן, וואָס איבער זיי קומען אלע גזירות אויף יידן.

אזוי איז געווען. די צוויי יונגעלייט זענען אהיימגעקומען פון דאווע־נען, האָבן זיי איבערגערעדט מיטן שווער. זיי זענען ארויף אויפן בוידעם און צוגענומען אלע טויבן, און געשיקט זיי צום שוחט שעכטן.

נאָטע איז געלעגן אויפן בעט טויט־בלאַס. דער קאָפּ, וועלכער איז גע־ווען פאַרוויקלט אין איין גרויסן באַנד, איז געלעגן אונטער א פענכער מיט אייז, די ליפּן נאָך פאַרביסן, און ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט מיטן האַרץ.

נעבן אים איז געזעסן די יוזעפע און האָט אים דערלאַנגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט דערהערט אויפן בוידעם רירן זיך. ער האָט דער־פילט, אַז די טויבן קלאַפּן מיט די פליגלען — עס האָט אים געהויבן פון בעט, ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט רירן; ער האָט אַראָפּגעקאָפּיעט פון זיך די קאָלדרע און געלעגן, און אויסגעהאָרכט.

די טויבן קלאַפּן מיט די פליגלען. ער האָט געקוקט אויף דער יוזעפען און געוויזן מיטן פינגער אויפן באַלקן.

די יוזעפע איז ארויף אויפן בוידעם און האָט אים אַראָפּגעבראכט אין אָרעם א פּאָר יונגע, קליינע, ערשט קוים־קוים מיט עטוואָס פעדערן באוואָקסענע טייבעלעך, וואָס מען האָט ערשט פון זיי די מוטערס אַראָפּ־גענומען, און געשיקט זיי שעכטן.

די טייבעלעך זענען נאָך געווען יונגינקע. די קוים־באַפעדערטע פּלי־געלעך האָבן געקלאַפּט און עפּעס געזוכט... די דינינקע העלדזעלעך, איבער וועלכע א דין, ווארעם הייטל איז געווען אריבערגעצויגן איבער אן איידל ביינדל, וואָס האָט זיך געבראָכן אין די פינגער, האָבן זיך איינגעקאָרטשעט, די קעפּלעך האָבן זיי פאַרבאָרגן אין די פליגעלעך, און מיט די פליגעלעך געזוכט...

ער האָט זיי אין דער האַנט גענומען, די ליפּן פאַרביסן און מיט א פּוס די שטול, וואָס איז געשטאַנען ביים בעט, פון זיך אָפּגעשטויסן; די טיי־בעלעך האָבן צערטלעך געציטערט אין זיין האַנט, און אזוי רחמנותדיק עפּעס געזוכט... ער האָט זיי אונטערן העמד ארונטערגענומען און אויף זיין ברוסט זיי צוגעטוליעט און געוואַרעמט זיי...

די טייבעלעך האָבן רחמנותדיק אויף זיין ברוסט געציטערט, און עפּעס געזוכט, געבעטן זיך, קלאַפּנדיק מיט די פליגעלעך...

ער איז בלאַסער געוואָרן אויפן פּנים. די אויגן האָבן זיך אים פאַר־גלייזט און טיף באַהאַלטן אונטערן שטערן, די נאָז האָט זיך אים אויס־געצויגן, בלייכער געוואָרן און דינער, און די ליפּן — ווי זיי וואָלטן פאַר־קרעמפּלט געוואָרן איינע אויף דער צווייטער...

אין שטוב איז שטילער געוואָרן. א לייכטער ווינט האָט אויף די שויבן געציטערט. אלע האָבן זיך ארויסגערוקט פון דער שטוב און איבערגעלאָזט דאָס הויז אליין פאַר דעם דונער, וואָס וועט ארויסברעכן און אלץ צעלייגן און פאַרטיליקן...

ער איז געלעגן און האָט געפילט ווי די יונגע, שוואַכע טייבעלעך צי־טערן אויף זיין ברוסט... די אויגן האָבן זיך אים ארויסגעזעצט פון פּנים.

ווי פויסטן, און פאַרגאָסן געוואָרן אינגאַנצן מיט בלוט. און ער האָט שטיל געשוויגן.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און אַרומגעקוקט זיך. דערזען פאַר זיך ווייצלער, האָט ער זיי צעקייט מיטן מויל אויף מעל, דעם טייבלס פּיסקל אין זיין מויל אַריינגעשטעקט און מיט דער צונג עס צו עסן געגעבן. דאָס דינע טייבלס העלדזל האָט צווישן זיינע פינגער רחמנותדיק געמיאַנטשעט און מיט די פליגעלעך געבעטן זיך...

— גאָט! — האָט ער געגעבן אַ געשריי אויס — געכאַפּט דאָס טייבל, אַ דריי אַראָפּ דאָס קעפּל (דאָס טייבל האָט איין קוויטש געטאָן און אַ דינער שפּראָץ בלוט האָט אים אין פּנים געשפּריצט) און אוועקגעוואָרפן. דאָס צווייטע טייבל אַ דריי אַראָפּ דאָס קעפּל, אוועקגעוואָרפן. דאָס דריטע טייבל... נאָכדעם איז ער אַראָפּ פון בעט, געכאַפּט דעם שפּיגל, אַ זעץ אַראָפּ אויף דער ערד. ער איז צו צו דער שראַנק, מיט איין „וואַלע" צעשפּאָלטן און געוואָרפן אויף דער ערד. צום בעט — מיט די ציין געגעבן אַ ריס אויף דאָס בעטגעוואַנט, און די פעדערן זענען אַרויס. אַ זבענק — און איינגעוואָרפן דעם טיש... געכאַפּט אַ שטול — און אַ האַק אין אויוון — דער אויוון האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף דער ערד; צעריסן דאָס העמד אויף זיך, און די הענט זיך געביסן... צום סוף איז ער געגעבן אַ פאַל אַנידער אויף דער ערד, צווישן די חרובדיקע זאַכן איינגעגנורעט דאָס פּנים אין דער פּאָדלאָגע און איז איינגעשלאָפן, און געשלאָפן לאַנג... לאַנג...

קיינער האָט נישט געוואַגט אין דער שטוב אַריינצוגיין און צו וועקן עם איינגעשלאָפענעם דונער...

# דער יונג מיטן קינד

אז ברוך קאַלאַק האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, האָט ער דערהערט דאָס קינד וויינען נעבן אים, פאַרשלאָפענערהייט, נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער אייניקע מאָל גערופן: „גאָלדע, דער ממזר וויינט!“

גאָלדע האָט זיך נישט אָפּגערופן. אז ער האָט זיך גוט אָנגעהויבן ארומצוקוקן, האָט ער ערשט באַמערקט, אז גאָלדע איז נישטאָ.

צוערשט האָט עס אים א ביסל געוווּנדערט, געטראַכט: זי איז אוודאי צום וואסער געגאַנגען זיך וואַשן. ער האָט אויסגעזוכט א שטיקל לייוונט און דעם קינד אין מויל געשטעקט, אַז עס זאָל אויפהערן צו וויינען.

ער האָט זיך דערווייל אָנגעטאָן, טראַכטנדיק — וויפל מען וועט קאָנען פּאַקן פאר די ווילבערנע לייכטער, וואָס זיי האָבן בייגעבראַכט פון זשאָכלינערס שאַנק געצויגן. ער איז ארויף מיט איין פוס אויפן בוידעם, באַטראַכט די חפצים — זיי זענען נישטאָ! ער שאַרט אהין, שאַרט אהער — נישטאָ. ער איז אראָפּ פלינק פון בוידעם, אראָפּגעריסן דאָס לײלעך פון וואַנט — אירע זאכן זענען נישטאָ! דעמלט איז אים קלאָר געוואָרן אין מוח: זי איז אַנטלאָפן פון אים.

— מיט וועמען?

מיט שלמה שלאָסער אָדער מיט חיימל גנב?

— אַנטלאָפן, גיי ברעך הענט און פיס! אויף טויזנט כפרות... צו אלדע שוואַרצע יאָר!... האָט ער מיט א געמאַכטן שמייכל געזאָגט און אויף די ווענט געשפיגן. א געשעפט האָסטו?... הע... הע... הע...

ער האָט געוואָרפן א בליק אויפן קינד.

— אָבער מיטן ממזר וואָס מאַכט מען, מיטן בענקאַרט?

ער האָט א מינוט געקלערט, רעדנדיק צו זיך:

— וואָלט איך געוווּסט וו זי איז, וואַרף איך דאָס קינד הינטער דער טיר ארונטער. נאַ, האָסטו דאָס דייניקע!...

א שלעכטער געדאַנק איז אים איצט אין קאָפּ ארייַנגעפאַלן. די נאָז

איז אים בלייך געוואָרן, ער האָט די אויבערשטע ליפּ פּעסט מיט די ציין פֿאַרביסן, און די הענט האָבן אָנגעהויבן ביי אים צו טרייסלען... ער איז צו צום קינד, עס איז געלעגן, אַראָפּוואַרפנדיק מיט איין פיסל די ברודיקע שמאַטע פון זיך, און די הענטלעך האָט עס אין מיילעכל אַרייַנגעפּאַקט. מיט די אייגעלעך האָט עס ערגעץ ווו אַהין געשמייכלט, און די פאַלדן ביים מיילעכל האָבן אים אין עמעצן דערמאָנט, אין אַ גאַנץ אַלטן און אַ באַקאַנטן מענטשן, וואָס ער האָט אים אַמאָל געזען, און ער געדענקט נישט — ווען און ווו...

ער האָט זיך פון דעם קינד אָוועקגעדרייט, געוואָרפן דעם הוט אויפן קאָפּ און איז ארויס אין גאַס אריין, צושליסנדיק די טיר נאָך זיך.

ער איז אָפּגעגאַנגען אייניקע טריט, האָט עס ביי אים אין האַרצן נישט געקאָנט רוען. אין די אויערן האָט ער געהערט דעם קינדס געוויין, און געזען האָט ער, ווי עס וואַרפט מיט די פיסעלעך און עס רופט עפּעס... ער האָט ווייטער נישט געקאָנט גיין, אויסגעשפּיגן.

— אך, וואָלט איך זי געפּאַקט, אָט אזוי, וואָלט איך זי ביים גאָרגל אָנגענומען און געשטיקט, גוט געשטיקט, ביז זי וואָלט די צונג ארויסגעשטעקט, די צונג... די צונג!...

ער איז אריין אין א געוועלבל, געקויפט א זעמל און איז צוריק אויפן בוידעם ארויף.

דאָס קינד איז געלעגן, ווי פריער. אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שמאַטע, מיט דעם נאָך פון פריער לויכטנדיקן שמייכעלע אויף די ליפּן, וואָס האָט אים אין דער מוטער דערמאָנט...

— אַ, אויסגעראָט זאָלסטו ווערן!... עס וועט אים גאָרנישט זיין דעם בענקאַרט אירן!...

ער איז נאָכאַמאָל פון דער שטוב ארויס. אָבער ער האָט נישט ווייט געקאָנט גיין, ער האָט אַלץ כסדר געהערט דעם קינדס געוויין הינטער זיך. פיל מאָל האָט ער זיך געזאָגט: „עס וועט אים גאָרנישט זיין, דעם בענקאַרט אירן!" — אָבער ער האָט נישט קיין פוס געקאָנט שטעלן ווייטער, ביים האַרץ האָט עס אים גענאָגט... גענאָגט... ער האָט צונויפגעקוועטשט די הענט אין א קולאַק און איז נאָכאַמאָל אין שטוב אריין.

איצט האָט שוין דאָס קינד הויך געוויינט מיט א לאַנגן קינדישן געוויין: מאַמ=מ=מ=מא, מאַמ=מ=מ=מא!

— די מאַמע רופט עס נאָך! גיי, זוך דיר דיין מאַמע, די אויסגעלאַסענע!... א כאָלערע זאָל זי דאָרט פּאַקן, ווו זי איז! זוך זי דיר...

ער האָט דאָס קינד אויף די הענט גענומען.

דאָס קינד האָט זיך וואָרעם צו אים צוגעטוליעט, מיטן מיילעכל עפּעס בײַ אים געזוכט... דאָס פּנים, די הענט אים געזייגט און אַזוי זיך וואַרעם געטוליעט צו אים...

— אַ כאָלערע זאָל זי דאַרט פּאַקן, וווּ זי איז!... האָט ער געשאָלטן, און דאָס קינד געגלעט מיט דער האַנט איבערן בעקל, איבערן לײַבל:

— שווייג, שלמהלע, שווייג... שווייג... איך בעט דיך. שווייג... איך בעט דיך!

נאָר דאָס קינד האָט געזוכט מיטן מיילעכל, געוואָרפן מיט די הענט־לעך און געמאַכט מיטן קעפּל, ווי עס וואָלט עפּעס רעדן געוואָלט... ער האָט עס וואַרעמער צו זיך צוגעטוליעט, אויפגעזוכט אַ ביסל קאַלטע מילך אויפן אויוון, אַרײַנגעבראַכט די זעמל און האָט דעם קינד מיט אַ לעפּעלע צו עסן געגעבן. דאָס קינד האָט געגעסן פון זײַן האַנט, און ער האָט שטיל גערעדט צו אים:

— עס געזונטערהייט, איך בעט דיך... דײַן מאַמע, אויסגעראַט זאָל זי ווערן, אַנטלאָפן — איבערגעלאָזט דיך. אַ הונט לאָזט נישט איבער די הינ־טעלעך, איז זי ערגער פאַר אַ הונט. אַ קאַץ לאָזט נישט איבער אירע קע־צעלעך, איז זי ערגער פאַר אַ קאַץ... שווייג... איך וועל דיך נישט איבער־לאָזן... זאָל איך שוין אַזוי לעבן!...

אַז דאָס קינד האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט ער עס אין אַ טוך אײַנגע־וויקלט און איז דערמיט אין גאַס געגאַנגען.

געקומען אין מאַרק אַרײַן צו קראַדניקס „שטעל", ווערט אַ גערודער! „קאָלאָק" גייט מיט אַ קינד! קראַדניק רופט צו אים פון דער „שטעל":

— וווּ האָסטו דאָס „יאַטל" געפּאַקט?

די קראַדניקאָווע הייבט זיך אויף מיט אַ גרויסער גדולה, לויפט צו צו אים מיט אויפגעעפנטע הענט, ווישט זיך איבער איין מאָל האָס פּנים מיטן פאַרטעך פאַר גרויס פרייד, לאַכט און קלאַפּט דעם קינד אין געזעסל אַרײַן:

— קאָלאָק, עס איז דײַנס!... זאָלסט מיר לעבן, זע, ס'אַר אַן אייגע־לעך ער האָט, איך וואָלט געשוווירן, אַז עס איז פון דער — פון דער מאַ־רינע מיט דער גראָבער נאָז: פונקט איר נאָז, זאָלסט מיר אַזוי לעבן! אַ קינד אַ קרוין, גיב עס נאָר, גיב עס נאָר אַהער!

און זי נעמט פון אים דאָס קינד, וואַרפט עס מיטן האַנט: אַזוי, דו פּופּיק איינער, אַ פּשישאָק!...

דער אלטער קראַדניק מיט דער אייגער האַנט, דער „רבי“ פון די גנבים, דערהייבט זיך זייער פּאַמעלעך פון זיין שטעל, גייט צו, באַטראַכט דאָס קינד און קלאַפּט דערנאָך קאַלאַקן אין פּלייצע:

— נישקשה, נישקשה פון א „יאַטל“. וועט געשיקט דורך א ליפּמשיק קריכן! ווער איז די מוטער?

— זאָל איר דאַרט א פייער אין אירע אויגן אין אירע אויגן זיך אָנצינדן, ווו זי איז אַנטלאָפן ביינאַכט, די לייכטער מיטגענומען!...

— און דאָס קינד האָט זי איבערגעלאָזט?

—איבערגעלאָזט.

— איז נישט גוט... איז נישט גוט! — קראַצט זיך דער אלטער קראַדניק אין קאָפּ. דער יונגער קראַדניק קומט צו, און מאַכט צו קאַלאַקן אזוי:

— נישקשה, וועסט איצט מעגן די „פרנסה“ אוועקלייגן. א גיאַנקע ווערן: א שטיקל דיר אָפּגעטאָן, וואָס?

— זאָל דיר דיין קאָפּ פאַר מיר נישט דאַרן! גאָט איז א פאָטער, און קאַלאַק איז קאַלאַק!

גענומען דאָס קינד אויף דער האַנט, האָט ער זיך געלאָזט איבער דער שטאָט.

אים האָט זיך געדאַכט, אז מענטשן קוקן אים נאָך, טייטן מיט די פינגער און לאַכן אים אויס.

ער האָט זיך פאַר א געוועלב אָפּגעשטעלט און אריינגעשאָלטן:

— וואָס לאַכט איר! א מענטש האָט א קינד. איר מעגט האָבן קינדער, די כאָלערע זאָל אייך פאַקן, און איך נישט?!

ער איז אויסן שטאָט ארויס, אָנגעקומען צום וואַלד און זיך ביים סטאַוו געזעצט.

ארום אין דער געגנט איז קיינעם נישט געווען צו זען; נאָר די צווייגן פון די ביימער האָבן טרויעריק געראַוישט, אראָפּוואַרפנדיק פון זיך די געלע בלעטלעך. און פון גאַנץ ווייט האָט זיך א וואסער צווישן די שטיינער געגאָסן. ער האָט דאָס קינד ביי זיך אנידערגעלייגט און מיט א ביטערקייט געקוקט אויף אים. דאָס קינד האָט אים שווייגנדיק אָנגעקוקט, דאָס הענטל אין מיילעכל געזויגן און פון עפּעס געקלערט — ווי עס וואָלט זיך אין זיין וועלט דערמאָנט, אין דער וועלט, פון וועלכער עס איז געקומען צו גיין.

קאַלאַק האָט נישט געוווסט, וואָס אָנצוהייבן מאַכן מיטן קינד. ער האָט אין איין מינוט געקלערט, ווי אזוי פון דעם קינד פטור צו ווערן... נאָר באַלד האָט אים ארומגענומען אזא רחמנות אויף זיין אייגן קינד,

אויף זיין אייגן בלוט און פלייש... ער האָט דאָס קינד אין אָרעם גענומען, פעסט צו זיך צוגעדריקט און געקוקט דערויף, אזוי אומעטיק, מיט אזא ליבע, אז דאָס קינד האָט דערפילט זיין ווארעמען בליק און עס האָט צו אים אקעגן געשמייכלט.

— ווער ביסטו? שלמהלע, ווער ביסטו? — ווו איז דיין מאַמע? די מאַמע, ווילסט צו דער מאַמען? יאָ, דו ווילסט?

דאָס קינד האָט צו אים אקעגן מיט די פיסעלעך געטאַנצט און גע־שמייכלט אזוי ליבלעך, אזוי גוט.

ער האָט אין דעם קינדס געזיכט זיין פּנים דערקענט, אים איז ווארעם אין די גלידער געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען, ער האָט זיך געפרייט, אז עס איז נאָך ווער דאָ, וואָס זעט אויס ווי ער.

— קליינער קאָלאַק — מאַכט ער צום קינד: — יאָ, דו ביסט א קליי־נער קאָלאַק, און דו וועסט זיין א יאַט, קריכן דורכן ליפּשיק אויף בוי־דעמס, שלעסער אָפּדרייען און קאַלב־לעדער גנבענען! און דו וועסט האָבן קינדער, און די מאַמע וועט פון זיי אַנטלויפן — יאָ, און וועסט מיט דיינע קינדער איבער די הייזער גיין? — יאָ, ווער ביסטו, דו קליינער קאָלאַק? ווער ביסטו? א קאָלאַק, איך קאָלאַק, — דו — איך, יאָ? מיין... מיין!...

ער האָט דאָס קינד אַרייַנגענומען צו זיך הינטער דער וועסט און גע־ווארעמט זיין ברודיק לייב מיטן קינדס ווייך לייבל. דאָס קינד האָט דאָס קעפּל איינגעבויגן און בײַ אים עפּעס געזוכט, געלעקט זיינע פינגער, געזויגט.

— ניין, איך האָב נישט קיין ברוסט, גאָט האָט מיר נישט געגעבן פאַר דייַנעטוועגן צו קאָרמען. וואָלט איך געהאַט פאַר דייַנעטוועגן בריסטן, וואָלט איך זיי קיינעם נישט פארקויפט... קיינעם נישט אוועקגעגעבן... איך וואָלט נישט אַנטלאָפן פון דיר...

ער האָט דאָס קינד אוועקגעלייגט ביים ברעג פון סטאַוו, זיך געשטעלט הינטער א בוים און געקוקט אויפן קינד וואָס וועט עס טאָן.

דאָס קינד איז ווי פריער געלעגן און געזייגט די הענטעלעך מיטן מיי־לעכל, געגראָבן מיט די פיסלעך און געוויינט שטיל ווי שפּילנדיק זיך: מאַמ־מ־מא, מאַמ־מ־מא.

ער האָט זיך אָפּגערוקט א בוים ווייטער, ווי אוועקגנבענענדיק זיך פון זיך אליין... זיינע אויערן האָבן נאָך קוים פארנומען דעם קינדס געוויין... אזוי האָט ער זיך אָפּגעגנבעט פון קינד פון בוים צו בוים, ביז ער האָט עס שוין מער נישט געזען און נישט געהערט, דאַן האָט ער אָנגעהויבן פלינק צו אַנטלויפן.

ער איז געלאָפן איבער פעלדער, ווייט אוועק, און אין די אויערן האָט אים געקלונגען דאָס קינדס געוויין: מאַמע-מאַ, מאַמע-מאַ! און אים האָט זיך אָפּגעדאַכט אַלץ, ווי דאָס קינד קייקלט זיך אין סטאַוו אריין... ביים האַרץ האָט עס אים גענאָגט... גענאָגט... און דער ראנד פון קאָפּ האָט ביי אים אָנגעהויבן ווי צו טאָן... די הענט האָבן אים געציטערט — און ער איז ווייט, ווייט אַנטלאָפן.

פּלוצים האָט ער זיך אין מיטן לויפן אָפּגעשטעלט. אַרומגעקוקט זיך און אָנגעהויבן זיך פלינק צוריקקערן צום קינד, ביים ברעג סטאַוו...

דאָס קינד האָט ער געפונען וויינענדיק הויך: מאַמע-מאַ, פּאַ-פּאַ, מאַמע-מאַ, פּאַ-פּאַ!...

ער האָט עס אויף די הענט גענומען און איז געגאַנגען דערמיט צו די נאָענטסטע הייזלעך, וואָס זענען הינטער דעם וואלד; געגאַנגען פון טיר צו טיר און געבעטלט מיט א געבראָכענער שטים:

— גיט פאר א קינד, א יתום, א לעפל מילך... גיט פאר א קינד, א יתום, א לעפל מילך!...

# עס האָט זיך נישט געלוינט

## (אַ בילד)

דער פאַרנאַכט האָט זיך לייכט, ווי מיט צערטלעכע טריט איבערגעצויגן איבער דעם ווייטן־ווייסל ברעג. דאָס וואַסער האָט זיך רואיק, ווי צום איינשלאָפן, געוויגט אין זיין ברייטן ראַנד, און ווייט אין דער וועלט אַריין אַ שטומע בערלינקע פאַרפירט... ביים עק הימל, דאָרט ווייט ווו עס האָט זיך שוין געריסעוועט די אייזערנע בריק הענגענדיק אין דער לופטן, האָט דער הימל אין איין רויט פייער געפלאַמט. דער ברענענדיקער הימל האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן די געמויערטע זיילן, אויף וועלכע עס ליגט די אייזערנע בריק, און אין דעם רויטן הימל האָט זיך געריסעוועט הויכע שפּיצן פון קירכן, קירכן און קירכן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גרויסע נשמה פון דער גרויסער שטאָט וואַרשע ברענט זיך און בראָט זיך דאָרט אין גיהנום איבער אירע פילע זינד, וואָס ווערן אין איר אָפּגעטאָן דורך דעם לאַנגן הייסן זומער־טאָג...

אויף דעם וואַסער, פון קאַזמער צו, איז געשוווּמען אַ בערלינקע מיט אויבס אין דער גרויסער שטאָט אַריין. באַשע, אהרן „כל־מיר'ס" אויבס־הענדלערס טאָכטער האָט זי געפירט. אַ געזונטע, רויטע מויד, וואָס נאָר אין דער פראָווינץ אַליין, אין די סעדער, קאָן גאָר אַזעלכעס אויפוואַקסן, און אהרן אַליין האָט מיט דעם שיפלער נאָכגעשטופּט. עס איז שוין געווען סוכות־צייט. אהרן סאַדאָווניק האָט דאָס אויבס פון די ביימער אַראָפּגענומען און געפירט עס נאָך וואַרשע מיט דער בערלינקע. דער ווינט האָט אהרנען די לאַנגע שוואַרצע באָרד צעבלאָזן, די שפּאַלטן פון זיין קאַפּאָטע צעשפּרייט, עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן די ציצית. דער ווינט האָט דאָס טיכל פון באַשעס קאָפּ אַראָפּגעריסן, צעלאָזט איר די שוואַרצע געדיכטע צעפּ, וועלכע האָבן איר געפּאַטשט אין די רויטע, געזונטע באַקן, און אַזוי צופאָרנדיק צום שילעץ צו, האָט זיך געדאַכט, אַז אהרן מיט זיין בערלינקע שפּאַלטן און שיידן דעם הימל

פון וואַסער אָפּ, וואָס אַ לייכט ציטערנדיק געפּעלע האָט קוים צוזאַמענ־געוועבט דאָרט אין עק וועלט דעם הימל מיט וואַסער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס זענען צוויי הימלען...

אָנקומענדיק צום שילעף צו, צווישן די פיל אַנדערע קליינע שיפ־לעך, וועלכע זענען אָנגעבונדן ביים ברעג, האָט באַשע באַמערקט פונדערווייטנס „פּשאָריקן“, אַן אָפּגעריסענעם ווייסל־יונג, וועלכער היט נאָר אָפּ די בערלינקעס מיט אויבס, אַז ער זאָל קאָנען עפּעס באַקומען.

באַשע האָט זיך אָפּגערופן צום פאָטער:

— זע, פּשאָריק וואַרט אונדז שוין אָפּ.

— דער דראָנג איז דאָ — האָט אהרן געזאָגט, קוקנדיק אויפן דראָנג. וואָס איז ביי אים געלעגן.

זיי זענען אָנגעקומען צום ברעג, אהרן האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס אייזן אין וואַסער אַריין, אַרויסגעקראָכן, אָנגעבונדן די שטריק ביי דעם גאָענטסטן בוים. פּשאָריק איז צוגעקומען, גענומען אָן די שטריק און גייט העלפן.

— איך דאַרף דיך נישט, נאָר מאַך דיר נישט קיין פּיסל — האָט אים אהרן אָפּגעשטופּט.

—זעט נאָר, וואָס האָט איר מורא, איך וועל אייך אַ שטיקל אָפּ־בייסן?

— מען וועט זיך קאָנען אַן דיר אויך באַגיין — האָט אים באַשע פון דער בערלינקע אַראָפּגעוואָרפן.

— הע, אַ רוח איר אין די אויגן — האָט פּשאָריק צו איר אַ שעל־מישןווינק אהין געוואָרפן.

— דו פּשאָריק, גיך, גייסטו אַוועק — האָט באַשע געכאַפּט דאָס דרענגל.

עס איז דערווייל צוגעקומען דער סטראַזשניק וואָס שטייט דאָרט. גאַנץ שיין זיך געוויטעוועט מיט אהרנען, אהרן האָט דאָס היטל אַראָפּ־גענומען. פּשאָריק פון דער ווייטן האָט אויך מיטן הוט געגריסט.

— אַ גוטער יונג — האָט דער סטראַזשניק געקלאַפּט פּשאָריקן אויפן רוקן, און מיט דער צווייטער האַנט אים דעם הוט איבער די אויערן געצויגן — אָבער זע, גוטער ברודער, אַז דו זאָלסט מיר נישט צווישן מיינע פינגערלעך אַריינפאַלן.

— צייט געווען, צייט געווען — האָט אהרן מסכים געווען.

— ניטשעוואָ — האָט פּשאָריק זיך פון סטראַזשניקס האַנט אַרויסגעדרייט.

---

אַז מען האָט שוין די בערלינקע ביים ברעג פאַרפעסטיקט, איז באַשע געגאַנגען אין נאָענטן געוועלבל אַריין, אײַנקויפן די נייטיקע זאַכן.

עס איז שוין געווען האַלב־טונקל. די נאַכט האָט געשוועבט אין דער לופטן און צווישן די קופּעס שטיינער וואָס ליגן פאַרן ברעג. צוריקגייענדיק מיט די זאַכן פון געוועלבל צו דער בערלינקע — האָט זי פּשאָריקן באַגעגנט. זי האָט געוואָלט פליגק פאַרבײַלויפן, פּשאָריק האָט אָבער איר דעם וועג פאַרהאַלטן, און זי ביי דער האַנט אָנגענומען, שעלמיש איר געקוקט אין די אויגן.

די מויד האָט זיך געוואָלט פון אים אַרויסרייסן, ער האָט זי אָבער צו פעסט געהאַלטן, און זי האָט מורא געהאַט, אַז דער צוקער מיט דער טיי זאָלן זיך איר נישט אויסשיטן, האָט זי זיך שטום געווערט; ער האָט זי אָבער פעסטער אַרומגענומען און צו זיך געדריקט.

די פּראָווינציאַלע מויד, וואָס קיין אויג האָט זי קיינמאָל נישט ביי זיי אין שטעטל אָנגערירט — איז רויט געוואָרן. עס האָט אין איר עפּעס אָנגעהויבן צו קאָכן... און נישט ווייסנדיק אַליין האָט זי דעם יונג מיט אַזאַ קראַפט פון זיך געגעבן אַ שטויס אַפּ, אַז דער יונג האָט זיך איבער־געקוויקלט, און פליגק צו דער בערלינקע צו.

---

עס איז געווען נאַכט, נאָר נישט די נאַכט האָט געהאַנגען איבערן וואַסער — די נאַכט אין וואַסער, דאָס וואַסער אין דער נאַכט, פאַרזונקען אין די אָרעמס זענען זיי ביידע ערגעץ־ווו געווען פאַרוואָרפן. זעלטן־ווו האָט אין דער נאַכט אויסגייענדיק שטערנדל געבלאַנדזשעט, און דאָס וואַסער איז אַזוי שטיל געווען, אַז דאָס פליסטערן פון אַ וואל גאַנץ טיף, האָט זיך געדאַכט, ווי אַ שטילע לאַנגע מעשה פאַרציילט פון אַ שטילער נשמה. טיף אין דער נאַכט האָבן זיך דאָ און דאָרט געשוקט ליכטלעך, און עס האָט זיך געדאַכט, ווו אומענדלעכע, שוואַרצע חיות זענען מיט זייערע לאַפּעס אין וואַסער אײַנגעזונקען, און דאָס שטערנדל, דאָס אויג, שיינט זיך אין זייער שטערן.

פּשאָריק איז אין דער שטיל צוגעקראָכן, אויף אַלע פיר, צו דער

בערלינקע. און ליגנדיק מיטן קערפּער אויפן ברעט, וואָס ליגט פון ברעג צי דער בערלינקע, האָט ער זיין האַנט אין דער בערלינקע אריינגעשטעקט צו גנבענען אויבס —

ער איז געלעגן אויפן ברעט, און מיט דער האַנט אין דער שטיל געטאַפּט אין דער בערלינקע. פּלוצלונג איז ער שטיל רואיק געבליבן. דאָס האַרץ האָט אין אים הויך אויפגעהערט צו קלאַפּן ווי ביז איצט, נאָר אין דער שטיל זיך באַוועגן. זיין האַנט האָט זיך אריינגעקנאָטן אין עפּעס רונדיקס, ווייכס און וואַרעמס. דער יונג איז געלעגן. ער האָט מורא געהאַט צו קלערן, אַז מען זאָל זיינע געדאַנקען נישט הערן, מיטן האַרץ מורא געהאַט צו פילן, און די האַנט אזוי ווי זי האָט זיך אַריינגעקנאָטן, אַזוי האָט זי זיך אין וואַרעמס געהאַלטן. דאָך, נאָך דער ערשטער באַרוישונג — האָט דער יונג געפּרוווט די האַנט ווייטער צו שיקן... עס האָט זיך געלאָזט — דאָס ווייכע, האָט ער געפילט, ווי עס דערוואַרעמט זיך, עס זידט אונטער זיין האַנט. און איין געפיל האָט אים אָנגענומען: ער האָט אין זיין האַנט עפּעס לעבעדיקס מיט אַ רצון... און דעם יונג האָט עס געצויגן... ער האָט זיך אין דער מחשבה געמאַכט פאַרגעסן פאַר זיך אַליין ווו ער איז, וואָס עס איז, נאָר ער האָט זיך געגליטשט בעענטער, נעענטער... און ער האָט דערפילט וואַרעמס און ווייכס...

ער איז געבליבן ליגן איינגעזונקען, ווי מען וואָלט אים אַרויף גיגוואָרפן, ער האָט דערפילט אַ וואַרעמען אָטעם, וואָס האָט אים אַרומגענומען ווי אונטער אַ וואַרעמער דעק... און ער איז געבליבן ליגן אָן זיך צו באַוועגן, נאָר געגאָרעט מיט זיין פּנים אין אַ ווייכן, וואַרעמען האַלדז, וואָס האָט זיין פּנים אין זיך אזוי ווייך אַריינגענומען ווי אין אַ וואַרעמען פוך.

דאָס „וואַרעמע", דאָס „ווייכע" האָט זיך אונטער אים געלאָזט ליגן אַזוי שטיל, אַזוי אָן זיך צו באַוועגן, ווי עס וואָלט גאָר קיין לעבעדיקס נישט געווען. נאָר דער הייסער אָטעם, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די נאָזלעכער האָט אויף זיין נאַקעטן האַרץ געקלאַפּט, אין האַרץ זיך אריינגעצויגן און געוואַרעמט...

דער יונג איז געלעגן שטיל, געשוויגן אין האַרץ און אין קאָפּ.

און די נאַכט איז געווען אין וואַסער און דאָס וואַסער אין דער נאַכט. און ביידע אין די אָרעמס פאַרזונקען זענען ערגעץ־ווו געווען פאַרוואָרפן, און שטיל איז געווען אַרום און אַרום, ווי די וועלט וואָלט דעם אָטעם אויפגעהאַלטן, וואַרטנדיק מיט שרעק אויף עפּעס...

נאָר צייטנווייז האָט די לאָדקע אין וואַסער זיך באַוועגט, און דאָס וואַסער האָט אין דער שטיל און אין דער פינצטער דעם ברעג געקושט, געגלעט און געקיצלט...

---

אין דער וועלט איז עפּעס געשען: פאַרנעפּלט נאָך אין טונקעלן שלייער, און דאָך ווייסט מען נישט ווי אַזוי — אין דעם נעפּל הייבט זיך שוין אָן אָפּצושיידן דער הימל פון וואַסער. עפּעס זייער אַ גרויעס, ווי וואַסער פון אַ גרויסן ים, האָט זיך אַריינפאַרבלאָנדזשעט אין פינצטערן נאַכט-ים אַריין, און האָט פאַרגרויט די וועלט. אַרום און אַרום איז אַלץ געווען פאַרהאָנגען נאָך אין דעם גרויען נעפּל, און די בערלינקעס, די הייזלעך אַרום ביים וואַסער, וואָס זייערע סילוועטקעס האָבן זיך געריסע-וועט פון נעפּל, האָבן דעם איינדרוק געמאַכט פון אַ „ניכטערן", וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, און איז נאָך פאַר „מה טובו"... נאָר האָט אַמאָל מער זענען די בערלינקעס בולטער אַרויסגעקומען פון נעפּל. די אייזערנע בריק האָט זיך פון הערווייטן געוויזן, און צווישן די זיילן איך וועלכע זי ליגט, האָבן סילוועטקעס פון דעכער, דעכער און דעכער געריסעוועט זיך אויף אַ גרויען גרונט...

פּשאָריק איז געשטאַנען ביים ברעג פון דער ווייסל, געקוקט אָן צו היסן אַליין, ווייט אין האָריזאָנט, און האָט דאָס מויל ברייט אויפגעעפנט, די הענט משונה פאַרבראָכן, און ברייט געגענעצט — עס האָט זיך נישט געלוינט.

די גרויע וועלט אַרום און אַרום האָט פּשאָריקן נאָכגעגענעצט: עס האָט זיך נישט געלוינט.

אין דעם גרויען טאָג-שיין — צווישן אַנדערע בערלינקעס, איז אויך אָנטפּלעקט געוואָרן אהרן כל-מיר'ס פון קאַזמערם בערלינקע. דער גרויער טאָג-שיין האָט באַגרויט באַשען, וועלכע איז געלעגן אויף איר שעניק, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּאַטערם פעלץ, עס האָט זיך געוויזן די נאַקעטע פיס אַרויסשטאַרנדיק פון דער רויטער האַלקע און די געדיכט-שוואַרצע ציפּ זענען געווען צוזאַמענגעדריקט אויף אירע רויטע אָפּגע-לעגענע באַקן...

---

# א „דינה"

אין דער שטאָט האָט זיך געפונען אַ יונגער מענטש, וועלכן מען האָט גערופן גדליה קלאַרנעט. דער גדליה קלאַרנעט איז געווען אַ גרויסער בקי אין אַלע העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, וואָס געפינען זיך נאָר אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור. דעריבער טאַקע האָט ער זיך געמאַכט נאָך דער חתונה אַ „שטיבל", ד. ה., ער האָט אויסגעבאָרגט ביכער צום לעזן. דאָס איז נאָך נישט געווען זיין עיקר־פּרנסה. פון די ראָמאַנען האָט ער זיך אויסגעלערנט שיינע ליבעס־בריוו שרייבן; זענען געקומען צו אים פאַרליבטע מיידלעך און פאַרליבטע בחורים ליבעס־בריוו לאָזן שרייבן. אַ פּראָסטער ליבעס־בריוו האָט געקאָסט צוואַנציק גראָשן, נאָר נאָר אַ העכסט טראַגישער ליבעס־בריוו, למשל, אַז דער פאַרליבטער זאָגט אָפּ ווידוי פאַר זיין „אנגעל" איידער ער גייט זיך הענגען, וואַרפן זיך אין וואַסער אַריין — האָט געקאָסט אַ גילדן. ווייטער האָט זיך געפונען ביי אים אַ פּאָגאָגראַף, וואָס האָט געהאַט צוועלף רערן, און פאַר אַ צווייער האָט מען געקריגן צוויי רערן און מען האָט געהערט דאָס ליד: „וואָס ועט זיין אז משיח וועט קומען". אויסער דעם האָט גדליה קלאַרנעט געלערנט בחורים „נאָטן" אויף פידל שפּילן.

דער גדליה קלאַרנעט האָט געהאַט אַ טבע אויף אַלעס, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין שטאָט, צו פאַרפאַסן אַ ליד אויף צו זינגען: האָט אַ התן די כלה אָוועקגעוואָרפן; האָט מען די מקווה פאַרחתמעט און די ווייבער זענען געקראָכן איבערן דאַך — אין שוין געוואָרן פאַרפאַסט אַ ליד. יעדעס ליד האָט זיך אַזוי אָנגעהויבן:

„הערט אויס מענטשן פון דער גאַנצער וועלט
וואָס האָט זיך געטון פערלויפן..."

ביי אים זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע קאַמאַשנמאַכערס און שניידער־געזעלן, וואָס האָבן גענומען ביכער צו לעזן — פלעגן זיי זיך

דאָס ליד אויסלערנען, און דאָס ליד פלעגט שוין באַלד אין שטאָט פאַרשפּרייט ווערן: קינדער האָט מען דערמיט איינגעשלעפערט, דאָס קלאַפּערײַ פון ניי-מאַשינען האָט עס פאַרשטומט. און נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז מען האָט גדליהן טאַקע די ביינער אונטערגעהאַקט פאַר אַזעלכע לידער, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, ער האָט שוין געהאַט אזא טבע...

איז אַראָפּגעקומען פון לאָדזש צו פאָרן אין שטעטל אריין לייבל היטלמאַכער, אַן אכצניעריקער בחור פון גדליה קלאַרנעטס חברה. ער האָט מיטגעבראַכט פון לאָדזש אַ היטל מיט אַ קלײנער דענקע; אַ פּאָר געקנייטשטע שטיוועלעך לויט דער נייסטער מאָדע, וועלכע האָבן געטאָן אויך סקריפּען, און אַ ניי ליד, וועלכעס הייסט „אויף דער בריק". אין דעם לידל ווערט „פויערגעזונגען", ווי אַ מיידל געזעגנט זיך אָפּ „מיט איר ניי-געבוירן קינד", „וועלכעס איז געקומען איבער אונשולדיגע זינד" און די יונגע מוטער לאָזט עס איבער איינס אַליין ביי דער בריק. דאָס ליד האָט אַ גרויסן רושם אַנגעמאַכט אין דער שטאָט: מיידלעך האָבן פיל טרערן היבער פאַרגאָסן, און בחורים האָבן זיך א גרויסן מוסר אַראָפּגענומען...

„און די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען אין אַ רויט געשטאַלט", „און דער הימל האָט זיך געהילט אין אַ פינצטער קלייד". „דאָס שטעטל אין זיך שוין געגאַנגען שלאָפן לייגן" און פאַר גדליה קלארנעטס טיר זענען געזעסן חברה קאַמאַשנמאַכערס מיט נייטאָרינס, גדליה קלארנעטס ביכער-לייענער, און איבער דעם שלאָפנדיקן שטעטל האָט געקלונגען אַזאַ ליד:

„גייט דער גראף אין וואַלד אַליין,<br>
„טרעפט ער אַ מיידל ביים בוים שטיין.<br>
„ — מיידעלע, מיידלשי,<br>
„וואָס טוסטו אין וואַלד אַליין?<br>
„איך בין געגאַנגען אין וואַלד אַריין,<br>
„און וויים נישט ווו אהיים צו גיין..."

צווישן דער חברה איז אויך געווען לייבל היטלמאַכער. ער האָט זיי פאַרציילט פון לאָדזשער יידישן טעאטער, אַז ער איז דאָרט אַ גאַנצער מאַכער; ער קען זיך מיט די אַרטיסטקעס און מיט די אַרטיסטן. און ווי מען הייבט נאָר אָן שפּילן, איז ער שוין הינטער דער סצענע... און

אַזוי ווי מען האָט געשמועסט פון יידישן טעאַטער, האָט אַ יונג פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל אַליין מאַכן אין שטעטל אַ „טרופּע" און מען זאָל אָפּשפּילן דאָס שטיק „בר כוכבא". דעם עולם איז דער פּראָיעקט זייער געפעלן, און עס איז געוואָרן באַשטימט, אַז מען זאָל מאַכן „קוויטלעך"; יעדעס „קוויטל" זאָל קאָסטן פינף קאָפּעקעס, און יעדער יונג, און יעדע מויד, וואָס וויל אַריינטרעטן אין דער „טרופּע", מוז קויפן יעדע וואָך אַ „קוויטל" פאַר פינף קאָפּעקעס און דאָס געלט וועט גיין אויף דער טרופּע.

יעדן שבת נאָכן עסן זענען זיך חברה צונויפגעקומען אין שטאָטס וואַלד אַריין, די קאַפּעלמייסטער זענען טאַקע געווען לייבל היטלמאַכער מיט גדליה קלאַרנעט, וועלכע האָבן אויסגעלערנט דעם עולם די „שטיקלעך", וואָס דער „כאָר" דאַרף זינגען. לייבל אַליין האָט געזאָלט זיין „בר כוכבא". גדליהן, ווייל ער פינטלט מיט די אויגן און שאָקלט צו מיט דער נאָמבע, האָט מען צוגעמאַכט אַ גאַל בערדל און ער איז געוואָרן „פּאַפּוס". דעם העכסטן און שטאַרקסטן יונג האָט מען אויסגעזוכט פון דער חברה און געמאַכט פאַרן „צעזאַר".

געפעלט האָט נאָך אַ „דינה". האָט לייבל פאָרגעשלאָגן שבת אין וואַלד, אַז יעדער יונג זאָל זיך מתחייב זיין עפּעס צו געבן אויף אַ „דינה" און מען זאָל אויסשרייבן אַ „דינה" פון לאָדזש...

צונאָרגנס איז גדליה קלאַרנעט מיט לייבל היטלמאַכער אַרומגעגאַנגען אין אַלע ווערקשטעלן און האָבן צונויפגענומען אויף אַ „דינה" און אַז עס האָבן זיך צונויפגענומען אַ פּאָר גילדן, האָט לייבל מיט לייזער שפּילטער מיטגעשיקט אַ בריוול מיט אַ פּאָר גילדן קיין לאָדזש, און פרייטיק אויף שבת איז אָראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין אַ „דינה".

האָט זיך מיטאַמאָל געוויזן אין שטעטל „אַ מיידל מיט אַ קורץ קליידל", וועלכע האָט געטראָגן אַ פּאָר ראָזע שטרימף, וואָס זענען געווען ווי אַרויפגעגאָסן אויף אירע דינע, נאָר זייער געשיקטע פיסלעך. אויף די פיסלעך אַ פּאָר רויטע פּאַנטאָפּעלעך מיט הויכע קלאָצן. און געטראָגן האָט זי אַ רונדיק שטרויען מעניש קאַפּעליושל אויף אירע קורץ געשוירענע האָר. דערצו נאָך אַזעלכע בראָשקעלעך, מיט בראַנזאָלעטלעך... און אַ גאַנצע חברה מיידלעך מיט יינגלעך זענען איר נאָכגעלאָפן און געטייט אויף איר מיט די פינגער: אַ דינה! אַ דינה!

איינגעשטאַנען איז „די דינה" ביי גדליה קלאַרנעט אין צווייט שטיבל. חברה פון דער טרופּע זענען געקומען צו איר מיט אַ „וויזיט",

און מיטגעבראכט מיט זיך פאר „די דינה“ פרעזענטן: ווער אַ שטיקל שמעקעדיקע זייף, „אַ פלעשל פּעראָפּאָמע“, אָדער פיר לויט „לאַנדאַרין־צוקערלעך“. „די דינה“ איז זיך געזעסן אויף אַ קאַנאַפּעלע און זי האָט אַרויסגעוויזן די ראָזע „שטרימף“ פון קורצן קליידל... ביי איר איז געשטאַנען אַ רונד טיי־טישל און אויף דעם טישל איז געלעגן אַ „העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן“. אין האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס קלאַפּערל און צוגעקלאַפּט זינגענדיק דאָס ליד פון „די דינה“ אין „בר כוכבא“:

„אַזוי לאַנג ווי די זאַנג איז יונגער,
„איז דער קאָרן מאָגער, גרינגער;
„אַזוי לאַנג ווי די זאַנג איז יונגער,
„לאָזט מען זי צורו...“

איז אַריינגעקומען א יונג, האָט ער זיך געגעבן אַ פארנייג און ער האָט זיך אַזוי פאָרגעשטעלט:

— האבע די עהרע מיך פאָרצושטעלן גאָטע שאבשאָוועטץ.

— זייער מיר אָנגענעם — האָט זי געזאָגט און האָט די הענט צו אים אויסגעשטעקט.

דער יונג איז רויט געוואָרן און האָט זיין פּרעזענט אַנידערגעלייגט אויפן טיי־טישל, זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן „שפּרעכען“ וועגן דרייפוסן...

און אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער, זאָל גאָט אָפּהיטן. פון אַלע שופלאָדן האָט מען געלט געגנבעט צו קויפן פּרעזענטן פאר „די דינה“. חתנים האָבן כלות אַוועקגעוואָרפן און געקומען מיט „וויזיטן“ צו „די דינה“, קינדער האָבן פון די מאַמעס פּאַרטעכער געלט אַרויסגעגנבעט און געקליבן אויף בילעטן. און די גאַנצע שטאָט יונגען, אַזוי גרויס ווי קליין, האָבן זיך אַלע איינגעליבט אין „די דינה“, אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און גדליה קלאַרנעטס שטוב באַלייגט, און געזונגען לידער...

די שטאָט איז געוואָרן אומרואיק, ביז עס האָבן זיך געפונען צוויי באַלעבאַטים און האָבן איינגערוימט אַ סוד אין אויער דעם שטאָט־סטראַזשניק, אַז עס איז געקומען צו פאָרן „אַ דינה“, יונגען נעמען געלד צוזאַמען און שבת וועלן זיי אין וואַלד עפּעס אַ יונג פאר א קעניג מאַכן....

דערווייל האָבן זיך די חברה פאָרגעברייט צו מאַכן דעם קינפּטיקן שבת די גענעראַל־פּראָבע אין „פּיִלנאָ־פּאָרם“. באַלד נאָכן מיטאָג איז

מען זיך צוזאַמענגעקומען. אויף אַ בערגל אין וואַלד איז געווען די סצענע. אַרום האָט זיך אויסגעשטעלט דער „כאָר“ און האָט געגעבן אַ זאָג אָפּ אַ שטיקל מיטן „קנאַק“; דערנאָך האָט געטאָן אַ גיי אַרויס דער הויכער יונג מיט דער קאַסקע אויפֿן קאָפּ און אַ רויטן לאַמפּאַס איבער דער קאַפּאָטע. די יונגען האָבן אים געגעבן אַ זעץ אַנידער אויף דעם טראָן, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן פֿאַרן „קעניג צעזאר“. פֿאַר דעם קעניג האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַנידער „בר־כוכבא“ מיט אַ גרויסער שווערד אין דער האַנט. אין אַ צווייטן ווינקל איז דערווייל געשטאַנען גדליה קלאַרנעט מיט אַ געל אָפּגעפּאַרבט פּנים און האָט חנדלעך געמאַכט צו „דער דינה“, וועלכע איז געווען אָנגעטאָן אין א קורץ קליידל מיט אַ קרוין אויפֿן קאָפּ....

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע שפּיל. בר־כוכבא האָט גע־געבן אַ טרעט אַרויס פֿאַרן קעניג און געגעבן אַ מאַך אַזוי:

„איך בין בר־כוכבא, דער יידישער העלד,<br>פֿאַר מיר טוט ציטערן די גאַנצע וועלט“.

דאָ איז אָנגעקומען צו לויפֿן דער סטראַזשניק אין וואַלד אַריין. לייבל היטלמאַכער, אונדזער בר־כוכבא, האָט אַוועקגעוואָרפֿן די שווערד און געמאַכט פּליטה, נאָך אים די חברה מיטן קעניג, מיט די מיניסטאָרז און מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג. זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט „די דינה“. דער סטראַזשניק האָט זי געכאַפּט מיט דער שווערד אין דער האַנט, און האָט זי געפֿירט אין וואַך אַריין.

„דינה“ איז געזעסן אין וואַך, און יונגען האָבן זיך פֿאַרן פֿענצטערל געדרייט און אהין אַריינגעוואָרפֿן צוקערלעך מיט שאָקאָלאַדקעס, און זי האָט פֿון וואַך־פֿענצטערל אַרויסגעוווּנגען „דאָס ליד פֿון די געפֿאַנגענע“...

דערנאָך, אַז מען האָט „די דינה“ מיטן טאַטע אָפּגעשיקט קיין לאָדזש, האָט גדליה קלאַרנעט פֿאַרפֿאַסט אַ ליד אויף דעם, וועלכעס האָט געהייסן דאָס ליד פֿון „די דינה“ און עס האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַלע אַנדערע לידער:

„הערט אויס איר מענטשן פֿון דער וועלט<br>וואָס האָט זיך געטאָן פֿערלויפֿן...“

מיט דעם ליד האָט מען קינדער איינגעשלעפֿערט אין יענע קאַנטן

אַ צייט מיט יאָרן, ביז עס האָט זיך נישט געמאַכט די סיבה פון דער „דערטרונקענער כלה“, פון וועלכער גדליה קלאַרגעט האָט פאַרפאַסט א אַ הערליך ליד, וואָס האָט געהייסן „דאָס ליד פון דעם געשטאָרבענעם אַנגעל“.

---

# א פשוטע מעשה

פייגעלע האָט ליב ווי אַלע יונגע מיידלעך זיך צו סטראָיען און צו פוצן.

אין דער וואָכן האָט זי קיין צייט נישט צו אַזוינע נאַרישקייטן, אַר־בעט איז דאָ אָן עין־הרע און נייען מוז מען. דיחה־געלט קאָסט טייער און די צייט איז שלעכט. דער טאַטע פאַרדינט ווייניק און צו די דריי הונדערט רובל נדן פעלט נאָך גאָר א סך, ־ערצו נעמט די מאמע פון נדן צוביסלעך אויף שבת, ווען עס פעלט איר אוים.

— התגים זענען דאָ ווי די הינט, אָבער יעדער הונט וויל אַ פעטן ביין — פיקט א געדאנק אין איר קאָפּ.

קלערן פיל האָט זי פיינט, א יונג מיידל, און שיין. אמת, מען טאָר זיך נישט איינרעדן, אָבער דאָך, ווען זי שטייט ביים שפיגל, זעט זי פאר זיך איר ליכטיק פנים מיט אירע ראָזע באקן, און ווי די שווארצע האָר לאָזן זיך אראָפּ. נאָר באלד פארגעסט זי זיך אין דעם, ווי גלייך זי וואָלט מורא האָבן, אַז זי זאָל זיך קיין עין־הרע געבן.

שבת איז שוין גאָר אן אנדער זאך, דענסטמאָל איז דאָ צייט צו דעם, און דאָס פוצן, דאָס סטראָיען — נעמט קיין ענדע נישט. די מאמע שרייט: פייגעלע, שוין גענוג זיך געפוצט, ביסט אַזוי אויך שיין. נאָר וואָס ווייסן אלטע ווייבער? פאַר זיי איז אזוי אויך גוט. אָן א קאפעליוש און אָן אַ זשאקעט איז אויך רעכט.

אָבער א יונג מיידל ווייסט וואָס דאָס באטייט, דאָרטן אויף דער באנק זיצט ער — אליעזר מיט נאָך א חברה קאָלעגעס און ווארפן אויגן. ער מיינט אז מען ווייסט נישט, קוקט מיט זיינע גנבהשע אויגן, שטופט דעם צווייטן קאָלעגע: „זעסט, פייער און פלאַם“, און זי, פייגעלע, מאכט זיך ווי גאָרנישט, זי גייט אדורך, גלייך, קאלטבלוטיק, נישט ווי זי וואָלט מען געמיינט, פון הינטן קוק, קוק נאָך און נעם דיר דאָס לעבן, הענג דיך אויף...

אָבער אמאָל ווי גרויס איז דיר דאָס פארדראָס, דאָס עגמת־נפש, ווען דו גייסט אדורך, און ער באמערקט דיך נישט, נאָר קוקט אויף יענער, אויף מלכהן, וואָס גייט אָנגעטאָן דעם נייעם זשאקעט מיט דעם קאפעליוש, און עס פאסט איר ווי אַ הונט אַ שלייער, און ער קוקט דאָך אויף איר, און דו דרייסט זיך נאָכאמאָל, און נאָכאמאָל, מאכסט דיך נישט וויסנדיק (עס פּאסט דאָך נישט), נאָר פון הינטערוויילעכס ווארף אויגן און דו זעסט, ווי ער קוקט נאָר אויף מלכהן און זיין גאַנץ פּנים לייכט פאַר פרייד, ער שטופּט זיין קאָלעגע, ווי זאָגנדיק: „דו זעסט?“ האָב דענסטמאָל אַן אייזערן האַרץ, א שטאָלענע גאל, אַז זי זאָל דיר נישט פלאצן פאַר קרענקונג.

טאָקע דערנאָך, אַז ער באמערקט זי, נו מוז זיך שוין מלכה אָפּטראָגן אין א זייט. אָט דערהייבט ער זיך שוין אויף פון באַנק, שלעפּט מיט דעם קאָלעגע און גייען נאָך, נאָך, ווי א שווארצער שאָטן. איין מאָל דורך, קוקט — גוט־שבת! שאָקל אים צוריק מיט דעם קאָפּ שטאָלץ. עס הייסט נאָר־נישט... עס איז מיר אלץ איינס,וועל איך גאָר אריינגיין אין אן אנדערער אלייע. אָט איז ער אויך דאָ, ער גייט נאָך. ער גייט נאָך ווי א בייזער שילגער.

און דענסטמאָל איז אזוי גוט, אזוי פיין. דו מאך זיך גאָרנישט קוקן, נאָר אים נישט באמערקן, נאָר גיי דיר שטייף, פּעסט, דעם קאָפּ אין דער הויך, און ער קוקט און גייט נאָך, כאָטש אין עק וועלט, אין פוסטע מדב־ריות גייט ער דיר נאָך, כא, כא, אזוי גוט, אזוי פיין.

נאָר איינמאָל, אין אַ שבת פארנאכט, אין גאָרטן, אזוי גייענדיק מיט אירס אַ חברטע, און ער גייט פון הינטן נאָך, איז זי זיך פארקראָכן אין אַ פינצטערער אלייע, זיך אנידערגעזעצט אויף אַ באַנק, וואָס שטייט אונטער אַ פולן געדיכטן צווייגנבוים.

ער קומט אָן און זעצט זיך אויך אנידער, אויף דעם צווייטן עק באַנק.

פארנאכט, די הויכע פולע צווייגנביימער פארשאָטענען, פארפינצטע־רן און טונקל ווערט, מען ווערט פארשטעלט, באהאלטן פון מענטשנס אויגן.

א ווינטל בלאָזט גרינג און ליבלעך. עס ווערט א ביסל קיל.

און דאָ איז אזוי גוט, די הערצער קלאפּן אין דער שטיל.

ווער וועט פריער אָנהייבן?

ער גיט אַ הוסט, עס הייסט, איך בין דאָ, זי גאָרנישט, איך וויים נישט ווער דו ביסט, און וואָס דו ווילסט? וואָס גייט עס מיך אָן.

זיי שווייגן ביידע, און דאָס ווינטל וואָס בלאָזט דערציילט פון אלעס, וואָס ביי זיי ביידע אין די הערצער טוט זיך.

— איך בעט אייך, איר ווייסט נישט ווי שפּעט עס איז?

— נײן, איך װײס נישט, ענטפערט זי אים שטײף: עס הײסט, איך װײס גאַנץ גוט װאָס דו מײנסט; נאָר אײל דיך נישט אַזױ, עס װעט דיר נישט אַזױ גיך אָנקומען.

און איר חברטע, װאָס זיצט בײ איר שטופּט זי: דו הערסט?

איר פאַרדריסט אַ ביסל אױף דער חברטע, זי אװדאי קלערט בײ זיך, אַז ער מײנט זי? און באַלד װיל זי זיך אױפהײבן פון דער באַנק, אָבער זי זיצט װי אײנגעקלעפּט.

— אַ שײנע נאַכט, װאָס נײן?

— יאָ, אַ שײנע נאַכט.

אָט אַזױ פאַרלענגערט זיך דאָס געשפּרעך, ער אַ פראַגע, זי אַן אַנט־װאָרט, מען רעדט פון פאַרשידענע זאַכן, צוערשט מיט שרעק, מיט האַרץ־קלאַפּעניש, דערנאָך רוקט מען זיך נעענטער אײנער צום צװײטן און מען װערט גאָר הײמישער.

זי גײט אַהײם, ער פירט זי אָפּ, מען דערלאַנגט זיך די הענט, און מען זאָגט זיך: אױף װידערזען.

און אַ צװײט מאָל, און אַ דריט מאָל, טרעפט מען זיך צוזאַמען, יונגע הערצער ציען אײנס צום צװײטן װי מאַגנעט. אין אָנהײב, פאַרשטײט זיך, דורך אַ צופאַל, דורך אַ טרעפעניש האָט מען זיך פּונקט געזען, געטראָפן אין געזעלשאַפט פון נאָך צװײ פון אירע חברטעס און זײן קאָלעגע, און צו ביסלעכװײז פילט מען עפּעס, אַז מען דאַרף זיך אַלײן זען, אונטער צװײ אױגן... און מען שמועסט זיך טאַקע אָפּ, אין דער שטיל זיך אַלײן צו באַ־געגענען.

און בײדע האָבן זיך געטראָפן.

פאַרגאַנגען זענען זײ זיך אַרום אַהינטער דער שטאָט, צװישן הימל און פעלד, מען גײט און מען רעדט, אָבער פּונקט װי זײ װאָלטן װיסן, אַז דאָס געשפּרעך איז גאָר געמאַכט, שװײגן זײ ליבער.

פאַרנאַכט, די לעצטע שטראַלן פון דער זון באַגאָלדענען און באַלײכטן די קעפּלעך פון די זאַנגען, װאָס ציען זיך פון בײדע זײטן װעג.

אַ װינטל בלאָזט, בײגט אײן די קעפּלעך פון די הױכע זאַנגען, און זײ שושקען זיך בסוד, און זײ גײען אױפן לאַנגן װעג װײט אַװעק.

עס הײבט אָן נאַכט צו װערן.

און װאָס אַמאָל װערט מער פינצטערער, טרױעריקער און ליבער.

— שױן לאַנג האָב איך מיך געװאָלט באַקענען מיט דיר, פײגעלע.

— איך ווייס עס, דו ביסט מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

זיי שווייגן.

— וואָס קלערסטו, פייגעלע?

— וואָס קלערסטו, אליעזר?

און פּלוצלונג לאָזט מען זיך גאָר אריין אין אַ טיפן געשפּרעך פון פאַרשידענע זאַכן, מען שמועסט פון דעם און יענעם, וואָס נאָר די וועלט האָט אַן עק.

און טונקעלער ווערט וואָס אמאָל מער, וואָס אמאָל מער.

זיי האָבן זיך נעענטער צוזאמענגערוקט.

אָט נעמט ער זי ביי דער האַנט, זי גיט אַ ציטער, און וואָס אמאָל מער גנבעט זיך זיין האַנט אין איר האַנט.

פּלוצלונג, ווי פון הימל אראָפּגעפלויגן, בייגט ער צו זיינע ליפּן צו איר באַק און גיט איר אַ קוש.

א פויגל איז פאַרבייגעפלויגן...

זי גיט א לייכטן ציטער, נעמט ארויס איר האַנט פון זיינע און ווערט אַ ביסל ברוגזדיק.

ער ווייסט, אז עס איז נאָר אַזוי געמאַכט.

אָבער באַלד ווערט ווייטער גוט, אזוי ווי זי וואָלט געהאַט פון אַלעם פאַרגעסן.

און אַזוי פאַרברענגט מען אַ פּאָר שעה, יעדן טאָג גנבעט מען זיך ארויס הינטער דער שטאָט...

און אליעזר הייבט אָן אריינצוגיין צו אירע עלטערן אין הויז. דאָס ערשטע מאָל מיט אַן אויסרייד, ער האָט ארבעט פאַר פייגעלען, און דער־נאָך קומט מען, ווי דער שטייגער איז, געוווּיר ווערן ווען די ארבעט וועט פאַרטיק זיין, און פייגעלע מאַכט זיך ווי זי וואָלט אים גאָרנישט געקענט ביז אַהער, נישט געוווּסט ווער ער איז, און בעט אים זיצן מיט דרך־ארץ.

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, אליעזר קומט שוין תמיד אריין, פראַנק און פריי צו פייגעלעס עלטערן, שוין נישט מיט קיין אויסרייד.

פייגעלעס עלטערן האָבן דערקענט אין אים, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער יונגערמאַן, א באַלמעלאָכע, און פאַרדינט שיין געלט. זיי ווייסן גאַנץ גוט צי וואָס א יונגערמאַן קומט צו אַ יונג מיידל...

מאַכן זיי זיך נישט ווייסנדיק, טראַכטנדיק זיך: לאָזן זיך די קינדער בעסער דערקענען וועט מען דערנאָך שמועסן.

ביינאכט, א קליין שטיבל, שאָטנס באוועגן זיך אויף די ווענט, אַ גייער טיש, אויף וועלכן עס ברענט א גרויסער בליץ=לאָמפּ, דערביי זיצט פייגעלע און נייט, ביי איר זיצט אליעזר און לערנט שמרס א ראָמאַן.

די טאטע=מאמע, אָנגעהאָרעוועט פון אַ גאנצן טאָג ארבעט — שלאָפן אויף זייערע געלעגערס דאָרט אונטער דעם פאָרהאנג, וואָס פאַרשטעלט אַ האלבע שטוב.

און זיי זיצן ביידע — גאָר טיילמאָל מאכט ער זיך א געלעכטער, נעמט זי אָן פאר דער האנט, אויסרופנדיק מיט אַ שמייכעלע: פייגעלע!

— וואָס ווילסטו, נארעליע?

— גאָרנישט, גאָרנישט.

און זי נייט ווייטער. טראכט ביי זיך: ביסט אין דער לאפקע, געפּאקט דיך, גאָר מיין גישט, אז דו נעמסט איינע פון דער גאס אַראָפּ, ווי זי שטייט און גייט, נאָך אכציק רובל פעלט אינגאנצן צו די דריי הונדערט רובל אין באנק...

און זי ווייזט אים איר אויסשטייער, די העמדער, און דאָס בעטגעוואנט, וואָס זי האָט שוין די האלבע ליגן פארטיק אין קאַסטן.

---

און נעענטער זענען זיי געוואָרן איינער צום צווייטן, וואָס אמאָל, וואָס אמאָל מער, אזוי, אז אלע האָבן זיי שוין באטראכט פאר חתן=כלה, וואָס מען וועט אַ ליאדע טאָג תנאים שרייבן...

פייגעלעס מוטער קלייבט נחת. אַזאַ שמחה, אַזאַ גליק, האָט איר טאָכטער געטראָפן, אַזאַ יונגערמאן, אַזאַ גאָלדענער יונגערמאן!

ר' יעקב, איר פאָטער, איז שוין אַ ייד אין די יאָרן, אן אויסגעהאָרעוועטער דאָרפסגייער, גייט קוים מיט די זעק אלטווארג, וואָס איז שטענדיק אויף זיינע פלייצעס.

א שטיקל שמחה, א שטיקל נחת דערלעבט אין זיין לעבן, געלויבט צי גאָט.

אלע פרייען זיך, צוממייסטן פייגעלע. די באקן זענען פרישער און רויטער געוואָרן, די אויגן טונקעלער און פייערדיקער.

און אָט זיצט זי ביי דער מאשין און נייט; און אין דער גאנצער שטוב הילכט איר קול:

„און וואָס איך האָב געוואָלט, האָב איך אויסגעפירט.
„זאָל איך אזוי לעבן.
„איך האָב געוואָלט א שיינעם חתן,
„האָט מיר גאָט געגעבן“.

און פייגעלע זיצט און נייט און זינגט.
אויף דער נאכט קומט אליעזר.
— נו, וואָס מאכסטו?
— וואָס זאָל מען מאכן?
— וואַרט, וועל איך דיר עפּעס ווייזן.
— וואָס אַזוינס?

און זי דערהויבט זיך פון אָרט, גייט צו צום קאַסטן, וואָס שטייט ביים ווינקעלע פון אויוון, נעמט עפּעס אַרויס און באַהאַלט עס הינטער׳ן פאַרטעך.

— וואָס האָסטו דאָרט? — זאָגט ער מיט א געלעכטערל.

— וואָס איילסטו דיך אזוי? — זאָגט זי און זעצט זיך אַנידער נעבן אים, נעמט אַרויס פון הינטער׳ן פאַרטעך אַ בילד אויסגענייט מיט ווליטשקע „אדם און חוה“, און ווייזט אים דאָס, זאָגנדיק:

— נו, זעסט, דאָס האָט מיר א מיידל, אַ חברטע געמאַכט פאַר מיר, פאר אונדז...

— אין אונדזער שטיבל וועל איך דאָס אויפהענגען אויף דער וואַנט, פאר די בעטן.

— פאַר מיין בעט, צי פאַר דיינס?

— וואַרט נאָר, אליעזר, וועסט זען, וועל איך דיר אויספּוצן אַ שטיבל, אַ גן-עדן זאָג איך דיר, א פשוטעס, נאָר אַלץ וועט מוזן שפּיגלען, אַ מחיה וועט זיין דרינען אַריינצוגיין.

— און אַלע נאכט נאָך דער ארבעט, וועלן מיר ביידע זיצן, איינער נעבן אַנדערן, אָט ווי איצט — און גאָר נעמט זי אַרום.

— און דו וועסט מיר פון אַלעם דערציילן — דערציילן פון אַלעם — זאָגט זי, אַרויפלייגנדיק איר האַנט אויף זיין אַקסל, און מיט דער צווייטער אים אָנגעמענדיק פאַר דער גאָמבע, און קוקט אים טיף אין פּנים אַריין.

און זיי איז אַזוי גוט, אַזוי פרייליך אויפן האַרצן.

און אַלץ אַרום אין שטוב איז עפּעס איבערגעצויגן מיט אַ גוטסקייט,

עפּעס אַ ווייכע ליבלעכע זאַך ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלעם אין חדרל — אויף די ווענט, אויף דעם טישל, אזוי ווי אַלץ וואָלט איר צוגעווינקען, געדערדט איר צום האַרצן ליבע טרייע ווערטער...

און ביידע שווייגן שטיל — און פאַרטיפן זיך ביידע אין זייערע געדאַנקען.

— זעסט — זאָגט זי צו אים, אַרויסנעמענדיק פון דעם קאַסטן דאָס ביכל פון פּאָסט — צוויי הונדערט און פערציק רובל שוין, עס וועט נאָך זיין ביז דריי הונדערט רובל. זאָלסט דערנאָך נשט האָבן אויסצורעדן: „גענומען דיך בחינם, אַזוי ווי דו ביסט געשטאַנען און געגאַנגען".

— גיי, ביסט אַ שלעכטע, איך בין מיט דיר ברוגז, פייגעלע — בייזערט ער זיך.

— פאַרוואָס? ווייל איך זאָג דיר דעם אמת אין די אויגן — זאָגט זי, קוקנדיק אים אין פּנים אַריין מיט אַ געלעכטערל.

און ער בייגט אַוועק דעם קאָפּ, מאַכט זיך ברוגז.

— גיי שוין, נאַרעלע, דו האָסט עגמת־נפש, איך האָב דאָך מיר נאָר געמאַכט אויף אַ געלעכטער, דו פאַרשטייסט נישט?

אַזוי רעדן זיי ביז עס ווייזט זיך דאָס אַלטע געזיכט פון דעם פּאָר־האַנג אַרויס, עס איז צייט שלאָפן גיין, און די יונגע פּאָר געזעגענען זיך.

---

ר'יעקב, פייגעלעס פאָטער, ווערט קראַנק.

אין אָנהייב ווינטער איז עס געווען, דער ווינטער האָט מלחמה מיטן זומער: דער שיקט אַ שניי, דער צווייטער — אַ זון. צעגייט דער שניי, ווערט אַ בלאָטע, און צוממייסטן גיסן רעגנס ווי מיט צעבערס.

אין אַזעלכע ווינטערס איז דער אַלטער קראַנק. ער ווערט שלאָפער אויף די פיס, און ער לייגט זיך אין בעט אַריין.

אויף קיין ברויט איז נישטאָ, אויף קיין קוילן אַוודאי נישט, באַרגט דערווייל פייגעלע.

און דער אַלטער ליגט אין בעט און הוסט, דאָס אַלטע, בלייכע צוזאַמענגעצויגענע פּנים ווערט רויטליך, די ציין באַווייזן זיך צווישן די צוויי צוזאַמענגעצויגענע ליפּן און די בלויע אָדערן שטאַרן אַרוים פון די שלייפן.

מען שיקט נאָך דעם רופא. ער פאַרשרייבט אַ מעדיצין.

די מאַמע וויל דאָס לעצטע קישן פאַרזעצן, לאָזט פייגעלע נישט. נעמט זי אָפּ פון שכירות — קלעקט דאָס נישט — פאַרזעצט זי איר זשאַקעט. פון גרן וועט זי דאָך, חלילה, נישט רירן.

און ער, אליעזר, קומט אַריין יעדע נאַכט.

ביי דעם באַקאַנטן טישל, ביי דער שיין פון דעם באַקאַנטן בליץ-לאָמפּ זיצן זיי ביידע.

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, פייגעלע?

— און וואָס האָב איך פריילעך צו זיין, דער טאַטע איז, נעבעך, אַזוי קראַנק.

— גאָט וועט העלפן, פייגעלע, ער וועט געזונט ווערן.

— שוין נישט קיין פיר וואָכן קיין פרוטה אין פּאָסט אַריינגעגעבן.

— וואָס טויג דיר געלט?

— וואָס הייסט, וואָס טויג מיר געלט? — פרעגט זי דערשראָקן, אַזוי ווי זי וואָלט פאַר עפּעס געציטערט — בחינם וועסטו מיך נעמען?

— ווי הייסט בחינם. דו ביסט ביי מיר אַלעס געלט ווערט, מיין גאַנץ לעבן. וואָס טויג מיר געלט? אָט דו זעסט די פינף פינגער, זיי קאָ-נען אַלעס פאַרדינען. צוויי הונדערט רובל האָב איך ליגן אין פּאָסט, אָנ-געזאַמלט מיר פון מיין אַרבעט. וואָס דאַרף איך מער?

זי שווייגט אַ ביסל און לאָזט אַראָפּ די אויגן — און די מאַמע דיי-נע? — זאָגט זי שטיל.

— איך בעט דיך, דו האָסט עפּעס חתונה מיט מיין מאַמען, צי מיט מיר האָסטו חתונה, און וואָס גייט עס דיך אָן מיין מאַמע?

זי שווייגט.

— איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, איך נעם דיך אַזוי ווי דו שטייסט און גייסט — אָט אַזוי — און דו נעמסט מיך אויך אַזוי — ווילסטו?

זי נעמט דעם עק פאַרטעך צו די אויגן און וויינט אין דער שטיל.

שטיל איז אַרום, דער לאָמפּ פאַרשפּרייט זיין העלע ליכטיקייט אין דעם שטיבל — און זייער שאָטן פאַרשפּרייט זיך אויף די ווענט.

פון הינטער דעם פאָרהאַנג ווערט געהערט דאָס שווערע שלאָפן פון די אַלטע לייט.

און איר קאָפּ איז אָנגעשפּאַרט אויף זיינע אַקסלען און אירע גערי-טע שוואַרצע האָר פאַרשטעלן זיין געזיכט.

זי וויינט אין דער שטיל: ווי גוט ביסטו, אליעזר!

און זי עפנט איר גאַנץ האַרץ פאַר אים, און דערציילט אים פון

אַלעס ווי עס גייט זיי היינט, ווי שלעכט עס איז זיי היינט. אַלץ האָבן זיי שוין פאַרזעצט — און אויף צומאָרגנס איז קיין גראָשן נישטאָ.

ער נעמט זי ליבלעך אַרום, און מיט דעם עק פון איר פאַרטעך ווישט ער איר די טרערן אָפּ פון די באַקן — זאָגנדיק:

— וויין נישט, פייגעלע, וויין נישט, עס וועט אַלץ גוט ווערן.

— און איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט מאָרגן גיין אין פּאָסט אָפּנעמען עפּעס געלט און געבן אויף אַלעס, ביז גאָט וועט העלפן, דער טאַטע וועט געזונט ווערן און קאָנען פאַרדינען. דענסטמאָל...

— דענסטמאָל — חזרט זי איבער אין דער שטיל.

— דענסטמאָל וועט שוין גוט זיין — גיט ער איר אַ ווינק מיט די אויגן.

— אַזוי ווי דו שטייסט און גייסט — שעפּטשען זיינע ליפּן אין דער שטיל. און זי קוקט אויף אים — אַ שמייכל לויפט איבער איר פּנים.

און איר איז אַזוי גוט...

---

צומאָרגנס איז פייגעלע דאָס ערשטע מאָל אַריין אין פּאָסט מיטן ביכל, אָפּגענומען אַ פּאָר רובל און אַהיימגעטראָגן דער מוטער.

די מוטער האָט שטאַרק אָפּגעזיפצט, געמאַכט אַ זויערע מינע — פאַרקנייטשט דאָס פּנים און אַראָפּגעצויגן דאָס קאָפּטיכל ביז איבער די אויערן.

דער אַלטער ר' יעקב, וואָס ליגט אין בעט, האָט זיך מיט דעם פּנים אומגעקערט צו דער וואַנט.

דער אַלטער ייד ווייסט וואָס פּאַר אַ געלט דאָס איז! זיין איינציק קינדס אויסגעהאָרעוועטע פּאָר רובל. אַנדערע טאַטעס גיבן קינדער, און ער נעמט...

און ביי אים זעט עס אויס ווי ער באַגזלט זיי, די יונגע מענטשן. אים קומט שוין נישט צו לעבן און פאַרן טויט באַרויבט ער זיי...

און קלערנדיק דאָס, פאַרגלייזן זיך זיינע אויגן, די בלויע אָדערן פון די שלייפן קריכן מער אַרויס און דאָס בלאַסע פּנים ווערט אָנגעלאָפן מיט בלוט.

און דאָס פּנים איינגעגראָבן צו דער וואַנט ליגט ער און קלערט אַזעלכע געדאַנקען.

ער ווייסט, אַז ער איז דער גאַנצער שולדיקער פון די קינדערס לײַדן... און ער בעט אויפן טויט...

---

און זי, פייגעלע, וואָלט געוואָלט עפּעס מיטאַמאָל באַגליקט ווערן, אַ סך געלט צו האָבן, רייך צו ווערן, צו זיין די גרעסטע גבירטע.

און אָט, למשל, ווען זי האָט כאָטש איצט טויזנט רובל און ער קומט אַריין: נאַ, נאַ דיר דאָס גאַנצע אַוועק, זע, פייגעלע איז געטריי — נאַ דיר, און זאָג נישט, בחינם געמסטו מיך, אָן נדן, ווי איך שטיי און גיי..

ביים טאַטנס בעט זיצן זיי ביידע, זי מיט איר אליעזר.

און דאָס האַרץ ווערט איר פול מיט נחת — עפּעס פילט זי ביי זיך אַ פאַרגעניגן, וואָס זי האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געפילט — און אַ פולע טרער באַווייזט זיך איר אויף די באַקן.

זי זיצט און וויינט, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיטן פאַרטעך.

און ער נעמט זי ליבלעך אָן ביי דער האַנט — זאָגנדיק אַלץ מיט זיין ליב זיס קול: פייגעלע, הער שוין אויף, פייגעלע, איך בעט דיך.

און דער טאַטע ליגט אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און דאָס באַוועגן פון זיין האַרץ הערט זיך אין דער שטיל.

און זיי זיצן, זי פילט צו אים אַ געטריישאַפט, זי פילט, אַז זי קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן.

זי זיצט און שלינגט זיינע ווערטער — זי פילט, ווי ער קייקלט איר אַראָפּ אַלע שווערע שטיינער פון האַרצן.

דער טאַטע האָט זיך אומגעדרייט, געוואָרפן אַ בליק אויף זיי. אויפן טאַטנס בלאַסן פּנים איז עפּעס אויסגעגאָסן אַזאַ ליבער שמייכל, ווי ער וואָלט זאָגן: האָט נישט קיין מורא, קינדערלעך, איך בין מסכים דערויף, מסכים מיט מיין גאַנץ האַרץ.

און פייגעלע פילט זיך אַזוי גוט. אַזוי גוט...

---

דער טאַטע איז נאָך קראַנק, און פייגעלע נעמט אָפּ איין רובל נאָכן אַנדערן, איין פינפרובלדיקן נאָכן צווייטן.

דער אַלטער ר׳ יעקב ליגט אין בעט און קלערט, קוקט אויף די קינדער און שווייגט.

דאָס פּנים זיינס ווערט בלאַסער, איינגעקנייטשטער, שוואַכער און שוואַכער. ער פילט ווי די כוחות גייען אים אויס.

פייגעלע נעמט אָפּ פון דער פּאָסט דאָס געלט, די מארקעס אין בי־כל וועגן ווינציקער, פייגעלע ווייסט, אַז עס וועט שוין באַלד נישט זיין.

דער אַלטער ר׳ יעקב ווינטשט זיך אין דער שטיל: ער וואָלט שוין נישט אַזויפיל געברויכט... ער וואָלט שוין נישט קיינעם געשטערט...

און ער שפּייט, דער אַלטער ר׳יעקב, טראָפּנס בלוט, טראָפּנס בלוט. עס שעפּט זיך אויס — און די מארקעס — קלעפּן זיך פון ביכל אָפּ... אַ טראָפּן בלוט פון מויל — אַ מאַרקע פון ביכל.

דער אַלטער ר׳ יעקב האָט דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון זיך אַרויס־געגעבן, און פייגעלע — דעם לעצטן רובל פון פּאָסט...

אין יענעם טאָג איז דער אַלטער געשטאָרבן... און אין דעם זעלבן טאָג איז אויף דעם ביכל אין פּאָסט קיין גראָשן נישט געבליבן... פייגעלע האָט אין איין טאָג פאַרלוירן איר טאַטן מיט איר נדן...

* * *

פייגעלע זיצט ווידער ביי איר בליך־לאָמפּ און נייט און נייט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און פון יעדן שטאָך מיט דער נאָדל קומט עפּעס צו אין איר נייַ ביכל אין פּאָסט.

דער נדן מוז איצט זיין גרעסער ווי פריער, ווייל צוזאַמען מיט דעם ביכל, ווו עס קומען צו מער מאַרקעס, קומט אויך אַלע מאָל צו גרויע האָר אויף איר שוואַרצן קאָפּ...

# דער חזן מיט די משוררים

איבערן געסל, פון וועג אָן, האָט זיך געשלעפּט אַ גרויסער, שווערער פּראַכט־וואָגן. באַוואָלקנט אין שטויב, זענען געווען אויף אים אָנגעפּאַקט אַ חברה משוררים. דער חזן מיט צוויי קליינע „קוויטשערלעך" פון ביידע זייטן זענען געזעסן אויף איין געזעס. דער באַס מיטן אונטערבאַס און סאָפּראַן זענען געזעסן אויפן צווייטן געזעס, און נאָך זיי אַ שוואַך טענאָרל און אַן אַלט מיט פּעקלעך און קעסטלעך. די שטאָט־מיידלעך, פאַרטאָן אין שבת־מאַכן, האָבן געלאָזט שטיין אין מיטן די קוגלען, און אין די זומערדיקע בלוזקעס מיט די באַשמוצטע שירצן האָבן זיי זיך באַוויזן אין די טירן. מיט די פינגער האָבן זיי אַריבערגעוואָרפן די צעפּ, וואָס האָבן זיך פאַרוואָרפן איבער די רויט־געוואָרענע באַקן, און איינע האָט צו דער צווייטער אויף יענער זייט שוועל אַריבערגעווונקען: קוק אָן די העכט, דו זאָלסט מיר לעבן!

די טענאָרן האָבן אין איילעניש אַרויסגענומען די רונדע שפּיגעלעך מיט די בערשטעלעך פון די וועסטן־קעשענעס, אַרונטערגעקעמט די פּאות הינטער די אויערן, פאַרשפּילעט די קלאַפּעס פון די מאַנטלען, אַז מען זאָל נאָר אַרויסזען דאָס שוואַרצע שניפּסל מיט אַ שטיקל קראַגן, האָבן אויסגעהוסט זיך, אַ צי געטאָן אויס דעם גאָרגל, און געוואָרפן אויגן.

— ווי שמחת־תורהדיקע עפּעלעך — האָט דער טענאָר געגעבן אַ קניפּ הינטן־אַרום דעם אַלט, אַז דער חזן זאָל נישט באַמערקן.

דער פּראַכט־וואָגן האָט זיך אין מיטן געסל אָפּגעשטעלט. דער חזן האָט פון דער פור נישט געוואָלט אַראָפּ, וואַרטנדיק, אַז דער גבאי פון שול זאָל קומען אים מקבל פּנים זיין און אָנווייזן אים דאָס אָרט, וווּ זיי האָבן זיך אויפצוהאַלטן. דער גבאי איז אָבער געשלאָפן נאָכן מיטאָג, און דער שמש האָט אים מורא געהאַט צו וועקן. דערווייל איז דער וואָגן מיט דער חברה געשטאַנען אין מאַרק. עס זענען אָנגעקומען יידן פון אַלע זייטן, זיי האָבן שלום־עליכם אָפּגעגעבן דעם חזן מיט די משוררים, און

האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער פור, וואַרטנדיק אינאײנעם מיטן חזן אויפן גבאי. עס זענען אויך אָנגעקומען אייניקע פון די „לייטלעך", וואָס האָבן אַ גרויסן שייכות מיט מוזיק, וואָס זענען אַליין עפּעס שטיקלעך מנגנים. זיי האָבן זיך געשטעלט באַזונדער — עס האָט זיי נישט געפּאַסט אינײנעם צו שטיין מיט דעם איבעריקן עולם, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן צווישן זיך אויף חזניש לשון. אײנער פון זיי האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע דעם „ירחון החזנים" און האָט אָנגעהויבן הויך לייענען אַ שיר. דער חזן האָט באַלד דערקענט ביי זיי אין די לאַנגע נעגל פון די גראָבע פינגער, אַז זיי זענען פון די „גוטע ברידער", האָט ער זיך געגעבן אַ ווענד צו זיי:

— זענען עפּעס ביי אייך אין שטאָט דאָ בעלנים אויף זמר?

— וואָס שייך? אַ יידישע שטאָט — האָבן זיי אָפּגעענטפערט.

דערווייל איז אָנגעקומען דער גבאי מיט זייער רואיקע פּאַמעלעכע טריט און מיט נאָך פאַרשלאָפענע אויגן און די קאַנטן פון די פּאות זענען ביי אים נאָך נאַס געווען פון דעם וואַשן זיך נאָכן שלאָף. ער איז צוגעקומען פּאַמעלעך צו דער פור, האָט זייער לאַנגזאַם אויסגעשטרעקט די האַנט, און גערעדט ווי פון שלאָף:

— שלום־עליכם.

— עליכם־שלום.

— ווהין פאָרט אַ ייד? — האָט דער גבאי געפרעגט, ווי ער וואָלט פון קיין פּותר־חלום נישט געוווסט.

— אין יידישע שטעט אַרום — האָט דער חזן געענטפערט.

— וואָס אַ מגיד? — האָט דער גבאי געפרעגט מיט דעם זעלבן נאַאיוון טאָן.

— ניין, נאָר אַ חזן מיט משוררים.

— אזוי, אַ חזן מיט משוררים — האָט דער גבאי לאַנג אויסגעצויגן, און דערביי זיך געלאָזן די פּאות אויסגעצויגן, די וואָנצעס און די באָרד אויסגעגלעט, און נאָך אַ לאַנג איבערקלערן, ווי ער וואָלט אויפן ריכטיקן שכל געפאַלן, גיט ער אַ פרעג:

— און צו וואָס פאָרט אַ חזן מיט משוררים אין יידישע שטעט אַרום? —

— דאַוונען — האָט דער חזן אָפּגעענטפערט.

— אזוי, דאַוונען, נו, זאָל ער זיך פאָרן געזונטערהייט. דער גבאי האָט די האַנט אויסגעשטרעקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער חזן האָט גלייך עפּעס דעם פורמאַן אין אויער איינגערוימט, און דער פורמאַן האָט געגעבן אַ שמיצל צו זיינע פערד:

— וויאָ, קיין קראָשעוויץ!

זענען אָבער די יידן באַפאַלן דעם וואָגן און די פערד ביי די ליי־צעם איינגעהאַלטן:

— וואָס, פאָרן וועט איר? דאָ וועט איר שבת האַלטן, אויף אונ־דזערע קעסט.

— פאָרן! — האָט דער חזן ברייט באַפוילן דעם פורמאַן, און האָט געגעבן אַ ווונק צו די „פון די לייטלעך“ מיט די לאַנגע נעגל פון די גראָבע פינגער, עס הייסט, אַז ער קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן...

דער פראַכט־וואָגן האָט געגעבן אַ קרעכץ־אָפּ. שווער זיך איבערגע־ריבן איבער דער שטאָטישער ברוק און איז אַרויס אויפן קראָשענוויצער וועג, אָפּגעפאָרן אַ וויאָרסט צוויי, צום וואַסער צו, וואָס האָט אַ „נאָמען“ (דורכדעם מעג מען זיך גטן) אין שטעטל... און וואָס דאַרף יעדעם יאָר אַ מענטש — האָט דער חזן געהייסן זיך אָפּשטעלן, כדי צו באַגיסן די רעדער.

חברה זענען אַראָפּגעקראָכן פון דער פור, די ביינער זיך אויסגע־צויגן און האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען אויפן חזן: עסן...

דער חזן האָט ארויסגענומען דאָס שליסעלע פון וועסטן־קעשענע און אויפגעעפנט דאָס קעסטל, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „צידה לדרך“ און וואָס עס איז פארשלאָסן מיט אן אויבער־שלאָס, מיט א הינטער־שלאָס און מיט נאָך אן ענגלישן שלאָס באַלייגט. אוודאי נישט בחינם. ער האָט ארויסגענומען פון קעסטל פינף ציבעלעם מיט דריי הערינג און האָט זיי איבערגעגעבן יעקל קאלבאסניק, א יונג, וואָס איז קליינגעוויקסיק און וואָס פארענדערט זיך קיינמאָל נישט, אזוי אז מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן ווי אַלט ער איז; טייל רעכענען אז ער איז אכצן יאָר אלט, און טייל האלטן, אַז אכט־און דרייסיק. ער קאָכט, שטריקט און נייט ווי אַ נקבה, דערפאר האָט מען אים א נאָמען געגעבן: די באַלעבאָסטע, און איבערגעגעבן אים די קיך אין וועג. יעקל קאָלבאַסניק האָט זיך אָנגעטאָן אַ פאַרטעך און אויף אַ שטיין זיך גענומען צו האקן די ציבעלעם מיטן הערינג. דער חזן האָט דערווייל איבערגעשמועסט מיטן עלטערן אלט וואָס ווייטער צו טאָן. דער עלטערער אלט, א הויך און א האר יידל, אַן אמאָליקער בית־מדרש־בחור, לערנט זיך שחיטה און שדכנט זיך צו צום חזנס עלטערער טאָכטער. ער איז א גרויסער ליבהאָבער פון לשון קודש און האָט אליין שוין אָפּגעדרוקט

דריי קאָרעספּאָנדענציעס אין „ירחון החזנים“ בדרך שיר. ער האַלט זיך איבערהויפּט ווייט פון דער חברה משוררים און רייבט זיך שטאַרק מיטן חזן, האָפנדיק אַמאָל ממלא מקומו זיין... „קנאַקניסל“, דער קוויטשער מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און מיט אָפּגעשוירענע פּאות ביז אין האַלבן קאָפּ אריין, איז ארויף אויפן העכסטן בוים אויסקוקן פון אַ „שפּאָקטיוו“, צי מען קומט נישט אָן צו פאָרן פון דער שטאָט.

יעקל קאָלבאַסניק איז פארטיק געוואָרן מיט די הערינג, דער חזן האָט ארויסגענומען דאָס ברויט און געטיילט „מוציאס“. די חברה האָבן זיך גענומען צו אַכלען, אז עס איז אַ רויך געגאַנגען, געשטילט דעם ערשטן הונגער, האָבן זיך די חברה אויסגעטאָן און האָבן זיך אויסגעצויגן אונטער די ביימער, צווישן וועג און די פעלדער. עס איז געווען אַ הייסער זומערטאָג, דאָס וואַסער האָט זיך געצויגן אַנטקעגן דער זון ווי אַ שפּיגל, די פּאַרטיקע זאַנגען האָבן האַלב געבויגן די קאָרנדיקע בעזעמלעך, וועלכע האָבן זיך ווי וואַקס געגאָלדעט אין דער זון, פאַרשטעלנדיק די פּיס פון שוואַרצן וואַלד, וואָס האָט זיך נאָך זיי געוויזן. חברה נאָכן עסן זענען געווען אין גוטן הומאָר. זיי האָבן געוואָלט אָנהייבן צו זאָגן ווערטלעך, האָבן זיי אָבער מורא געהאַט פאַרן חזן. דער חזן מיטן עלטערן אַלט זענען ארומגעגאַנגען די קעפּ אַראָפּגעלאָזט. אָבער דאָך האָבן זיי נישט אָנגעווירן דעם בטחון אויף די פון די לייטלעך, וואָס האָבן אַ שטיקל שייכות מיט זמר, אז זיי וועלן נישט שווייגן... דער פורמאַן האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, אָנגעשאָטן פאַר זיי האָבער, און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן ביי דער פור, שמעלצנדיק זיך אין דער זון. דאָס גראָבע פּנים זיינס, וואָס איז אַזוי באַוואַקסן מיט אַ וואַלד שוואַרצע האָר, אַז עס איז אויף אים קיין שטיקל הויט נישט צו דערזען, פרעגלט זיך אין דער זונס שטראַלן, און די טראָפּנס שווייס רינען איבערן שטערן. נחומקע דער ליטוואַק, דער באַס, וואָס קאָן עסן פאַר פיר און האָט תמיד טאָפּלטע טעג, האָט זיך גערוקט צום פורמאַן דעם טאַבאַק צו דערפּאַקן ביי אים. די קוויטשערלעך האָבן אָן רחמנות די האָר פון די פערדס וויידלען געריסן, און יאָסקע יאָלד מיט „לעפּעלן“, דער אונטעראַלט מיטן אונטערטענאָר, צוויי גלייכע אַכצניאָריקע בחורים, וואָס טראָגן פּאַפּירענע אויפגעשטעלטע קראַגנדלעך מיט קאָלירטע שניפּסלעך, האָבן זיך פאַרקליבן אונטער אַ בוים, ארויסגענומען טינט און פעדער — צו פאַרפאַסן אַ „ליבעס־בריוו“ צו אַ מיידל קיין זשאָכלין.

און די „לייטלעך“ האָבן טאַקע נישט געשוויגן. אַזוי ווי דער גבאי איז

אַוועק פֿון דער פֿור, האָבן זיי זיך געגעבן אַ לאָז אין קצבישן געסל אַריין, צו די „גוטע ברידער“, און האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז עס איז אָנגעקומען אַ חזן מיט נאָטן און מיט זיבעצן משוררים, אַכט סאָמע ווייניקע קווייטשערלעך, נאָר דער גבאי האָט נישט געלאָזט דאַווענען אין שול, איז דער חזן מיט די משוררים אַוועקגעפֿאָרן קיין קראַשעניוויץ. די קצבים האָבן עס דערהערט, האָט זיך דאָס בלוט אין זיי פֿאַרקאָכט, האָבן געכאַפּט די שטעקעלעך אין האַנט אַריין, אַרונטער צום גבאי און אים אַראָפּגעצויגן פֿון דער קאַנאַפּע: „געהרגעט קאָנט איר דאָ ווערן! — האָבן זיי געשריגן צו אים — דעם חזן מוזט איר אַראָפּברענגען!“ און זיי האָבן טאַקע באַלד געשיקט נאָך די פֿורמאַנעס, איינגעשפּאַנט דריי וועגן, אַרויפֿגעפּאַקט אויך דעם גבאי אויף אַ וואָגן און הײַדאַ קיין קראַשנעוויץ נאָכן חזן.

„קאַנקגיסל“ האָט דערזען פֿון דער ווײַטן, אַז מען הולכט, האָט ער געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון בוים, פֿאַרמאַכט דעם פּיסק, און אַ קריי אַרויס פֿון בויך:

— קוקי־ריקו — מען רײַט!

— חבֿרה, גלײַך אויפֿגעשטאַנען זאָל זײַן! די ביכער אין די הענט אַרײַן! — האָט דער חזן געגעבן אַ רוף אויס.

מען האָט אויפֿגעוועקט באַצײַלען דעם פֿורמאַן, אַראָפּגעשלעפּט אים פֿון וואָגן, פֿלינק די פֿערד אײַנגעשפּאַנט און דעם עמער אים געגעבן אין האַנט אַרײַן, אַז ער זאָל באַגיסן די רעדער מיט וואַסער: מען פֿאָרט!...

חבֿרה האָבן זיך גלײַך אויפֿגעשטעלט. די קווייטשערלעך האָבן זיך געשטעלט אַרום חזן, גענומען די ביכער אין האַנט אַרײַן און אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט די כּלים, אַ „לכה דודי“.

אַז די פֿורן זענען אָנגעקומען, האָט אַ קווייטשערל גענומען:

— מקדש מלך עיר מלוכה, און האָט געגעבן אַ כאַפּ אויף דער צווייטער הינטערער זײַט: צאי צאי מתוך ההפֿ־הפֿ־כה, האָט דער באַס געגעבן אַ לאָז אַראָפּ די טראָמבע און אַ האַק צו מיט „איקעלבאַק“ פֿי־כה, און דאָס משוררל האָט זיך ווײַטער רחמים געבעטן: געדענקט אין גאָט, רב לך, אך, אך, רב לך, גו טאַקע רב לך, שבת, או־או, שבת.

האָבן אים די אַלטן אָפּגעענטפֿערט:

— שבת רב לך! שבת רב לך!

האָט זיך אַ טענאָר אָפּגערופֿן מיט אַ טרעל און האָט געפֿרעגט: — ווייסטו וווּ? ווייסטו וווּ?

האָט אים דאָס קווייטשערל אָפּגעענטפערט: בע־מק, בע־מק הב־כא. האָט דער טענאָר געגבן צו פארשטיין: — הבכא, הבכא. געפעלט עס נישט ווייטער דעם באס, און ער גיט א ברום: בעמק הבכ־אָ־אָ!

קומען צו די אלטן און הייבן אָן: בכא עמק, עמק, עמק — מק — מק — מק. אזוי קלימפּערן זיי צו, בשעת דער צווייטער קווייטשערל נעמט זיך אויף נאָך אַן איידעלער שטימע.

דאָ גיט א גיי צו צום חזן יאָסקע האקער און גיט א מאך:

— חזן, פאָרט מיט אונדז אין שטאָט אריין!

— איך פאָר קיין קראָשנעוויץ. א בריוו פון קראשנעוויץ געקראָגן — רופט דער חזן.

— עס וועט אייך נישט העלפן קיין טענות ומענות — רופט נאָטע „שייגעץ" אויס און נעמט און שפּאנט אויס די פערד פון חזנס וואָגן, און אַ שפּאַן איין זיי אין זיין וואָגן.

— וועגן עסן זאָלט איר זיך נישט זאָרגן, אן אָקס געשאָכטן היינט — רופט שלמה „דער געלער" אויס.

— אויף די פּראנטן קוקט נישט! — רופט זיך „שרץ" אָן — וויזנ־דיק אויפן גבאי — די געלזוכט קאָן מען קריגן ביי זיי, מיט מיר רעדט, ברודער!

— חברה, די פעקלעך! — שרייט יאָסקע און פעקלט שוין איבער די כלים, און איידער זיי קוקן זיך אום, זיצט שוין חברה אויף די פורן און מען פירט דעם חזן אין שטאָט אריין ביד רמה.

מען האָט דעם חזן אין שטאָט געבראכט און אים געגעבן א קוואר־טיר ביי דוד גארקיכער. די קצבים האָבן די משוררים אויף קעסט צו זיך אהיים גענומען. די ווייבער האָבן זיך איבער די קווייטשערלעך געריסן און געגעבן זיי צו אכלען, אַז אזעלכעס האָבן זיי נאָך אין די אויגן נישט אָנגעזען. יעקל „באלעבאָסטע" האָט זיך נאָר צווישן די יידענעס ארומגע־דרייט, געזעסן מיט זיי און געמאָלט ווי איינע פון זיי. „קנאקניסל" האָט ביי זיין באלעבאָס געוויזן שטיק, פלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צו בילן ווי אַ הונט; מען האָט זיך אונטערן טיש אראָפּגעבויגן דעם הונט ארויסצו־יאָגן, הייבט ער גאָר אָן צו מיאנטשען ווי אַ קאַץ. יאָסקע יאָלד מיט „לע־פעלן" דעם אונטערבאס האָבן זיך גלייך באקענט מיט די טעכטער פון ארט און אָנגעהויבן גייע ראָמאַנען צו שפּילן. זיי זאָגן צו שרייבן ליבעס־בריוועלעך און באָרגן שוין קליינגעלט „אויף מארקעס" פון די מיידלעך.

מיט איין וואָרט, חברה האָט זיך באַזעצט אין שטאָט ווי היימישע, מיט אַלעמען זיך באַקענט, גוט געלעבט, אומעטום געווען און מיט אַלעמען זיך געווינטשעוועט.

אין דעם שטעטל האָבן זיך געפונען צוויי יונגעלייטלעך — „ויקהל" און „פקודי". „ויקהל" איז געווען אַן אייגבינדער, וואָס אין דער אמתן איז ער געווען אַ וואַטעמאַכער און אַן אָרעמאַן — זאָל דער איינציקער גאָט אויסהיטן. „פקודי" איז געווען אַ שדכן, אַ גרויס, אייגנטלעך גאָר־נישט קיין גאַנצער גרויס, נאָר דאָס ווייב איז אים משוגע געוואָרן, באַשעפטיקט ער זיך דערווייל מיט אויפקלייבן מאה חתימות... די צוויי יונ־געלייטלעך האָבן זיך באַשעפטיקט מיט שדכנות בשותפות, תמיד האָט מען זיי געזען גיין אין גאַס באַזונדער, „ויקהל" צו חתנס צד און „פקודי" — צו כלהס צד. האָט מען געזען „ויקהלן" מיט „פקודין" גייען צוזאַמען, האָט מען געוווסט אין שטאָט, אַז מען האָט חתן־כלה צוזאַמענגעפירט און מען וועט טעלער ברעכן...

געקומען זענען „ויקהל"־„פקודי" צום חזן אַזוי גלאַט, אין גיכט, הייסט עס. זיי האָבן אים אָנגעשלאָגן אַ געשעפט, אַז ער זאָל מאַכן אַ קאָנצערט אויף בילעטן אין גאָלדמאַנס זאַל, אגב־אורחא האָבן זיי זיך נאָכ־געפרעגט, ווער פון די חתנים איז פריי פון מיליטער. אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך אויף יעקלען. יעקל קאַלבאַסניק האָט די טבע צו ציטערן מיט די ליפּן און צו שאָקלען מיט איין אויער — מיינט מען, אַז אויף אַלץ, וואָס מען זאָגט, שאָקלט ער צו: גוט! האָבן האָט ער אַ טבע, אין יעדער שטאָט, ווו ער קומט אריין צו שדכנען זיך אין אַ הויז ווו עס איז דאָ אַ מיידל, און אַ חתן צו ווערן. קריגט ער, פאַרשטייט זיך, צו עסן, צו טרינקען און נאָך חתימה־געלט אין דער קעשענע, און פאָרט זיך אין אַ צווייטער שטאָט אַריין, ווייטער אַ חתן צו ווערן. זיין אייגנס איז אַ בלייער בילעט. דאָס איז זיין פּראָפעסיע און זיין גדר.

די שדכנים האָבן מיט אים אָנגעהויבן צו רעדן.

— גאַנץ גוט — זאָגט ער.

— דריי הונדערט גילדן מיט אַ נייער מאַשין.

— גאַנץ גוט — זאָגט ער.

— כאָטש הייַנט אויף דער נאַכט.

און יעקל טרינקט שוין ווייטער בראָנפן און עסט שוין ווייטער לע־קעך.

— איר ווייסט, חזן — זאָגט צומאָרגנס „קנאקניסל“ — יעקל איז שוין ווייטער א חתן געוואָרן.

— א בייזע נאכט אויף זיין קאָפּ! מען וועט דאָך אונדז פון דער שטאָט ארויסטרייבן.

און יעקל גייט אָנגעטאָן א ניי העמד מיט א נייעם קאָלנער און קנאקט ניס־קערנדלעך — און טוט אים עפּעס!

דערווייל האָט דער חזן גענומען אָנגעגרייט זיך אַ שבת צו דאַווענען. צום ערשטן האָט ער געארבעט מיט די קוויטשערלעך, ער האָט געוווסט, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פארלאָזן. צו קבלת שבת האָבן די ווייבער די פענצטער אין שול אויסגעהאַקט, פאַרוואָס מען האָט די ווייבערשע שול פארמאכט, און שבת בייטאָג האָט דער חזן אָפּגעהאַלטן דעם עולם ווי ראש־השנה. אין אַלע חברות האָט מען דעם שבת פרי אָפּגעדאַוונט, אַהיים געאיילט זיך, דעם „קידוש“ אַריינגעכאַפּט, פאַרביסן מיט די ציבעלעס און אין שול אריין צו דער צווייטער קדושה. אין שול איז אזוי דושנע געוואָרן און דער ריח פון די ציבעלעס האָט אזוי געשטיקט, אז מען איז שיער געשטאָרבן פאר א טרונק וואסער. דער חזן האָט געוויזן קונץ־שטיקלעך — און די קוויטשערלעך האָבן געהילכט. אין דער ווייבערשער שול איז געוואָרן אַ געוויין, ווי צו שופר בלאָזן, קיינער האָט נישט געוווסט פארוואָס און ווען, נאָר ווי האָט דאָס נישט אַ יידענע וואָס צו וויינען — האָט מען דערווייל די שונאים אָנגעשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט. שבת ביים עסן האָט די גאנצע שטאָט געקלונגען פון געזאנג, פאר יעדן פענצטער, וווּ עס האָט נאָר אַ משורר געגעסן, זענען געשטאַנען קופּקעלעך יידן, ווייבער, יונגען און מוידן, און האָבן זיך איינגעהערט. פון די אָפענע פענצטער האָט דאָס געזאַנג אַרויסגעדרונגען אין גאַס אַריין, יידן האָבן די אראָפּגעפאלענע טענער צוריק אויפגעהויבן און איבערגעחזרט נאָך די משוררים. אין קצבישן געסל איז גאָר געווען הימלעך. בערל „קאָרעטע“ האָט זיין משורר „קנאקניסלן“ פאר דער טיר אנידערגעזעצט, און אליין, אָנגעטאָן אין דעם אַנצוג, וואָס ער האָט זיך געמאַכט אויף פּסח, האָט ער זיך אוועקגעזעצט צו דער רעכטער זייט און ארומגענומען דאָס ביסל פורמאנעס ארום זיך און איבערגעחזרט איין שטיקל נאָכן אנדערן פון דעם, וואָס מען האָט אין שול געזונגען...

נאָכן עסן האָבן זיך חברה אין גאָרטן צו שרה פריידען אוועקגעלאָזט. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף זיי שניידער־געזעלן, אייניקע זענען געווען אין נייע שבתדיקע קאפּאָטעס אָנגעטאָן און מיט „העכסט אינטערסאנ־

טע ראָמאַנען" אונטער די אָרעמס, און אַ פּאָר שניידער־געזעלן זענען גע־
ווען מיט קורצע רעקלעך און אין הייכע פּאַפּירענע קראַגנדלעך. דאָ האָט
מען זיך שוין נישט שלום־עליכם אָפּגעגעבן, נאָר פאַרגעשטעלט:

— האָבע די עהרע פאַרצושטעלן פרײלײן דבושה — הערר פּנחס.

— זעהר מיר אַנגענעם — און מען גיט זיך די הענט, און מען זעצט
זיך אויפן גראָז אונטער די ביימער. צוערשט זיצט מען שטיל, דערנאָך
הייבט מען אָן צו רעדן וועגן געשיכטן.

— וואָס פאר א געשיכטע לעזן זי היינט?

— די געשיכטע מיטן „שטומען גוטן ייד".

— אַ העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמען.

דערנאָך הייבט מען אָן שמועסן פון לידער. זינגט א מיידל א ליד
פון „אַ אומגליקלעכע ליבע", זינגט אַ יונגערמאַן, ווי אַ יונגער
מענטש זאָגט אָפּ ווידוי, איידער ער נעמט זיך דאָס לעבן און געזעגנט זיך
אָפּ פון פאָטער און דער מוטער, פון די ברידער און שוועסטער — אַלץ
דעריבער וואָס זי האָט אים אָפּגענאַרט. און די קינדער שאַלן צווישן די
ביימער אין האַלב־טונקעלן שאָטן — ביז די נאַכט פאַלט צו. מיט איין
וואָרט, עס איז געווען אַ שבת פון געזאַנג.

---

און פון דעם אַלעם איז נישט געווען מיט וואָס אַוועקצופאָרן. אז עס
איז געקומען זונטיק, האָט יעדער זיך גענומען צו זיין געשעפט, יעדער איז
געווען פאַרטאָן מיט זיך און קיין גראָשן האָט מען נישט געזען. דער חזן
איז אַלץ געזעסן אין גאָרקייך, און דער גאָרקיכער האָט אַלע טאָג געציילט
די פּעקלעך, וויפל זיי זענען ווערט. די משוררים האָט מען געגעבן אָנצו־
הערן דאָרט ווי זיי עסן, אַז עס זענען דאָ אויך אַנדערע באַלעבאַטים, נאָר
דאָס זענען נישט אַזעלכע לייטלעך, וואָס מאַכן זיך פאַרשטיין מיט אָנצו־
הערעניש... עס איז נישט געבליבן קיין אנדער עצה, ווי צו מאַכן אַ
„קאָנצערט" אויף בילעטן אין גאָלדמאַנס זאַל, געבליבן איז צו מאַכן א
קאָנצערט „די מאמע רחל", דאָס הייסט פאַרשטעלן, ווי נבוזראדן טרייבט
דורך די יידן פאַר דער מאמע רחלס קבר, און די מאַמע רחל שטייט אויף
פון קבר און באַוויינט די יידן. מען האָט געשיקט נאָך פּענקע דעם מאָלער
און מען האָט אָנגעהויבן דינגען דעם זאַל. מיט גאָלדמאַנען האָט מען אָפּ־
געמאַכט אויף העלפט, און פּענקע האָט זיך גענומען אויסצומאָלן די סצע־

נע. קודם־כל האָט ער אַוועקגעשטעלט א וואַנט, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעמאָלט הויכע טענענבוימער, און אויף זיי זענען געוואַקסן לולבים, געבונדענע מיט אתרוגים. אויף דער וואַנט איז געשטאַנען אויפֿ־געשריבן: דרך בית־אל, דאָס הייסט, אַז דאָס איז דער וועג קיין בית־אל, אויף דער ערד ביי דער וואַנט האָט ער אַנידערגעשטעלט א גרויסן שטיין, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אויפגעשריבן „קבר רחל“, רחל דער מאַ־מעס קבר, און פאַרטיק.

חברה האָבן זיך אָנגעטאָן ווייסע קיטלען מיט טליתים פון אויבן. מיט פּעקלעך אויף די אַקסלען און מיט אויסגעקרימטע שטעקנס אין די הענט ווערן זיי ארויסגעטריבן אין גלות אריין פון נבוזראדן, פון יעקל קאָלבאַס, הייסט דאָס, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין א רויט העמד מיט זעלנערישע שליפעס און אַ רויטן לאַמפּאַס מיט אַ קופּערנער קאַסקע פון די פייערלעשער אויפן קאָפּ. מיט א רויט אָפּגעפארבט פּנים און א לאַנגער רויטער באָרד, האָט ער טאַקע נעבעך אויסגעזען ווי א נבוזראדן, און נבוזראדן האָט אַזוי געזאָלט זינגען:

גייט, יידעלעך, גייט
אין גלות אריין,
אין גלות אריין,
גייט, יידעלעך, גייט...

פאַרוואָס נעבעך יעקל קאָלבאַס איז געוואָרן אויסגעקליבן פאַר נבוז־ראַדן, ווייסט איין גאָט — דאַכט זיך א ייד, וואָס זיין גאַנצער נדן איז „א בלויער בילעט“, נאָר מסתמא איז עס איבער דער באַס־שטימע און פאַר נבוזראדן פּאַסט דאָך א באַס־שטימע...

יידלען דעם עלטערן אלט האָט מען געמאַכט פאַר דער „מאַמע“ רחל. מען האָט אים אָנגעטאָן אין לאַנגע ווייסע תכריכים מיט א שבתדי־קער הויב אויפן קאָפּ און א רעכט ביסל תחינות אים אין אָרעם אריינגע־געבן און אַנידערגעלייגט אונטערן שטיין.

יידל דער אלט האָט זיך אַנידערגעזעצט און אויפגעשריבן מיט גרוי־סע כתיבה־אותיות א מודעה אויף אַ ווייס שטיק פּאַפּיר:

„ק ו ל  ר י נ ה  ו ה ו ד י ה!“

עס וועט ווערן געגעבן אַ קאָנצערט פון דעם בארימטן קעלצער חזן מיט זיין בארימטן כאָר, אין וועלכן עס ווערט פאַרגעשטעלט א שטיקל מיטן נאָמען:

## די מאמע רחלס קבר

ווו עס וועט זיך ווייזן ווי לעבעדיק די מאמע רחל, ווי זי באַוויינט אירע קינדערלעך, און נבוזראדן, ווי ער טרייבט די יידן אין גלות אריין.

## איבערמאָרגן דינסטיק

אכט אזייגער אָוונט, אין בארימטן סאלאָן פון ה׳ גאָלדמאַן.
ערשטע פּלעצער 1 רובל. צווייטע 50 קאָפּ. צו שטיין 25 קאָפּ.
(ליכט וועט זיין אין סאלאָן ווי בייטאָג, אכט נייע לאָמפּן).

„ויקהלן“ מיט „פּקודין“ האָט מען גענומען און איבערגעגעבן זיי דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן פּענקע האָט אויסגעמאָלט די זעלבע טענעגביימער, ווו עס וואקסן די געבונדענע לולבים מיט די אתרוגים — און זיי איבער דער שטאָט געשיקט צו די באלעבאַטים מודיע צו זיין וועגן קאָנצערט.

---

אז עס איז געקומען איבערמאָרגן דינסטיק, האָבן חברה געפאסט אַ גאנצן טאָג. אז מען האָט זיך געהאלטן אין איין צוגרייטן, גרייט מען זיך שוין צו נאָך. קודם כל האָט מען געבראכט צושלעפּן פון דער גאנצער שטאָט טליתים מיט קיטלען און אַלערהאַנט מכשירים, האָט אַ ייד גע־באָרגט א טלית, איז ער געוואָרן א גאנצער מאכער און אָנגעגרייט זיך צו קומען אויפן קאָנצערט מיט דער גאנצער משפּחה און נאָך מיט דעם ווייבס משפּחה צוגעלייגט...

פון דער פרי אָן איז די קאסע געווען אָפן. מען האָט גענומען אַ טישל און אנידערגעשטעלט אין הויף פון סאלאָן, באדעקט אים מיט אַ טישטעך און אנידערגעזעצט דערביי יידלען, דעם עלטסטן אלט מיט בי־לעטן צום פארקויפן. נאָר יידן האָבן נישט אנדערש וואָס צו טאָן? גייט אַוועק די ערשטע שעה, די צווייטע שעה, די דריטע — עס ווייזט זיך קיין הונט נישט. טראַכט יידל: אין דער פרי צו וואָס האָט מען זיך צו איילן, מען וועט נישט קריגן די מציאה? קומט אָן אזייגער איינס, צוויי, ווייזן זיך אַ גאַנצע חברה חדר־ייִנגלעך, וואָס אָט ערשט זענען זיי ארויסגעגאנגען פון אונטער דעם רבינס רוט, און איינער פּאר אלע האָט אויסגעבונדן פון אַרבע־כנפות דאָס „קעזל“ און אַרויסגענומען פינף און צוואַנציק צוויי־

ערם פּאַר אַ בילעט „צו שטיין“. וואָרט יידל ווייטער, עס ווערט פאַרנאַכט, קומט נאָך א ייד צו גיין און לייגט ארוים פינף צענערס, דערנאָך ווערט ווידער שטיל... יעדע מינוט באַווייזט זיך אַן אַנדער משורר און גייט באַלד פּרוייעריק אַוועק...

עס איז געוואָרן נאַכט. די גאַנצע חברה איז צוזאַמענגעקומען. אָנ־שטאָט יידלען האָט זיך דער חזן אַנידערגעזעצט — טאָמער וועט עס בע־סער גיין... קיין האָן קרייט ניִשט... עס הייבן אָן צו קומען ערשטע געסט. יעקל קאַלבאַסניקס (גבוזראַדנס, הייסט דאָס) „נייע“ משפּחה — די כלה אַ נייעם קאַפּטן אָנגעטאָן, מיט דער מחותּנתטע און די מחותּנים — דאַכט זיך היימישע מענטשן: זייער גבוזראַדן... דערנאָך זענען געקומען צו גיין די טליתים־יידן און די קיטל־יידן...

דערווייל הינטער דער פּלאַכטע, וואָס „ויקהל“ האָט פון ערגעץ־ווו געבראַכט צו שלעפּן און וואָס האָט געדינט פאַר א פּאָרהויז — האָבן חברה זיך אָנגעטאָן, הינטערן שטיין אַרונטערגעלייגט און מען וואַרט. יעדע מינוט וואַרפט אַן אַנדער משורר אַן אויג פון הינטער דעם פּאָר־האַנג. דערזעט ער גבוזראַדנס משפחה, זיצנדיק אויף דער ערשטער באַנק, גיט ער א קרעכץ און גייט אַוועק, חברה, מיד פון א גאַנצן טאָג, ציען זיך אוים אין די טליתים אויף דער ערד, אויף דעם וועג קיין בית־לחם, צווי־שן די טענענביימער. א מידקייט איז אויף זיי געפאַלן, עס ווערט וואָס אמאָל שפּעטער. די פּאָר ליכט, וואָס מען האָט אָנגעצונדן, האַלטן ביים צאַנקען, אין דעם סאַלאָן הייבט אָן טונקל צו ווערן. גבוזראַדנס משפחה לאַנגווייליקט זיך... די טליתים־יידן ווערן מיד וואַרטנדיק און פאַרלאָזן איינציקווייז דעם „סאַלאָן“: „עס וועט שוין גאָרנישט זיין“... אין פּאָר־הויז קריכט זיך דאָס חדר־יינגל און וויל צוריק די פינף און צוואַנציק קאָ־פּיקעס...

עס איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט. אין זאַל איז שוין קיינער נישט געווען. חברה, אָפּגעמאַטערט, אָנגעטאָן אין די צעריסענע טליתים, זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אויפן וועג קיין בית־לחם, אין מיטן צווישן זיי איז גבוזראַדן מיט דער „קאַסקע“ אויפן קאָפּ מיטן רויטן העמדל, אַלע ליגן זיי פאַר דער מאַמע רחלס קבר. דאָ און דאָרט האָט נאָך געצאַנקט א לעצטע שיין פון אַן אויסגייענדיק ליכט. די לבנה דורכן פענצטער האָט באַגאָסן די ליגנדיקע, אָפּגעמאַטערטע אַרויסגעטריבענע יידן און האָט באַפּינקלט גבוזראַדנס קאַסקע. די שאָטנס אויף דער וואַנט האָבן געדרוט צווישן די טענענביימער, וואָס זענען אויפן וועג קיין „בית־לחם, די מאַ־

מע רחל איז מיד געוואָרן ליגנדיק אין קבר, איז זי ארויס אין די לאַנגע תכריכים און אין דער שבת־הויב אויפן קאָפּ, און האָט זיך אַנידערגע־שטעלט צוקאָפּנס פון די ליגנדיקע, אויסגעמאַטערטע אַרויסגעטריבענע יידן. קוקנדיק אויף זיי האָט זי די הענט פארשפרייט צום הימל און האָט אזוי אָנגעהויבן צו באַזינגען:

זע, טאטע אין הימל,
וואָס דו האָסט פון דיין פאָלק ישראל געמאַכט.
דיין שטאָט חרוב געמאכט,
דיינע קינדער פארטריבן!

— — — — — — — — — — — — —

און נבוזראדן האָט פון שלאָף אפּגעענטפערט:

גייט, יידעלעך, גייט
אין גלות אריין,
אין גלות אריין,
גייט, יידעלעך, גייט!

# א יידיש קינד

## (דערציילונג פון פויליש־יידישן לעבן)

די מאמע איז פון דער כלהס צימער ארויסגעקומען: זי האָט גע־וואָרפן א שטעכנדיקן בליק אויפן מאן, וואָס איז געזעסן ביים אָפּגעגע־סענעם טיש און האָט פארן בענטשן קנײדלעך פון ברויט־טייג געקנעטן.

— גיי מענה דו מיט איר, איך האָב שוין קיין כוח נישט.

— רחל־לאה האָט קינדער דערצויגן! הע! מיט די פינגער וועט מען דיר נאָכטייטן, לייטנס געלעכטער. א חורבן נאָך דיינע יאָרן!

— נאָך מיינע? נאָך דיינע א חורבן, האָסטו געדארפט אין דער היים צו ליגן, קינדער צו דערציען! נישט, דאָס זאָל זיך ארומשלעפּן, שווארצע יאָר ווייסט מיט וועמען...

— „רע“־רחל, וואָס האָסטו זיך אנידערגעשטעלט מיט מיר קריגן? די מחותנים וועלן דאָך באלד קומען צו פאָרן.

— און וואָס ווילסטו פון מיר? מנשהלע, הע?!

— געדענק אין גאָט, קום אריין צו איר, עס וועלן דאָך זיין לייטנס געלעכטער...

דער מאן האָט זיך א הייב געטאָן פון טיש און איז אריין אין צווייטן צימער צו דער טאָכטער.

נאָך אים איז נאָך די מוטער.

אויף דער קליינער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער, איז א יונג מיידל פון א יאָר אכצן געזעסן, דאָס פנים אירס איז געווען פארשטעלט מיט ביידע הענט, און די הענט באהאלטן אין אירע געדיכטע שווארצע האָר, וואָס זענען געווען צעפלאָכטן. זי האָט געמוזט וויינען, וואָ־רום איר ברוסט האָט זיך געפאליעט און הויך אָפּגעהעשעט. אויפן בעט, איר קעגנאיבער, זענען געלעגן אויסגעשפרייט דאָס ווייס זיידן „חופה־קלייד“, מיט דעם שווארץ זיידן „שול־קלייד“, און דאָס שווארץ טוכענע

קלייד פון „צומאָרגנס“, וואָס דער „אויסשטייער־שניידער“ האָט ערשט נישט לאַנג אָפּגעברענגט. ביי דער טיר איז געשטאַנען א יידענע מיט אַ שוואַרץ שלייפל אויפן קאָפּ, וועלכע האָט געהאַלטן שאַכטלען מיט שייטלען.

— חנהלע! וואָס, דו ווילסט מיר די חרפּה אָנטאָן? די גאַנצע וועלט זאָל האָבן מיט מיר צו טאָן? — האָט זיך דער פֿאָטער אָנגערופֿן. די כלה האָט נישט געענטפֿערט.

— קוקטס מיר אָן, משה גרויס טאָכטער! פֿאַר גנענדל פֿריינדלס טאָכ־טער פּאַסט צו טראָגן א שייטל, און משה גרויס טאָכטער פּאַסט נישט?

— זי האָט זיך כ'לעבן א ביסל מער איינצורעדן פון דיר, מער גע־בילדעט פון דיר, מער נדן פון דיר — האָט די מוטער צוגעהאָלפֿן.

די כלה האָט זיך גאָרנישט אָנגערופֿן.

— טאָכטער, זע, וויפל ממון און דמים דאָס האָט אָפּגעקאָסט, ביז גאָט האָט אונדז שוין געהאָלפֿן צו א שטיקל נחת, און יעצט ווילסטו אונדז די שמחה פֿאַרשטערן? געדענק אין גאָט, וואָס טוט זיך מיט דיר! מע וועט דאָך אונדז אין חרם לייגן. דער יונגערמאַן וועט צופוס אהיימלויפן...

— מאַך דיך שוין נישט צו נאַר — זאָגט די מוטער, און נעמט פון דער יידענע, וואָס שטייט ביי דער טיר, א שייטל פון אַ שאַכטל ארויס און גייט צו צו דער טאָכטער — „לאָז דיר דאָס שייטל אָנמעסטן, די האָר פון דעם שייטל זענען פון איין קאָליר מיט דיינע האָר“ — און זי לייגט דער טאָכטער די פרעמדע האָר אויפן קאָפּ.

— דאָס אכצן־יאָריקע מיידל האָט דערפילט עפּעס שווערס אויפן קאָפּ. זי האָט אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט אירע האָר, און האָט דערפילט צווישן די איריקע ווייכע, קילע, לעבעדיקע האָר, פרעמדע האָר, טויטע און שטייף־קאַלטע, און איין געדאַנק האָט אין איר יונגן מוח געקלאַפּט: ווער ווייסט וו דער קאָפּ פון אָט די פרעמדע האָר, וואָס זי טראָגט אויף זיך, געפינט זיך איצט?... און א שרעקלער אָפּשיי האָט זי אַרומגענומען, און ווי ווען עס וואָלט זי אָנגערירט עפּעס נישט ריינס — האָט זי גע־כאַפּט דאָס שייטל פון קאָפּ און אַ וואָרף געגעבן אָן דער ערד, און איז האַסטיק ארויס פון שטוב.

טאַטע־מאַמע האָבן איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט...

---

צומאָרגנס נאָך דער חתונה, האָט זיך די מחותנתטע גאַנץ פרי גע־פּעדערט מיט דער גרויסער שער אין דער האַנט און מיט דעם שייטל און

קאַפּעליוש, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אַ מתּנה דער כּלה פון איר שטאָט, און איז געגאַנגען די כּלה אָנטאָן צום „פּרישטיק“.

נאָר די מחותּנתטע איז פון דרויסן געבליבן... די כּלה האָט זיך פאַרשלאָסן אין איר שטוב און האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט צו זיך.

די מחותּנתטע לויפט מיט אַ געוואַלד צום מאַן, דער ליגט נאָך דער געכטיקער מחיה מיט אַ טוץ פּעטערס און שוואָגערס פאַרפלאָנטערט אינאיינעם און שלאָפן. זי גייט צום חתן, דער חתן, אַן אַכצןיאָריקער בּחור, די מאַמעס מילך נאָך אויף די ליפּן, אין זיידענער קאַפּאָטע און שטריימל, דרייט זיך ווי אַן אָפּגעשמיסענער איבער דער שטוב, און באַהאַלט פאַר בושה די אויגן אין דער ערד, שעמט זיך אַ מענטש אין פּנים צו קוקן. זי האָט דאָך אויפגעוזוכט די מחותּנתטע און גייען ביידע אַהין צו דער כּלה, רייסן די טיר אויף און קוקן אַריין.

— פאַרוואָס האָסטו דיך איינגעשלאָסן, ליבע טאָכטער, ברויכסט דיך נישט צו שעמען.

— עס איז אַ יידישע זאַך — זאָגט די מחותּנתטע און יצעקושט זיך מיט דער שוויגער.

זי ענטפערט גאָרנישט.

— די שוויגער האָט דיר מיטגעבראַכט אַ שייטל און אַ קאַפּעליוש צו שול־פירנס — זאָגט דער כּהלם מוטער.

פון דער צווייטער שטוב הערט מען שוין די מוזיק שפּילן דעם „גוט־מאָרגן“.

— נו, נו, כּלהשי, כּלה־לעבן, די געסט הייבן זיך שוין אָן צוזאַמענצוקומען.

די מחותּנתטע נעמט זיך די צעפּ פאַנאַנדערצופלעכטן.

די כּלה בייגט אַוועק דעם קאָפּ פון דער שוויגער, און פאַלט דער מוטער אויפן האַלדז:

— איך קאָן נישט, מאַמע לעבן! דאָס האַרץ לאָזט מיך נישט. מאַמע קרוין!

זי האָט די האָר אין ביידע הענט באַהאַלטן, נישט צולאָזנדיק די מחותּנתטע צו זיך מיט דער שער.

— געדענק אין גאָט, טאָכטער לעבן... — האָט זיך די מוטער געבעטן.

— אין פייערדיקע טייכן טוט מען אויף יענער וועלט בראָטן פאַר

דעם. מיט גליענדיקע צוואנגען טוט מען די „קאָדלעס" אויסרייסן פון דער מרשעת, וואָס טראָגט די אייגענע האָר נאָך דער חתונה.

א קעלט איז דורך דורך אלע ביינער פון דעם יונגן אכצן־יאָריק מיידל.

— מאמע לעבן, מאמע קרוין! — האָט זיך דאָס יונגע מיידל געבעטן.

און זי האָט מיט אירע הענט אירע האָר אָנגעטאפּט. א פאליע שוואַרץ־זיידענע האָר האָבן זיך צווישן אירע הענט געגאָסן; און א געפיל האָט געקלאַפּט אין דעם יונגן מיידלשן הארץ: אז אירע האָר, וועלכע זענען מיט איר אינאייינעם געוואַקסן, וואָס האָבן מיט איר איינייינעם געלעבט, וועט מען אָפּשניידן, אז קיינמאָל, קיינמאָל וועט זי שוין אירע אייגענע האָר ניט האָבן... אז פרעמדע האָר וועט זי טראָגן... האָר וואָס זענען געוואַקסן אויף א פרעמדן קאָפּ, וואָס ווער ווייסט, צי דער מענטש פון די פרעמדע האָר לעבט נאָך איצט, אָדער פוילט שוין לאַנג אין דער ערד, און קאָן ביינאַכט צו איר קומען צום בעט, און בעטן זיך מיט א טויטער שטימע:

— גיב מיר אָפּ מיינע האָר, גיב מיר אָפּ מיינע האָר.

א קאַלטער פראָסט איז אַריבער דעם מיידלס ביינער ביז צו דעם מארך. זי האָט א ציטער געגעבן.

איבער איר קאָפּ האָט זיך שוין דערהערט א קוויטשען פון א שער... זי האָט זיך געגעבן א ריס פון דער מוטערס אָרעם, געכאַפּט די שער פון דער שוויגערס הענט, געוואָרפן אין דער ערד, און געשריגן נישט מיט א מענטשלעכער שטימע:

— מיינע אייגענע האָר, לאָז מיך גאָט אליין שטראָפן!

און עס האָט שוין גאָרנישט געהאָלפן, די מחותנתטע האָט נאָך יענעם טאָג זיך געפּאַקט און צוריק אַהיימגעפירט דעם לעקעך מיט די געגנדז, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אויפן פרישטיק פאר די „איריקע". זי האָט אויך געוואָלט מיטנעמען דעם חתן, האָט די מחותנתטע געזאָגט: „א זאַך! ער געהערט שוין צו מיר!

און שבת צום „שול־פירן" האָט מען משה גרוים טאָכטער געפירט פריי און פראַנק פאר גאַנץ „פּיאָנטיק" אין די אייגענע האָר מיט א גרויסן קאָפּעליוש אין שול אריין.

נאָר וואָס מען האָט זי דורך דעם וועג אָנגעשאָלטן, זאָל אריין אין אלע וויסטע מדבריות, וווּ קיין מענטשנס טריט טרעטן נישט.

---

עס איז געווען א זומער פארנאכט, א פאר וואכן נאך דער חתונה. דער יונגערמאן איז פון „שטיבל“ אהיימגעקומען, און איז אין זיין חדר אריין. זי, דאס ווייב, איז שוין געשלאפן. דאס שטילע ליכט פון קליינעם לעמפל, וואס איז געפאלן אויף איר — האט באלויכטן איר בלייך געזיכט, וואס איז געווען אפן דא און דארט פון צווישן אירע שווארץ־זיידענע האר, אין וועלכע דאס גאנצע פנים האט זיך געבאדן. אירע בלייכע שלאנקע הענט האט זי ארום איר קאפ געהאלטן, ווי זי וואלט מורא האבן, אז עס זאל ווער איר ביינאכט די שווארצע צעפ נישט אפשניידן.

ער איז אהיימגעקומען אויפגערעגט און בייז, שוין די פערטע וואך נאך דער חתונה, און מען האט אים קיין עליה נישט געגעבן; חסידים טוען אים אן דין, און היינט האט אים חיים־משה אזוי אויסגעזידלט און בפרהסיא פארשעמט, איבער דעם, וואס „זי“ גייט אין אירע אייגענע האר — „א ליימענער גולם ביסטו“ — האט צו אים ר׳ חיים־משה געטע־נהט — „ווי הייסט אן אשה וויל נישט: והוא ימשול בה, שטייט בפירוש געשריבן“. אהיימגעקומען איז ער מיטן געדאנק באלד צוצוגיין צו איר, און צו זאגן: — „אשה, עס איז א דין־תורה! טראגסטו די אייגענע האר קומט דיר א גט אן א כתובה“, און פאקן די זאכן און אהיימפארן, נאר דערזעענדיק דאס ווייבל ווו זי שלאפט אין בעט, און איר בלייך געזיכט, וואס קוקט ארויס פון דעם שווארצן קרוין האר, האט ער אויף איר גרוים רחמנות געקריגן. ער איז צו צום בעט, אפגעשטעלט זיך, לאנג געקוקט אויפן ווייבל, דערנאך אייניקע מאל שוואך אויסגערופן:

— חנהלע... חנהלע... חנהלע...

זי האט פלוצלינג און דערשראקן די אויגן אויפגעעפנט פארוואונדערט און פארשלאפן זיך אומגעקוקט:

— נתן, דו רופסט, וואס ווילסטו?

— גארנישט, דאס הייבל איז דיר אראפגעפאלן — זאגט ער, אויפ־הייבנדיק די ווייסע נאכט־הויב, וואס איז איר פון קאפ אראפגעפאלן.

זי האט דאס הייבל אויפן קאפ געווארפן, און געוואלט זיך צו דער וואנט פארדרייען.

— חנהלע, חנהלע! איך האב עפעס מיט דיר צו רעדן.

די ווערטער האבן געטראפן צו איר הארץ. דורך דער גאנצער צייט פון דער חתונה האט ער מיט איר כמעט ווי נישט גערעדט. א גאנצן טאג האט זי אים נישט געזען. ער איז געזעסן אין בית־המדרש, אדער אין שטיבל. איז ער אהיימגעקומען מיטאג עסן, האט ער זיך צום טיש געזעצט

אָן ווערטער. האָט ער עפּעס געוואָלט, פּלעגט ער רעדן סתּם ווי אין דער וועלט אַריין. האָט ער שוין יאָ וועגן מיט איר אַ וואָרט אויסגעשפּראָכן, האָט ער די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, און מורא געהאַט צו קוקן איר גלייך אין פּנים. דאָס ערשטע מאָל ווי ער רעדט מיט איר, רעדט ער אַזוי ווייך, ווען זיי זענען ביידע אַליין ביי זיך אין שטיבל.

— וואָס האָסטו מיר אַזוינס צו זאָגן? — האָט זי אין דער שטיל אויסגערעדט.

— חנהלע — הייבט ער אָן: איך בעט דיך, מאַך מיך נישט צו נאַר, און מאַך דיך נישט צו נאַר אין מענטשנס אויגן. מיר זענען דאָך אַ זיווג פון גאָט באַשערט: דו ביסט דאָך מיין ווייב, און איך בין דיין מאַן; און ווי פּאַסט עס, און ווי זעט עס אויס אַן אשת־איש אין אייגענע האָר...

דער שלאָף האָט נאָך געהאַט האַלב פאַרוועבט אירע אויגן, אינגאַנצן אָבער פאַרוועבט איר געדאַנק און ענערגיע. זי האָט זיך געפילט שוואַך, און דער מידער קאָפּ איז לייכט געפאַלן אויף זיין ברוסט.

— קינד — זאָגט ער ווייכער — איך ווייס, דו ביסט נישט אַזוי פאַרשייט, ווי מען זאָגט אויף דיר, איך ווייס דאָך יאָ, דו ביסט אַ כשר יידיש קינד... און השם־יתברך וועט אונדז דערצו העלפן, און מיר וועלן האָבן כשרע יידישע קינדער. לייג אוועק די שטותן; צו וואָס דאַרפסטו די גאַנצע וועלט זאָל מיט דיר האָבן צו טאָן? מיר זענען דאָך שוין מאַן און ווייב, דיין שאַנד איז דאָך מיין שאַנד...

און איר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס ווער, זייער אַ ווייטער און זייער אַ נאָענטער, קומט צו איר און רעדט צו איר. קיינער האָט נאָך מיט איר אַזוי ווייך, אַזוי היימיש נישט גערעדט. און ער איז דאָך איר מאַן, איר איינציקער מאַן, מיט וועלכן זי וועט וווינען אַזוי לאַנג... אַזוי לאַנג... און קינדער האָבן... און אַ הויז פירן...

זי האָט איר קאָפּ אויף אים לייכט אָנגעלענט.

— איך ווייס, אַז עס איז דיר אַ שאָד דיינע האָר, דיין מיידל־צירונג. איך האָב דיך געזען, כלהווייז, ווען איך בין ביי אייך צו גאַסט געווען... כ'ווייס, אַז גאָט האָט דיך באַשענקט מיט חן און לייטזעליקייט... כ'ווייס גאַנץ גוט, און מיר שניידט עס אויך אין האַרץ, אַז מען דאַרף די האָר דיר אָפּשניידן. וואָס זאָל מען אָבער טאָן. עס איז אַ דין בפירוש, פאַר דעם זענען מיר דאָך יידן, מיר קאָנען זיך נאָך חלילה פאַרזינדיקן ביי אַ קינד געווינען, זאָל גאָט שומר ומציל זיין.

זי האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר לייכט איז זי אין זיינע אָרעמס געבליבן, און זיין פּנים האָט זיך געוואשן אין דעם קילן דופט פון אירע זיידענע שווארצע האָר, אין וועלכע עס איז געווען פארהילט. אין די האָר האָט א נשמה געלעבט, און ער האָט זי געפילט, ער האָט זי לאנג און טיף אָנגעקוקט, אין זיינע אויגן איז א בקשה געווען, א בקשה אויף איר אייגן גליק און אויף זייער ביידנס גליק.

— זאָל איך — האָט ער מער מיט די אויגן געפרעגט איידער מיטן מויל.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, זי האָט נאָר איר קאָפּ אין זיין שויס געהאַלטן.

ער איז האַסטיק צו צום שופלעדל און דערפון דאָס שערל אַרויסגענומען.

אויף זיין שויס איז זי געלעגן, איבערגעבנדיק איר קאָפּ האָר אַן אויסלייז=געלט פאַר זייער גליק... מיט האַלב=פאַרוועבטע אויגן פון שלאָף האָט זי עפּעס געטרוימט... און די שער האָט געקוויטשעט איבער איר קאָפּ, אָפּשנייידנדיק איין לאָק נאָך דעם צווייטן. אַזוי האָט זי געטרוימט אַ גאַנצע נאַכט...

אַז חנהלע האָט זיך אין דער פרי אויפגעכאַפּט, האָט זי געוואָרפן אַ בליק אין שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען קעגנאיבער איר בעט. אַ שרעק איז אויף איר אָנגעפאַלן. זי האָט געמיינט, אַז זי איז משוגע און ליגט אין שפּיטאָל... אויף דעם טישל פאַר איר זענען געלעגן אירע אָפּגעשניטענע טויטע צעפּ. די נשמה, וואָס האָט געהאַט געלעבט אין די צעפּ, ווען זיי זענען געווען אויף איר קאָפּ, איז איצט געווען אָפּגעשטאָרבן, און זיי האָבן דערמאָנט פון טויט...

זי האָט דאָס פּנים איןביידע הענט פאַרבאָרגן, און אַ געוויין האָט אָנגעפילט דאָס קליינע צימערל...

---

# גוססדיקע שטערן

## (אַ ב י ל ד)

געוווינט האָב איך אונטער די הויכע ריזיקע בערג „טאַטרי“, אין אַ קליין דערפל, וואָס איז באַוווינט פון אייניקע בערג=פויערן, וואָס האָבן געלעבט אין ערד=גראָבן אָן דעכער, אָן קוימענס, ווי אין מיטלאַלטער. „קאָזניץ“ ליגט אין א טיפן טאָל, וואָס איז איינגעזונקען דריי טויזנט קלאַפטער טיף צווישן בערג. אין דעם דאָרף פירט אַריין אַ שמאָל שניי=וועגל, וואָס ציט זיך צווישן צוויי הויכע וואַסערפאַלן, וואָס זענען איצט, אין די דרייסיק גראַד פראָסט פאַרפרוירן געוואָרן, און געבילדעט צוויי אומגעהויערע הויכע אייז=ווענט, וועלכע די אָרט=מענטשן רופן: „קראַשינסקים טויער“. אין דאָרף האָט די זון קיינמאָל נישט אַריינגעשיינט. די דריי, פיר שטונדן טאָג האָט מען אויך געמוזט באַלייכטן מיט קליינע נאַפט=לעמפלעך, אָדער ברענענדיקע שטיקלעך קין. פון דער זון, וואָס האָט הויך גערוט אויף די שפּיצן פון שניי=בערג, האָט זיך נאָר טיילמאָל אָפּגעשפּיגלט אַ גלאַנץ אין אַ פּויעריש פענצטערל, וואָס איז אין דער העלפט געווען פאַרשטאָפּט מיט עפּעס אַ שמאַטע. דער איינציקער פלעק פון דער זון האָט אַ ביסל היימישער געמאַכט דאָס טויטע דערפל, וואָס איז שטענדיק געלעגן פאַרבאָרגן אינעם שאָטן.

ביי דעם „גאַזדע“ (באַלעבאָס), ווו איך האָב געוווינט, איז אַמאָל אין אָנהייב האַרבסט אַ זון אַוועקגעקומען. ער איז אויף די בערג געגאַנגען און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. דער „גאַזדע“ האָט געגלויבט, אַז די לצים פון די בערג האָבן אים פאַרנאַרט אין אַ הייל אַריין, און ער לעבט דאָרט מיט אַ שדית, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן אָן דער וועלט. יעדעס מאָל, ווען אויף די בערג האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטורעם=ווינט, אויסגעריסן ביימער מיט די וואָרצלען און געשליידערט זיי פון די בערג אַראָפּ — האָט דער „גאַזדע“ מיטן הויזגעזינד אין אַ ווינקל זיך באַהאַלטן, גע=

קגיט און געצלמט זיך, און אָנגערופן שמות פון בערג־געטער, פאַר שרעק, דער זון זיינער זאָל נישט צוריקקומען מיט דער שדית און חרוב מאַכן זיין נחלה. און וואָס אַמאָל דער ווינט האָט די ביימער געוואָרפן אויפן אויבנדעק פון דער הייל — האָט ער זיך אויף דער ערד געוואָרפן, מיינענדיק, אַז אָט איז דער זון שוין דאָ.

דאָס לעבן פון די בערג־פויערים האָט מיך אַזוי דורכגענומען, אַז איך האָב אייניקוויז אָנגעהויבן צו גלויבן אין זייערע סימנים, אין זייערע לעגענדעס. און ווען אַ הוראַגאַן האָט געוועלטיקט אין די בערג, האָב איך מיך אויך, גלייך מיט דער גאַנצער משפחה, אין אַ ווינקל פון שטוב איינגעקאָרטשעט פאַר פחד, דער „גאַזדעס" זון זאָל פון די בערג נישט צוריקקומען.

דענסטמאָל האָב איך זיך מיט איר באַגעגנט.

אין דעם ווילדן טאָל צווישן אייז און שניי, פאַרגעסן פון גאָט און לייט, איז געשטאַנען אַ דריישטאָקיקע געביידע — די סאַנאַטאָריע פאַר קראַנקע אויף סוכאָטע. פון דער געביידע האָט אַרויסגעשטאַרט אַ הויכער קוימען, וואָס האָט דריי מאָל אין טאָג געפייפט, און יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך דערהערט דער פייף פון סאַנאַטאָריע, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גוססדיקער קרעכץ פון די קראַנקע, וואָס געפינען זיך דאָרט...

די געזונטע מענטשן, די „גאַזדעס", האָבן מיט שרעק געקוקט אויף דעם הויז, וואָס האָט דערמאָנט אַן טויט... וועגן הויז פלעגט ביי זיי אַרומגיין פאַרשידענע לעגענדעס: ווער עס קומט דאָרט אַריין, קומט שוין מער נישט אַרויס. אין סאַנאַטאָריע פלעגט אייגנטלעך זיין פריילעך. מען האָט זיך געוויילט, געשפילט, געגעבן פון צייט צו צייט פאָרשטעלונגען, וואָס די קראַנקע אַליין האָבן אויסגעפירט. גאָר יעדן מאָרגן אין דער פרי האָבן צו פרישטיק געפעלט אַ פאָר געסט, וועלכע מען האָט ביינאַכט דורך די געהיימע, אין די ווענט איינגעמויערטע טרעפ, אַרויסגעפירט אויף מטהבעטלעך, כדי די לעבעדיקע זאָלן עס נישט באַמערקן.

זי איז געווען אַ קראַנקע פון סאַנאַטאָריע; פלעגט זי זיך פון צייט צו צייט אַרויסגנבענען פון קראַנקן־הויז און שפּאַצירן איינע אַליין צווישן די ווילדע בערג אין טיפן שניי. די דאָקטוירים, וועלכע האָבן שוין נישט געלייגט קיין האָפענונג אויף איר געזונט, האָבן איר דערלויבט צו געניסן פון דעם וואָס זי וויל, אין אירע געציילטע טעג. געווען איז זי נאָך אַ גאַנץ יונגע — אַן אַכצן, ניינצן־יאָריקע, מיט לאַנגע ווייכע בלאָנדע

האָר: פֿון די בלויע אויגן, וואָס האָבן זיך פֿאַרשעמטערהייט אַרונטערגערוקט אונטער איר שטערן, האָט שוין אַרויסגעקוקט דער טיפֿער ערנסט פֿון טויט. אויף אירע יונגע פֿרישע ליפּן האָט אָבער נאָך געשיינט דער זיסער שמייכל פֿון לעבן... און זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ הויכער, בליענדיקער אונטערגעשניטענער טובעראָזאַ-בלום. איך ווייס נישט ביז היינט, צי זי האָט געוווּסט פֿון דעם, אַז אירע טעג זענען געציילטע, צי זי האָט נישט געוווּסט — זי איז זייער פֿריילעך געווען. און עס האָט זיך איר געוואָלט לעבן. איינע אַליין מיט די צעפּלאָשעטע האָר, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן סערדוק, מיט אַ הויכן שטעקן אין דער האַנט, האָט זי אויף די בערג געשטייגט, גלייך זי וואָלט געגאַנגען זוכן איר גליק, וואָס זי האָט ערגעץ פֿאַרלוירן...

איך האָב זיך באַגעגנט מיט איר אויף אַ שפּיץ באַרג, ביי אַ געפֿרוירענעם סטאַוו, צווישן „סאַקראַקן“ מיט „שטעבערס“, וואָס זיי זענען געווען באַלייגט מיט קישעלער שניי. מיר האָבן זיך באַלד באַקענט. און, גלייך מיר וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ צוזאַמענטרעפֿן, האָבן מיר זיך ביי די הענט אָנגענומען און הויך אויף די בערג געשטיגן.

די זון האָט באַגאָסן מיט ליכט דעם שפּיץ „געוואָנט“, און דער ווייסער שניי, באָדנדיק זיך אין דער העלער זון, האָט אַזוי פֿיל ליכט פֿאַרשפּרייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דעם שפּיץ „געוואָנט“ פֿליסט אַ ליכטיקער ים, וואָס גיסט זיך אַרויף אויף דעם באַרג „ציערוואַנער ווירכ״ם אקסל. זי, באַגייסטערט מיט לעבן, האָט געצויגן מיין האַנט און געשטיגן אין שניי. אין דער אַרומיקער שניי-וועלט איז קיין מענטש, קיין באַשאַפֿונג פֿון מענטשלעכע הענט נישט געווען צו זען. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זענען געקומען אויף דער גרענעץ פֿון יענער זייט וועלט... וווּ איין פֿליגל שניי ליגט אויפֿן צווייטן, — אין אוצר הקרח זענען מיר געקומען. — אָט באַלד וועט זיך דער באַרג הייבן און וועלטן וועלן ווערן פֿאַרשאָטן מיט שניי...

און, אַז זי האָט דערזען דעם ווייסן וואַלד-שניי, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון צווישן די שוואַרצע וואַסער-טאָוולען פֿון קליינעם וואַסערקוואַל, וואָס גיסט זיך פֿון די בערג אַראָפּ, האָט זי אירע לאַנגע יונגע הענט פֿאַרשפּרייט: — גאָט ווי שיין איז די וועלט!

און לאַנג, לאַנג הערנאָך האָט זי שטיל געשוויגן...

---

פון צייט צו צייט האָבן מיר זיך געזען, צוזאַמען שפּאַצירט. שטענדיק איז זי די אייגענע: פריילעך, אָפן, און דאָך אין זיך עפּעס אַ סוד געהאַט באַהאַלטן. דעם סוד, וואָס איז פאַר אונדז און נאָך אונדז... זי האָט קיין איינציק מאָל נישט דערמאָנט פון דער וועלט, פון וועלכער זי איז אַהער געקומען צו פאָרן, נישט פון יענער וועלט, ווי זי מאַכט זיך אין וועג אַריין... איז איר קאַלט געוואָרן אין די בערג, האָט זי זיך ווייך געטוליעט צו מיר, זייער ווייך און זייער וואַרעם, דעם קאָפּ באַהאַלטן ווי אַ קינד אין מיין ברוסט, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט אין מיר אַריין.

---

ווי אַ גוטער ליכטיקער מלאך האָט זי זיך אויף מיין שוועל באַוויזן:

— קום — זאָגט זי צו מיר, און מיין האַנט געצויגן.

איך האָב מיך אין מיין פוטער איינגעטוליעט און מיט איר געגאַנגען.

אַ נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע און אַ לויטערע. אַ האַלבע לבנה אָן איין פּגימהלע איז געשטאַנען אויפן שטערן פון „געוואָנט", וואָס איז, אינגאַנצן פון קאָפּ ביז די פיס איינגעהילט אין אַ ריין־געוואַשענעם קיטל, געלעגן טיף פאַרקלערט אין זיין סוד... די לופט איז אַזוי קלאָר געווען, אַז מען האָט געפילט דעם פראָסט, וואָס טראָגט זיך אַרום. די שטערן זענען שאַרף געזעסן אין דער שוואַרצער סאַמעט־נאַכט, ווי איינער וואָלט זיך אין צווייטן געריבן. זי איז זייער פריילעך געווען. זי האָט קיין איין וואָרט נישט גערעדט, נאָר זייער וואַרעם מיין האַנט געדריקט און מיך געצויגן נאָך זיך. און מיר האָבן אין דער איינזאַמער לויטערער נאַכט ווייט און לאַנג שפּאַצירט. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער אונדזערע פיס און די אַרומיקע שטומע ווייסע וועלט האָט מיט אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די טריט פון צוויי יונגע פאַרבלאָנדזשעטע נשמות... אין די הייזלעך זענען שוין לאַנג די ברענענדיקע קינדלעך אויסגעלאָשן געוואָרן, שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך געלייגט איבער דעם ווייסן נאַכט־פּלעק אויף די קליינע הייזלעך, און אַרום אונדז איז אַזוי שטיל געווען, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער גייט נאָך אונדז נאָך און ציילט אונדזערע טריט.

פון צייט צו צייט איז אַ שטערנדל געפאַלן פון הויכן הימל, און אַ סעקונדע אַ רייזע אַרום דער וועלט געמאַכט און איז פאַרלאָשן גע־

וואָרן. זי האָט געקוקט מיט בענקשאַפט אויף די אויסגייענדיקע שטערנד־לעך, און ווייך מיין האַנט אַנגענומען, מיר טיף אין די אויגן געקוקט, און מער מיט געלעכטער און פריילעכקייט ווי מיט טרויער האָט זי זיך צו מיר אַזוי אָנגערופן:

— צי איז וואר, וואָס קינדער דערציילן, אַז יעדער מענטש האָט זיין שטערן אין הימל, און אַז זיין שטערן פאַלט פון הימל אַראָפּ, ווערט זיין לעבן אויסגעלאָשן?

— אַזוי דערציילן קליינע קינדער.

זי איז אויף אַ מינוט שטיל געבליבן.

— דאָס וואָס קינדער דערציילן איז טיילמאָל זייער וואר, נישט אַזוי? — האָט זי געפרעגט מיט אַ קינדיש־חנוודיקער מינע.

— מיין מאַמע פלעגט אַזוי זאָגן...

— און וווּ קומען אַהין די אויסגייענדיקע שטערנדלעך?

— דאָרט ווו עס קומען אַהין די געשטאָרבענע נשמות.

— נאָכן טויט וואַשן זיך די נאַקעטע נשמות אין קאַלטן וואַסער, איידער זיי שטייגן ארויף צום בית־דין של מעלה.

— דאָרט באָדן זיך אויך די געפאַלענע שטערן.

זי איז אויף אַ מינוט שטיל געבליבן.

— אָט, אָט פאַלט אַ שטערן! — ווייזט זי מיר אָן מיטן פינגער.

— פאַרביי אונדז געפלויגן.

— אפשר איז עס מיינער? וואַרט, וואַרט — מאַכט זי מיט דער האַנט — און האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגן דעם געפאַלענעם שטערן.

איך בין אַליין איבערגעבליבן אין דער ליכטיקער נאַכט צווישן שטערן און שניי.

פון דענסטמאָל אָן האָב איך זי מער נישט באַגעגנט.

# די מעשה מיט דער „שיינער מאַרי"

די מיידלעך האָבן נאָך אין גאַס שפּאַצירט, אָפּוואַרטנדיק געסט. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט געווען. די געוועלבער זענען שוין לאַנג פאַרמאַכט, קיין שאָטן האָט זיך אין דער גאַס נישט געוויזן. דאָך זענען נאָך די מיידלעך נישט געגאַנגען שלאָפן. אויסגעשלאָפן זענען זיי געווען פון בייטאָג, און פון אַ צווייטער גאַס האָט זיך אין דער שטילער נאַכט געהערט טריט. ביי דעם דענקמאָל מיט דעם פיש=מענטש, וואָס שטייט לזכר, אַז עס איז דאָ אַמאָל אַ מקווה געווען, ווייזט זיך אַ שטן, אפשר קומט אַ יאָלד אָן? נאָר די טריט הערן זיך אַלץ אין איינעם, און דעם איינגעשלאָפענעם פיש=מענטשס שאָטן רירט זיך נישט פון אָרט... עס איז געווען אַ ליבע שבת=צונאַכט, פּסח=צייט, די לופט יונג, פריש און זי דערקוויקט. דער הימל טיף=בלוי, אויסגעמאָלט מיט שטערן, אַז עס איז אַ ליבע לוסט צו שפּאַצירן. אַלץ האָט נאָר געשמעקט, און די מיידלעך האָבן זיך געפילט ניי געבוירן. איינע האָט געפייפט, די צווייטע האָט געזונגען און האָט קאָקעטיש געווונקען מיט די אויגן, ווי עס וואָלט פאַר איר אַ חברה בחורים געשטאַנען. די נאַכט איז זייער שטיל געוואָרן, ווי זי וואָלט דעם אָטעם אויפגעהאַלטן, אַזוי אַז די מיידלעכס געזאַנג האָט אין די ווייטע גאַסן איבער די הויכע דעכער אָפּגעקלונגען. די הויכע שמאָלע הייזער פון דער „אַלטער שטאָט" וואַרשע זענען געשטאַנען און האָבן געשוויגן. די הויכע שטאָקן זענען געווען פאַרבאָרגן אין שוואַרצע נאַכטפּלעקן און די שטיקער גרויע טויערן, וואָס זענען באַלויכטן געוואָרן פון די איינזאַמע נאַכט=לאַמטערן, האָבן נאָך מער געשוויגן, און זענען נאָך מער פאַרסודעט געווען...

עס האָט אָנגעהויבן קאַפּען אַ רעגנדל, אַ לייכט=טריפנדיק פרילינגרעגנדל, וואָס יעדער טראָפּן האָט געזוכט אַן אָפן מיילעכל ערד, וואָס זאָל עס קאָנען מחיה זיין. נאָר די טראָפּנס פאַלנדיק אויף שטיינער און מויערן האָבן זייער פרישקייט און זומער=געשמאַק אין אוויר פאַרשפּרייט.

דאָס רעגנדל האָט דאָס געסל מחיה געווען און הײמלעך געמאַכט. די מײדלעך האָבן זיך הינטער די רינעס געשטעלט און אײנע דער צװײטער אַריבערגערעדט, אַריבערגעזונגען און אַריבערגעשאָלטן. באַלד איז אײנע אַפּער פון דער רינע און זיך געשטעלט אויפן רעגן. „װעט זי העכער װאַקסן" — זאָגט זי. האָבן איר די חברטאָרינס באַלד נאָכגעטאָן. די צװײטע, דערמאָנענדיק זיך װאָס זי פּלעגט טאָן אין אַזאַ רעגן בײ זיך אין דער הײם, האָט זיך דאָ אויך די קאַמאַשן מיט די שטרימפּ אויסגעטאָן, און אין די װאַסערלעך אַרומגעשפּרונגען. די איבעריקע האָבן אויך דאָס זעלבע געטאָן. זײ האָבן זיך די נאַסע האָר צעלאָזט און באַרװעס געיאָגט אײנע נאָך דער צװײטער אין רעגן. און פאַרגעסנדיק אין אַלעם, װו זײ זענען און װאָס זײ זענען, האָבן זײ זיך װי קינדער געשפּילט, געלאַכט, געזונגען, געפײפט און געפּאַטשט אײנע די צװײטע מיט װאַסער. נאָר פּלוצים האָט זיך אַ גרעגערץ-געהערט פון נאַכט-סטרוזש. דער „פּעטער" פון „הויז" האָט מורא געהאַט, אַז מען גײט אויף אַ „װאָלאװע", האָט ער זײ אין „שטוב" גערופן. די „מײדלעך" האָבן זיך מיט רעש אין שטוב געלאָזט, אײנע איז באַלד צו צו „אירן" און האָט אים אָנגענומען בײ די קאָדלעס האָר פון דער קאַנאַפּע אַראָפּגעשלעפּט:

— װעסט מיט מיר חתונה האָבן?

— אַ מכה.

די צװײטע איז צו צו „אירן", און האָט אים געקלאַפּט אין רוקן:

— דו ביסט אַ יאָלד! דו ביסט אַ יאָלד!

אין שטוב האָט געהערשט אַ טונקלקײט און אַן אומעט. אויף די בעטן זענען געלעגן אויסגעצויגן יונגען און האָבן געקאָרזשעט פּאַפּיראָסן און הויך געשאָלטן אײנער דעם צװײטן. מײלמאַל האָט זיך אַרײנגעמישט אין געשפּרעך אַ קול פון אַ נישט געזעענער פּערזאָן, װאָס איז געװים געװען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש אין אײנס פון די פּיל שטיבלעך, װאָס נאָר אַ דין װענטל האָט זײ אָפּגעשײדט פון דער גרויסער שטוב... נאָר אַזוי װי די כאַליאַסטרע מײדלעך האָבן זיך געגעבן אַ װאָרף אַרײן אין שטוב, איז דער שמועס אָפּגעהאַקט געװאָרן. זײ האָבן זיך געגעבן אַ װאָרף אין די אָרעמס פון די געקויפטע חתנים, װאָס זײ מוזן זײ אויסהאַלטן, דערפאַר װאָס זײ זאָגן זײ צו, אַז זײ װעלן מיט זײ חתונה האָבן. די מײדלעך האָבן די יונגען די מײלער מיט די הענט פאַרשטעלט. אין שטוב איז געװאָרן פרײלעך. דער „יאָלד", װאָס איז געװען בײ דער װאָלאָצלאַװוקערין, האָט געשטעלט ביר. עס איז אויך געקומען דער „װיל-

דער יונגערמאַן", וואָס פּאַסט אַלע מאָל אַריין, קלייבט זיך אויס אַ „יאָלדין", באַצאָלט זיין רובל און טוט גאָרנישט... זיי ווייסן נישט ווער דאָס איז אזעלכער, עפּעס א משוגענער ליטוואק אין ברילן. אָרעם אָנגעטאָן, אַז עס איז אויף אים א רחמנות צו קוקן. ער קומט אריין ביינאכט, זעצט זיך אַנידער און פרעגט זיי אויס נאַרישע קשיות. טיילמאָל קושט ער און שמייכלט בשעת-מעשה ווי די באָבע וואָלט אים געהאַט, באַהאַלט דאָס פּנים, און הייסט די אויגן פּאַרמאַכן ווי אַ צנועהדיקע כלה... טיילמאָל דאָס אויך נישט...

מיטגעבראַכט האָט ער מיט זיך „דער משוגענער ליטוואַק" אַ מעשה-ביכל. זיי האָבן געמיינט, אַז עס איז די מעשה פון דער „שיינער מאַרי" — האָט עס זיי גרויס הנאה געטאָן, און האָבן זיך אַרומגעזעצט אויסהאָרכן! ער האָט אָבער זיי אָנגעהויבן צו לייענען אַ מעשה פון א „יאָלדין", וואָס איז געלעגן אין שפּיטאָל, און איז דערנאָך משוגע געוואָרן, און האָט זיך אין די גאַסן ארומגעוואַלגערט, זיי האָט די מעשה גענודזשעט. די גראָבע רויטע מויד, דעם קצבס טאָכטער פון קראָשעוויץ, וואָס דער פּאָטער זוכט זי אַרום, איז באַלד איינגעשלאָפן ביי דער מעשה ווי אַ שטיק „קל וחומר". איז צוגעלאָפן צו אים הנהלע און האָט ביי אים דאָס בוך פון האַנט אַרויסגעשלעפּט, אַ שנעל אים אין נאָז געגעבן, און געכאַפּט אים אין אָרעם אַריין: „קום מיט מיר טאַנצן!"

דער „פּעטער" איז אַריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב און האָט די „חתנים" אַהיימגעבעטן, עס ווערט שפּעט. די חברה האָבן זיך אָפּגעטראָגן. דער „משוגענער ליטוואַק" האָט זיך איינגעבעטן, עס גלוסט זיך אים נישט אַהיים צו גיין. אין שטוב איז ביי אים פּוסט און פּאַסט, און ער האָט מורא פּאַר די פּיר ליידיקע ווענט. דער „פּעטער" האָט אָבער נישט געוואָלט הערן. די „חברה" האָבן די שטוב פּאַרלאָזט. די מיידלעך האָבן זיך אויף די קאַנאַפּעס אויסגעצויגן, וואַרטנדיק אומגעדולדיק אויף גאָלדעלען, דעם „באַלעבאָס" טאָכטער, וועלכע וועט קומען און פּאָרלעזן די מעשה מיט דער „שיינער מאַרי".

דער באַלעבאָס, וואָס איז אַמאָל געווען איינער פון די „חתנים", האָט חתונה געהאַט מיט אַזאַ „איינע" און אַליין פּאַר זיך אויפגעעפנט אַ „הויז". אין לעבן האָבן זיי זיך זייער „אָרנטלעך" אויפגעפירט. ער איז געוואָרן אַן אָרנטלעכער מענטש, אפילו אַ ספר געלאָזט שרייבן אין זיין חברה אַריין, ווו ער דאַוונט, און פון איר האָט מען תמיד אַ נדבה געזען. זיי האָבן געהאַט אַ טאָכטער גאָלדע. די טאָכטער האָט זיך אויפגעכאָוועט

אין „הויז“. דער פֿאָטער מיט דער מוטער האָבן זי אָפּגעהיט ווי די אויגן אין קאָפּ, אַז זי זאָל אַ „מיידל“ בלייבן. אָבער עס איז נישט געווען צו וואָס. דאָס באַשטענדיקע שמוץ, אין וועלכן זי האָט זיך געפֿונען, האָט אויף איר דעם מינדסטן איינדרוק נישט געמאַכט, זי איז געוואָרן צוגעווינט צו דעם לעבן פֿון קינדהייט אָן, און ביי איר האָט עס אויסגעזען, אַז עס איז קיין עוולה נישט, אַז עס איז אַזאַ מין פֿאַרדינסט... ווער עס דאַרף עס, מעג עס. זי האָט צו עסן ביי טאַטע־מאַמע... און „דאָס לעבן“ האָט נישט באַליידיקט איר מיידל... ערשט אַז דער פֿאָטער האָט זיך איבערגעצויגן אין זיין פּריוואַט וווינונג און פֿאַרוועדט דער טאָכטער צו ווייזן זיך אין „הויז“ — האָט עס זי געצויגן דאָרט אַהין אין „הויז“ אַריין, צי פֿאַר בענקשאַפֿט צו אייניקע מיידלעך, אָדער מיט דעם פֿאַרווערן איר אין „הויז“ אַריינצוקומען, האָט מען זי נייגעריק געמאַכט. זי פֿלעגט זיך טיילמאָל, ווען דער פֿאָטער ווערט גוט אַנטשלאָפֿן, אַרויסגנבנען זיך פֿון דער וווינונג, וואָס זיי האָבן געהאַט אויפֿן ערשטן שטאָק און אַראָפּ אונטן אין „הויז“ אַריין, צו די מיידלעך... די „מיידלעך“ האָבן זי זייער ליב געהאַט, זיי האָבן מיט איר געשמועסט וועגן חתנים, וואָס מען רעדט איר, וועגן תּנאים שרייבן, און וועגן חתונה האָבן... און זיי פֿלעגן מיט גרויס פֿאַרגעניגן און נייגעריקייט קוקן אויף די רויטע בלוט־פֿלעקן, וואָס די מינדסטע באַוועגונג פֿון אַ „פֿאַרנומען“ שטיבל רופֿט אַרויס אויף איר פֿול מיידלש געזיכט, זינט זיי האָבן זיך פֿון דאַנען אַרויסגעצויגן...

נאָר אומגעדולדיק געוואַרט האָט אויף איר יעדע נאַכט „מאַנקע“.

די אַלע מיידלעך, וואָס זענען דאָ געווען — האָבן זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס היינט זענען אפֿילו די באַלעבאַטישע טעכטער נישט בעסער, דער חילוק איז נאָר, וואָס זיי זינדיקן פֿאַר פּרנסה, און די באַלעבאַטישע טעכטער פֿאַר ווילטאָג, און קוים וועלן זיי נאָר קריגן מענער וועלן זיי צוריק אָרנטלעך ווערן, אַזוי ווי זייער „באַלעבאָסטע“. זיי וועלן פֿירן אָרנטלעכע הייזער, און האָבן אַזעלכע טעכטער, וואָס וועלן זיך רויטלען ביי דער קלענסטער געלעגנהייט ווי גאָלדעלע. נאָר דאָך פֿלעגן זיי איר נישט פֿאַרגינען די רויטע באַקן, און ווינטשן זיך אין האַרץ, אַז עס זאָל זיך געפֿינען אַ „גוטער ברודער“, וואָס ער זאָל ביי איר די רויטע באַקן צונעמען... אַנדערש איז מאַנקע. מאַנקע האָט טאַקע נאָר ליב געהאַט גאָלדען איבער איר פֿרישקייט און מיידלקייט, צו האַלדזן און איינצוגאָרן זיך אין אירע פֿול־רויטלעכע בריסטן...

מאַנקע האָט נישט חתונה צו האָבן. זי איז „אַזאַ איינע“, ווייל זי איז... וועמען זי האָט געוואָלט, דעם האָט זי זיך איבערגעגעבן דאָס ערשטע מאָל... ער האָט איר גאָרנישט פאַרשפּראָכן... די מאַמע אירע איז אויך נישט בעסער געווען. די מוטער האָט זי געהאַט, ווען זי איז אין שפּיטאָל געלעגן... דער מאַמעס ירושה ליגט איר אויפן פּנים אויסגעגאָסן... אַ שוואַכע מיט דינע ביינער, נאָר געשיקט, און אַ באַהאַלטענע צוציענדע תאווה ליגט אויסגעגאָסן אין אַלע אירע אברים... אַ געממזרטער לאָק איבערן שטערן פאַרוואָרפן, מיט אַ פּאָר הויכע קאָלירטע שטרימף, אַ קורצע האַלקע מיט אַ גערייטלטער בלוזקע, וועלכע איז געשניטן אויפן זעלנערישן אַרט מיט אַ טראָלט... ווינקט זי מיטן לאָק, בייסט זיך דיר די תאווה אין די ביינער איין. דער גאַנצער קערפּער גיט איר אַ ציטער מיטן ווונק... און דו פילסט אַ געברויך איינצונאָרען זיך אין דער בלאָטע, ווייל זי איז שמוציק... ביי איר אין שטיבל האָט זי שטיין צוויי בעטן. אויף איין בעטל קאָסט אַ רובל; דאָס איז איר געשעפט, פאַר דעם מוז זי באַצאָלן דעם „באַלעבאָס“ דריי רובל אַ טאָג. אויפן צווייטן בעט שלאָפט זי אַליין. הונדערט רובל גיב איר, אַז זי זאָל מיט אַ „יאָלד“ גיין אויף איר בעט... דאָס איז איר היים... זי איז נאָך גענוג יונג, אַז זי זאָל קלערן אויף שפּעטער. פון 12 יאָר אָן איז זי שוין דאָ — ס'איז איר גאַנץ גוט, האָט אירע שיינע קליידלעך, איר קאָרב וועש, גייט זיך יעדן פאַרנאַכט אין קאַווע-הויז אַריין. די גראָבע איטע, דעם קצבס טאָכטער פון טעמפּאָוקע, וויינט ביינאַכט אין שלאָף, און כאַפּט זיך אויף ווי אַ משוגענע טיילמאָל. זי זעט די געשטאָרבענע מוטער אין חלום. אַ בייזע נאַכט אויף איר קאָפּ! — וואָלט זי, מאַנקע, געזען איר מוטער, וואָלט זי געוויינט? — אדרבא, זי וואָלט גערן געוואָלט זען, ווי אַ מאַמע זעט אויס...

אין פענצטערל האָט זיך גאָלדעס געזיכט געוויזן. זי האָט דאָס פענצטער אויפגעעפנט, און איר פאַליע נאַסע האָר דורכן פענצטער אַריינגעשיקט, ווי א לייכטער ווינט וואָלט דורך דער שטוב דורכגעווייעט. די מיידלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט...

אַ לייכטע האַנט האָט אין דער טיר שטיל געקלאַפּט

מאַנקע איז מיט לייכטע טריט צו צו דער טיר, און מיט אַ הלאַפּנדיק האַרץ, ווי זי וואָלט אַ חתן דערוואַרט, האָט זי די טיר אויפגעשלאָגן. עס האָט זיך אַריינגעשלייכט גאָלדעלע. זי איז געווען אויסגעטאָן ביז צום העמד, און מיט אַ טוך אַרומגעהילט. דער פרישער פרילינג-געשמאַק וואָס דער רעגן האָט ערשט אין דער לופט פאַרשפּרייט, האָט זיך צווישן

אירע האָר אויפגעהאַלטן... מאַנקע האָט זי ליידנשאַפטלעך אַרומגענומען און אירע פרישע ליפן געקושט. זי האָט זי צו דער קאָנאַפּע צוגעפירט, אַנידערגעזעצט זיך נעבן איר, טיף איר אין די אויגן געקוקט און זי האָט גאָלדעלען אירע נאַסע האָר געוויזן, דערציילט איר ווי זיי זענען איבן רעגן אַרומגעלאָפן, דערנאָך האָט זי זיך צו איר צוגעטוליעט, איר די בריסטן אַנטפּלעקט — און געקושט זי... און צו די אירקע צוגעטוליעט... אירע פולע, קילע הענט געהאַלדזט, און דאָס פּנים אין איר פולן האַלדז איינגעגראָבן.

מאַנקע האָט זי געוואָלט אַריינגעמען צו זיך אין שטיבל אַריין, אַז זי זאָל מיט איר אַדורכשלאָפן די נאַכט. האָבן די איבעריקע מיידלעך נישט געלאָזט. זיי האָבן זיך אַרום איר אַרומגעזעצט, איינע האָט איר די האָר צעלאָזט, די צווייטע האָט איר אין נאַקעטן נאַקן געקושט, און געבעטן זי, אַז זי זאָל פאָרלעזן די מעשה מיט דער „שיינער מאַרי“. דאָרט, ווו דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק“ האָט זי אַריינגעכאַפּט צו זיך אין קערקער.

גאָלדעלע האָט געקענט לעזן מעשה־ביכלעך. נאָר יעדעס מאָל, ווען זי איז געקומען צו זיי — האָט זי זיי געמוזט פאָרלעזן די מעשה פון דער „שיינער מאַרי“ — און יעדעס מאָל פלעגן זיי זיך אַנידערזעצן אַרום רואיק און אויסהאָרכן מיט דער אומגעדולדיקייט, נישט דווקא ווי זיי וואָלטן עס דאָס ערשטע מאָל געהערט, נאָר ווי די פּערזאָן פון דער דערציילונג קערט זיך מיט זיי אָן גאָר אַ נאָענטע. גאָלדעלען האָט די מעשה שוין נישט אינטערעסירט. שוין דריי יאָר ווי זי לעזט אַלץ פאַר זיי די מעשה. נאָר דאָס „הויז“ האָט פון קיין אַנדערער מעשה נישט געוואָלט הערן. איינע האָט שוין געבראַכט צו שלעפּן דאָס „מעשה־ביכל“ די „געהיימע מערדער“, געבראַכט איר די לאָמפּ, און אַלע האָבן זיך אַרום איר געזעצט. איינע האָט די צווייטע אַוועקגעשטופּט, אַז זי זאָל נעענטער זיין צו גאָלדעלען, און זענען שטיל געוואָרן אויסהאָרכנדיק.

גאָלדעלע האָט אָנגעהויבן צו לעזן פון דעם אָרט, ווו עס ווערט דערציילט, ווי דער „שוואַרצער מערדער“, וואָס האָט צום טויט פאַרליבט זיך אין דער „שיינער מאַרי“, „וועלכע האָט געהאַט אויגן ווי די שטערן, און אַ געזיכט ווי דער מאָנד“ — האָט ער זי אַרויסגעגנבעט אַ נאַכט פאַר דער חתונה מיט איר „היים־געליבטן“ ראָבערטן, און ער האָט זי אַריינגעשליידערט צו זיך אין קערקער, און ער איז געשטאַנען און ער האָט פאַר איר אויסגעגאָסן זיין הייסע ליבע, און ער האָט זי צוגערעדט, אַז זי זאָל

פאַרגעסן אָן איר ראָבערטן, וועלכער איז יעצט ביי אים געפאַנגען, און אַז מיט איין וואָרט „יאָ“, קאָן זי אים גליקלער מאַכן און זיך גליקלער מאַכן און ווערן די קעניגין פון די „געהיימע מערדער“. די „שיינע מאַרי“ וויל אָבער נישט ברעכן דאָס וואָרט, וואָס זי האָט פאַרשפּראָכן איר ראָבערטן צו זיין זייגע, ביז צו דעם לעצטן שאָפל ערד. זעט דער „שוואַרצער מערדער“, אַז מיט גוטן וועט ער נישט קאָנען אויספירן, טוט ער אַ פייף און עס לויפן אַריין פופציק זיינע באַנדיטן „מיט שוואַרצע אויגן אין די שטערן“ און „מיט געשאַרפטע שפּיזן אין די הענט“.

— גיב זיך אונטער! — גיט ער אַ רוף אוים.

— אַ מכה דיר! אַ מכה דיר! — ברומען די מיידלעך העכסט אויפגערעגט אין דער שטיל...

עס עפענען זיך די טירלעך פון די „פאַרנומענע“ שטיבלעך, און מיידלעך, אויסגעטאָן ביז צום העמד הגבענען זיך ארוים פון די איינגעשלאָפענע געסט, קומען אויך אַהער צו גאָלדעלען, און הערן זיך איין אין דער שטיל, צו דעם, וואָס גאָלדעלע לעזט ווייטער.

„...האָט ער זי געהייסן אויסטאָן נאַקעט אַזוי ווי גאָט האָט זי באַשאַפן, און געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אַריינברענגען דעם געבונדענעם ראָבערטן, ער זאָל זיך צוקוקן מיט זיינע אייגענע אויגן ווי איר שיינער קערפער וועט ווערן באַזיצן פון דעם „שוואַרצן מערדער“ — און דערנאָך ווערן צעשניטן אויף שטיקלעך. — דער „אומגליקלעכער“ ראָבערט האָט געבעטן זיין ברויט, אַז זי זאָל נישט לאָזן אונטערקומען אירע יונגע יאָר פון דעם מערדערס האַנט. האָט די „שיינע מאַרי“ אים אַזוי אָפּגעענטפערט: !

— „אַזוי לאַנג ווי עס טוען אונדזערע שטערן אין הימל לייכטן, אַזוי לאַנג וועל איך אונדזער הייסע ליבע ווי מיינע אויגן אין קאָפּ אָפּהיטן“.

— אָך, שיינע מאַרי! — האָבן די מיידלעך געברומט.

— האָט דער „שוואַרצער רויבער“ געהייסן פיר באַנדיטן זאָלן איר דאָס העמד אויסציען און די שפּיזן גרייט מאַכן. נאָר אַזוי ווי עס איז געוואָרן ענטפלעקט איר יונגעס לייב, איז דער „שוואַרצער מערדער“ פאַרבלענדט געוואָרן פון זיין הערלעכקייט און שיינקייט.

— „שטייט! — האָט ער געגעבן אַ רוף אוים צו די מערדער מיט די שפּיזן.

— „לאָזט מיך מיט איר אַליין“ — האָט ער געגעבן אַ באַפעל.

אין איין מינוט האָבן אַלע דאָס קערקער פאַרלאָזט, און עס איז נאָר אי-בערגעבליבן די „שיינע מאַרי" מיטן שוואַרצן מערדער אַליין.

„האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף צו אירע פיס און האָט אַזוי געזאָגט:

„שיינע מאַרי! דיין שענעס לייב האָט אָנגעצונדן דעם פלאַם פון דער ליבע אין מיין האַרץ, און נישט מיט דיין אונשולדיקעס יונג בלוט, וואָס עס וועט ווערן פאַרגאָסן דורך מיין האַנט, וועל איך קענען פאַר-לעשן דאָס העלישע פייער פון דער ליבע, וואָס פלאַקערט אין מיין האַרץ — נאָר דיין מונד און דיינע זאַנפטע קושן, זיי וועלן קענען פאַר-לעשן. זע! איך בין דער קעניג פון „שוואַרצע מערדער" — מיין האַנט טוט אייזן ברעכן, נאָר די ליבע פון אַ פרוי איז שטאַרקער פון אייזן. מיין האַנט טוט מענטשנס בלוט פאַרגיסן און מענטשנס רייכטום רויבן — נאָר די ליבע פון דער פרוי קען זי נישט רויבן... שיינע מאַרי! ווי אַ אונמעכ-טיק קינד ליג איך, קעניג פון די „שוואַרצע מערדער", צו דיינע פיס, און בעט ביי דיר מיטלייד! ווי אַ הונט וועל איך ליגן ביי דיינע פיס — אויף די הענט וועל איך דיך אַרומטראָגן!" —

— שוואַרצער הונט! אַ מכה דיר! — האָבן די מיידלעך געברומט.

„האָט די שיינע מאַרי אים אַזוי אָפּגעענטפערט:

„קעניג פון די שוואַרצע רויבער! אין דיין האַנט בין איך, טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, אָבער פאַרלאַנג נישט פון מיר מיין ערלעכקייט. איך האָב פאַרשפּראָכן מיין וואָרט מיין היים-געליבטן ראָבערטן, און זיינע מוז איך איבערבלייבן ביז צום טויט...

— אָט אַזוי — האָבן די מיידלעך געברומט.

— „האָט זיך דער שוואַרצער מערדער געגעבן אַ וואָרף ארויף אויף איר שיינעם קערפּער. די שיינע מאַרי האָט געשריען רעטונג, אָבער אומ-זיסט איז געווען איר רופן אין ווילדן וואַלד. האָט זי געביסן מיט די ציין די שטריק, וואָס האָבן פאַרבונדן אירע הענט. אָבער אומזיסט! די שטריק זענען געווען צו שטאַרק פאַר אירע עדעלע ציין".

אין דער שטוב איז געוואָרן זייער שטיל. די מיידלעך האָבן דעם אָטעם אויפגעהאַלטן — איינהאָרכנדיק וואָס דאָ וועט זיין.

— „זי האָט געביסן דעם מערדערס פינגער, איינגעביסן זיך אין זיין האַרץ...

אָט אַזוי, לאָז דיך נישט! לאָז דיך נישט! — האָבן די מיידלעך שוין הויך געשריגן.

„נאָר באַלד דאָך איז דער שוואַכער ווייבלעכער קערפּער געלעגן ווי אַ געבונדענער קרבן אונטער דעם מערדערם האַנט“.

— מאַמע־קרוין, מאַמע לעבן — האָבן די מיידלעך געוויינט הויך.

„פּלוצלונג האָט זיך די טיר געגעבן אַ פּראַל אויף, און זשאַנדאַרן מיט בלויזע שווערדן אין די הענט זענען אַריין, געגעבן אַ כאַפּ דעם באַנ־דיט“.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין שטוב איז שטיל געוואָרן. גאָלדעלע האָט אויפגעהערט צו לעזן, און האָט די גאַנצע צייט געקוקט צו דעם פאַרמאַכטן שטיבל: וואָס דאַרפן טוט זיך... די מיידלעך האָבן געשמועסט פון דער מעשה. מאַניע האָט מיט שטייפע טריט שפּאַצירט איבער דער שטוב אַהין און צוריק, ווייזנדיק אירע קאָלירטע זאָקן פון דער קורצער האַלקע, און האָט גע־וונקען מיטן לאָק פאַר זיך, און האָט גערעדט צו זיך, יאָלד! יאָלד!

דעם באַלעבאָס טאָכטער האָט זיך אונטערגעגנבעט הינטערן ווענטל פון אַ פאַרמאַכט חדרל און נייגעריק דורך אַ שפּאַלט אַריינגעקוקט.

רויטע בלוט־פלעקן האָבן אויף אירע באַקן געבליט. די ברוסט אירע האָט זיך הויך באַוויגן, און זי האָט הויך און וואַרעם אָפּגעאָטעמט, אַז דאָס בלוט אין אירע הענט האָט געציטערט און געוועקט זיך.

מאַניע האָט עס באַמערקט. זי איז פלינק צו צו איר, איינגעביסן אירע דינע טרוקענע ליפּן אין דעם מיידלס באַקן, און האָט דאָס מיידלשע בלוט מיטן פולן מויל אויסגעזופּט...

— — — — — — — — — — — — —

אין פענצטער האָט שוין אָנגעהויבן צו גרויען די וואַנט פון דער קעגנ־איבערדיקער מויער...

---

# א ברוגז

מיט אַ פאַרביטערט האַרץ בין איך פון דער היים אַוועקגעלאָפן און געלאָזט זיך גיין נאָך ליענטשיץ צו מיין מומען נעכע-פערלען.

געווען איז עס איינער פון יענע טעג, וואָס נאָך דעם וועטער איז שווער צו וויסן, אויב עס איז אַ ווינטער- אָדער אַ זומער-טאָג: דער הימל איז גרוי באַוואָלקנט, די ערד פייכט און דער שטח איז מיט אַ שווערער לופט אָנגעפילט.

דער וועג, וואָס איך גיי אויף אים, ציט זיך שטום-טויט ווייט אַוועק, און אין דעם ראָוו, וואָס איז צווישן דעם וועג און די ווייטע באַוואָלקנטע פעלדער, פּאַשען זיך קי און פערד. נעבן זיי זיצן קליינע שקצימלעך, איינ-געקאָרטשעט אין ברייטע פאָטערישע וועסטן, און קוקן אויף מיר נאָרעדיק אַרויס פון אונטער די טיפע היטלען, וועלכע זענען אַריבערגעצויגן איבער זייערע אויערן. עס גלוסט זיך זיי נישט, זעט זיך אויס, אין אַזאַ וועטער מיט מיר צו טשעפען, און זיי לאָזן מיך רואיק ווייטער גיין. באַלד איז אַ קאַרעטע דורכגעפאָרן, און איך האָב געוואָרפן אַ בליק אין דער קאַרע-טע אַריין. אינעווייניק ליגט עפעס אַ הער אויסגעצויגן אויפן געזעס, און קוקט שטום אין אַ צייטונג אַריין, וואָס איז איבער זיינע קני אויסגע-שפּרייט. באַלד איז די קאַרעטע מיט דעם הער אויף דעם וועג ווייטער אַוועקגעפאָרן.

איך געדענק, אַז דענסטמאָל, גייענדיק אויפן וועג, האָב איך עפעס פון אַ זאַך געקלערט, וואָס האָט מיך שטאַרק דערשראָקן און פאַרשעמט; מיין מאַמע וואָלט, חלילה, אויפן „גוטן אָרט" געלעגן, וואָלט איך זי אַזוי ליב געהאַט, אַזוי ליב! באַלד אָבער האָב איך מיך דערמאָנט, אין וואָס פאַר אַ זאַך איך קלער, און איך האָב מיך אין זיך זעלבסט פאַרשעמט: „שטיק גולם, נאַר — האָב איך צו מיר געטענהט — ווער וויל דאָס האָבן, אַז אַ מאַמע זאָל שטאַרבן? ווער?"

באַלד האָב איך מיך אַליין געטרייסט, אַז איך מיין, חלילה, נישט

דאָס. וואָס הייסט אַ מאַמע זאָל שטאַרבן! איך מיין עפּעס גאָר אַנדערש; אַז עס שטאַרבט, חלילה, ביי וועם אַ מאַמע, איז דאָך אַזוי נישט גוט, גאָט איינער!

און געדאַכט האָט זיך מיר דענסטמאָל, אַזוי ווי מיין אייגענע מאַמע וואָלט אויף מיר רחמנות געקריגן, און מיט גרויס דערבאַרעמקייט גענומען זי מיין קאָפּ אַרום און גלעט מיך אַזוי ווייך מיט איר האַנט אויף מיין באַק, און זאָגט צו מיר מיט אַ גוט דערבאַרעמדיק געלעכטערל:

— נאַרעלע, ווער וויל דאָס האָבן, אַז זיין מאַמע זאָל שטאַרבן? ווער?...

---

די גרויע וואָלקנס זענען טונקעלער און גערדיכטער געוואָרן, און האָבן זיך האַרטער צו דער ערד אַראָפּגערוקט. דער זאַמד אויפן וועג איז פייכטער און אַנקלעפּנדיקער געוואָרן, און דאָרטן וויט באַהאַלטן זיך די פעלדער אין אַ געדיכטן טוי־נעפּל. אַ גרויע איינגעוויקלט אין אַ גראָב טוך איז דורכגעלאָפן, זי האָט זיך געאיילט, ווייזט אויס, וואָס גיכער אַהיים־צוקומען. באַלד איז אַ פור פון וויט אָנגעקומען צו פאָרן. מיט קליינע טריט צו דער שטאָט צוגעגאַנגען. דער פויער, וואָס איז אויף דער פור געזעסן, איז געווען איינגעהילט אין אַ פייכטן זאַק, און ער האָט מאַט גע־קוקט אויף די אָפּגעאַרבעטע פערד. דער הוט איז ביי אים ביז אין האַלבן קאָפּ געווען אַרויפגערוקט, די פייכטע האָר האָבן זיך אים געקלעפּט אין אָקסנדיקן, באַשמיצטן שטערן; אין זיינע קליינע שוואַרצע אויגן האָט עס געבלישטשעט: געלויבט צו גאָט. מיר זענען שוין אין דער היים! אַנט־קעגן פון דער שטאָט צו איז אַ צווייטע פור אָנגעקומען צו פאָרן. די פערד האָבן נאָך זיכער געשטעלט זייערע האַרטע טריט אין דער פייכטער ערד, און מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער האָבן זיי זיך ערגעץ־ווו אין דער וועלט אַריין געאיילט... דער פויער, וואָס איז אויפן וואָגן געזעסן, איז נאָך אין אַ טרוקענעם זאַק געווען איינגעהילט. דעם הוט גוט, ביז אין די האַלבע אויערן אַראָפּגערוקט, און ער האָט רואיק פאַר זיך געקוקט, אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן איז עפּעס אומעטיקס געווען: דער וועג הייבט זיך ערשט אָן...

באַלד האָט זיך געוויזן אַ געלער קלאָץ מיט רויטע אָפּגעפּאַרבטע פּאַסן. ליגנדיק האַלב אויסגעבויגן פון איין זייט וועג צו דער צווייטער

זייט אריבער, — א גרעניץ צווישן דעם וועג און דער שטאָט. פון איין זייט איז דער קלאָץ געווען העכער, און עס האָט זיך פון דער הויך אַ קייט אַראָפּגעצויגן. ביי אַ בוהדקעלע, איינגעוויקלט אין אַ פוטער, זיצט מיין מומע נעכע־פּערל. זי האָט אָפּגעדונגען דעם שטאָט־„שלאַבען", און זי לאָזט נישט קיין פור פון דער שטאָט אַרויס און נישט קיינע אין דער שטאָט אריין, ווי מען באַצאָלט איר נישט דערפאַר. עס דאַכט זיך, אַז זי איז די שומרטע פון דער שטאָט, וועז זי וויל, גיט זי אַ צי ביי דער קייט, לאָזט דעם קלאָץ פון דער הייך אַראָפּ, און שניידט אָפּ ליעגטשיץ פון דער גאַנצער וועלט.

איך בין צו איר צוגעגאַנגען, גאָר איבער דער בלאָטע אָבער, ווייל איך בין פאַמעלעך מיט מורא געגאַנגען, האָט זי מיינע טריט נישט גע־הערט, און זי איז געזעסן איינגעוויקלט אין איר פוטער, און האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און דרימלט.

— גוט נאָוונט! — האָב איך שוואַך אַרויסגערעדט.

זי זיצט און הערט נישט.

— גוט נאָוונט! — האָב איך גאָכאַמאָל, שוין אַ ביסל העכער, מיט האַרץ־קלאַפּן געזאָגט.

מיין מומע זיצט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיט צופליים מאַכט זי זיך אַזוי, זי וויל מיך נישט זען.

איך בין געשטאַנען און געוואַרט.

דאָך האָט זי זיך אומגעדרייט, און דערזעענדיק מיך, האָט זי מיט דעם רוקן אַ שוידער געטאָן און געזאָגט: „שמואל", באַלד האָט זי ווייטער דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, און איז ווידער שטיל געבליבן. געדאַכט האָט זיך מיר דערנסטמאָל, אַזוי ווי איך וואָלט ביי אַ קליאַמקע פון אַ טיר אָנגעמען, פּרווונדיק זיך צו עפענען. די טיר איז פאַרשלאָסן.

באַלד, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט זי מיך געפרעגט:

— מיט וועם ביסטו געקומען?

געדאַכט האָט זיך, אַזוי ווי אַ פאַרשלאָפּן קול וואָלט פון אונטער דער באַנק אַפער גערעדט.

— מיט אַ פויער, ער האָט זיך דאָרט אין דאָרף אָפּגעשטעלט — ווייז איך איר מיטן פינגער.

און זי איז שטיל געוואָרן און האָט ווידער דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַלטן, צו דרימלען, אויב וואָס?

דערנאָך האָט זי פאַמעלעך דעם קאָפּ אויפגעהויבן, געוואָרפן אויף מיר אַ השדיקן בליק און האָט ביטער אָפּגעזיפצט.

מיין מומעס קרעכץ האָט מיך באַרואיקט. געוועזן איז עס עפעס ווי אַן אונטערשריפט אונטער זייער אַ שווערן קאָנטראַקט.

שטיל בין איך נאָך איר אין שטוב אַריינגעגאַנגען.

— זעץ דיך. שרה דאָבריש וועט באַלד קומען, וועט זי פייער מאַכן.

באַלד האָט זי די שטוב פאַרלאָזט.

אין שטוב האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. די צוויי איבערגעבליבענע שויבן, וואָס דאָס פאָרהענגל האָט זיי נישט פאַרשטעלט, זענען פאַרלאָפן געווען, און טריבע טרערן זענען איבער זיי גערונען. פאַר די צוויי אויפגעבעטע בעטן איז מיין פעטערס, עליו־השלום, בילד געהאָנגען, און דעם טויטנס אויסגעבלייכטע געזיכט האָט שטרענג אויף מיר געקוקט און גוט אַכטונג געגעבן אויף אַלץ, וואָס איך טו. אויף דער צווייטער זייט וואַנט איז ביי דער שאַנק אַ קאָמאָד געשטאַנען, באַדעקט מיט אַ געשטריקטן טישטעך. אויף אים זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע קאָלירטע טעלער, צוזאַמען־געגלייסטע גלעזערנע קלאָשן, צווישן זיי איז אויך געשטאַנען אַ גלעזערנע צוקער־פושקע. איך האָב עס אויפגעדעקט. אינעווייניק איז נאָך געלעגן וואַטע, אוודאי נאָך פון מיין פעטערס אתרוג, עליו־השלום.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, גענומען אַ ספרל אין האַנט אַריין און האָב דערינען אַריינגעקוקט.

אין האַרץ האָב איך מורא געהאַט, אַז עס זאָל מיר, חלילה, נישט איינפאַלן צוצוגיין און די צוקער־פושקע צו צעברעכן, אָדער גלאַט אַזוי געמען אַ טעלערל פון קאָמאָד, און עס אויף דער ערד אַראָפּוואַרפן, נאָר איך האָב מיר די בייזע מחשבות פון קאָפּ פאַריאָגט און אין ספרל זיך פאַרטראַכט.

באַלד האָט זיך די טיר אויפגעעפנט, און אַ מיידל איינגעוויקלט אין אַ טוך איז אַריינגעקומען.

זי האָט דאָס טוך פון איר קאָפּ אַראָפּגערוקט, און עס האָבן זיך באַוויזן אירע צוזאַמענגעפּרעסטע האָר אויף אירע שלייפן.

זי איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב און האָט געקוקט אויף מיר מיט אירע צוויי גרויסע אויגן. מען האָט דערקענט אין איר, אַז זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגן, און וואָס צו טאָן.

באַלד האָט זי דאָס לעמפּל אָנגעצונדן און זי האָט עס אויף דעם טישל פאַר מיר אַנידערגעשטעלט.

איך האָב מיך טיף אין ספרל פאַרטראַכט.

— דו ביסט דער מומע מלכהלעס זון? — האָט זי מיך פּלוצלונג געפרעגט, אַראָפּבייגנדיק דעם קאָפּ, צעהאַקנדיק האָלץ אויף דר׳ערד.

— יאָ ענטפער איך איר. און דו ביסט דער מומע נעכע-פערלס טאָכטער?

— יאָ — זאָגט זי.

איך האָב ווייטער אין ספרל אַריינגעקוקט.

— לאַנג וועסטו פאַרבלייבן? — האָט זי מיך ווייטער געפרעגט.

—איך קלער דאָ אין בית-המדרש צו לערנען — זאָג איך איר מיט זייער אַן ערנסטן טאָן.

— טאַקע? — פרעגט זי.

— יאָ — פריי איך מיך אויף מיין איינפאַל — די צייט איז ביי אונדז שלעכט, דער טאַטע פאַרדינט נישט, ער קאָן מלמדות-געלט נישט צאָלן, בין איך געפאָרן אין דער פרעמד לערנען.

— צייט דער טאַטע, עליו-השלום, איז געשטאָרבן — זאָגט זי מיט אַ טרויעריקן ניגון, און נעמט אַן מיט די פינגער דאָס שוואַרצע סאַמעט-בענדל, וואָס זי טראָגט אויפן האַלדז, — איז ביי אונדז אויך די צייט שלעכט. דער „שלאַבען" איז טייערער געוואָרן. מען איז וואַך גאַנצע נעכט און מען פאַרדינט גאָרנישט.

באַלד זאָגט זי ווייטער:

— דאָ וועסטו קאָנען לערנען, שלאָפן וועסטו ביי אונדז, שבת און יום-טובים וועסטו אוודאי אויך עסן ביי אונדז. און מאָרגן וועלן מיר ביידע אַריבערגיין צו דער מומע רבקהלע — אַ געשעפט, „טעג" וועסטו האָבן וו צו עסן.

איך קוק אויף איר און שווייג.

— וועש וועט דיך אויך נישט קאָסטן — זאָגט זי ווייטער — אינאיינעם מיט די אונדזערע וועט מען דיינע אויך אויסוואַשן. נישט געזאָרגט, וועסט דיר אַן עצה געבן.

איך האָב מיך אין שטיבל אַרומגעקוקט, און אַלץ האָט מיר שוין אַזוי פריינדלעך, אַזוי היימיש אויסגעוויזן.

— דא, זעסט, — זאָגט זי צו מיר, ווייזנדיק מיטן פינגער אויף דעם שטיקל ליידיקן אָרט, וואָס איז צווישן דעם שענקל און דעם קאָמאָד —

וועט מען קאָנען א בעטל אנידערשטעלן, בעטגעוואנט איז אָן עין הרע דאָ ביי אונדז געגוג.

איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף דעם לייזיקן שטיקל ווינקל, און אַ וואַרעמקייט איז דורך מיין האַרץ דורכגעלאָפן. דאָ וועט מיין „מקום מנוחה" זיין.

— גוט? — און אירע צוויי גרויסע אויגן האָבן ליבלעך געשמייכלט צו מיר.

איך האָב געשוויגן און געקוקט אויף איר.

און קוקנדיק הערנאָך אויפן פענצטער — האָב איך מיר געטראַכט: דרויסן איז פינצטער, און איך בין אין דער היים...

זי האָט מיר אַ גלאָז טיי דערלאַנגט.

— טרינק, דערוואַרעם דיך, באַלד וועט די וועטשערע פאַרטיק ווערן.

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט, מיין מומע איז אַריינגעקומען.

איך, האַלטנדיק דאָס גלאָז טיי אין דער האַנט, האָב איך עפּעס ביי מיר געפילט, אַז איך טו אַן עוולה.

— ווייסט, מאַמע, שמואל דער מומע מלכהלעס איז הי אַהער גע־קומען לערנען. ער וועט עסן „טעג", ביי אונדז וועט ער נעכטיקן, וואָס גישט?

די מומע האָט אויפגעעפנט דעם פוטער, און עס האָט זיך געוויזן די שוואַרצע באַנד, וואָס זי טראָגט אויף איר האַלדז.

מיין מומע האָט אָפגעזיפצט און געשוויגן.

— זעסט, מאַמע, דאָ צווישן דער שאַנק און דער קאָמאָד וועט מען קאָנען אַ בעטל אַנידערשטעלן, דאַכט זיך ביי דער מומע רבקהלע איז דאָ אַן איבעריק בעטל, איך וועל מאָרגן צו איר אַריבערגיין.

— מאַך דיך נישט צו נאַר! שמואל וועט מאָרגן אַהיימפאָרן.

און אַראָפּבייגנדיק דעם קאָפּ האָט זי אין דער שטיל געזיפצט.

— אַ קינד מאַכט זיך צום נאַרן, כאַפּט זיך אויף און לויפט פון דער היים אַוועק. אוי, אוי, יונגע נאַרישע קינדער!

— שרה דאַבריש איז געשטאַנען אין מיטן שטוב און געקוקט אויף מיר פאַרוווּנדערט און רחמנותדיק.

איך האָב מיך פאַרשעמט אין ספרל פאַרטראַכט.

אין שטוב איז שטיל געוואָרן.

באַלד האָט זיך געהערט אַ פור פאָרן, און מיין מומע איז פון שטוב אַרויס.

שרה דאָבריש האָט שוין גאָרנישט גערעדט, דאָס פּנים האָט זי אין קוימען פאַרבאָרגן.

איך בין צום פענצטער צו און אויף דער גאַס אַרויסגעקוקט. דרויסן איז זייער פינצטער געווען. באַלד האָט זיך אַ קלאַפּן פון רעדער געהערט, און אַ פור מיט אַ לאַמטערן איז דורכגעפאָרן. די פור איז געפאָרן, און פונדערווייטנס האָט זיך אַ פונק ליכטיקייט אין דער פינצטערניש גע־מונקט...

---

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מיך מיין מומע מיט אַ פויערישער פור אויפגעדונגען און מיך צוריק אַהיימגעשיקט.

שרה דאָבריש, מיין מומעס מיידל, איז געשטאַנען ביים שלאָבען און האָט מיר נאָכגעשריען:

— פאָר געזונטערהייט, גריס די מומע מלכהלע.

די פור איז ווייטער געפאָרן.

דער הימל איז געווען באַוואָלקנט. אַ געדיכטער קאַלטבלוטיקער רעגן האָט אָן אויפהער פון דער הייך, פאַמעלעך, אויף דער ערד געגאָסן. עס איז געווען אייגער פון די רעגנס, וואָס מען ווייסט גישט, ווען זיי הייבן זיך אָן און ווען זיי לאָזן זיך אויס. עס דאַכט זיך, אַז עס רעגנט שוין אַזוי פון אייביק, די וועלט איז באַלד אַזוי באַשאַפן געוואָרן מיטן רעגן, און עס וועט ווייטער רעגענען, ווייטער, אַזוי לאַנג ביז די וועלט וועט שטיין...

און איך האָב מיך איינגענאָרעט אין אַ ווינקעלע וואָגן אַריין, באַ־האַלטן מיך אונטער דעם נאַסן געזעס, און מיינע הענט האָב איך אונ־טער מיין קאַפּאָטע אַרונטערגעשטעקט, אָנגעטאַפּט דאָס העמד אויף דער ברוסט. איך האָב ביי מיר געשפּירט, אַז מיינע הענט זענען ביי מיר אין דער היים, אין מיין אייגן ווינקל באַהאַלטן.

אַ קייטל האָט זיך פון וואָגן אָפּגעטשעפּעט און האָט אָן אויפהער אין די ברעטער געקלאַפּט, דער רעגן האָט געקאַפּעט, און דאָס קייטל האָט נאָכאַנאַנד געקלאַפּט, און עס האָט זיך געדאַכט, ווי אַ הונט וואָלט אונטער אַ נאַסער בודע געקלאַנגט.

און די וואָלקנס ציען זיך איבער מיין קאָפּ. אָט דאַכט זיך מיר, אָט שטרעק איך די האַנט אויס און טאַפּ זיי אָן, נאָר אָט רוקן זיי זיך העבער אַרויף, און דער רעגן קאַפּיעט, אַ טראָפּ צו אַ טראָפּ, און די טראָפּנס פאַלן אין די וואַסערלעך, וואָס זענען צווישן דעם וועג און צווישן די וויטע, נאַסע, פעלדער, און וואַסערלעך רעדלען זיך, און די פייכטע ערד זאַפּט אין זיך די טראָפּנס אַריין.

איך קוק אויפן פויער. ער זיצט איינגעקאָרטשעט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, און זעט אויס טיף פאַרחושכט. זיינע אויגן קוקן ווייט אַוועק, ער האַלט אָפן דאָס מויל און שווייגט, נאָר זיין אויסגעשטרעקטער רוקן, דאַכט זיך, ווי ער וואָלט זאָגן, גלייכגילטיק איינזאַפּנדיק אין זיך די טראָפּנס רעגן: וואָס גייט עס מיך אָן?

און די פערד גייען זיך פּאָוואָליע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און שטעלן זיך זיכער זייערע האַרטע טריט אין דער פייכטער ערד.

איך קוק אויפן ראָד פון וואָגן, ווי עס דרייט זיך אַריין אין דער בלאָטע. אָט באַלד פאַרט אַ העלפט ראָד אין דער הויך אַרויף, אַריינציענדיק אונטער זיך דאָס אַנדערע האַלבע ראָד אין בלאָטע, און אַזוי דרייט עס זיך, אַמאָל איז איין האַלבע ראָד אין דער בלאָטע און די אַנדערע העלפט אין דער הויך און דאָס צווייטע מאָל פאַרקערט.

איך קוק מיך אַרום — די פעלדער זענען באַוואָלקנט און נאַס, דער הימל איז גרוי; ער הענגט, דאַכט זיך, נאָר אַראָפּצופאַלן און אַלעם צוצודעקן — און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז די גאַנצע וועלט, אָט דאָס אַלץ, וואָס איז אַרום, איז ברוגז אויף דער וועלטס מאַמען, זי אַנטלויפט פון חדר צו דער מומען נעכע־פערל. און די וועלט האָט אויך אַן עלטערן ברודער, וואָס ער וועט זי פּרעגן, ווען זי וועט אַהיימקומען: וווּ ביסטו געווען?

אויפן פעלד אַקערט אַ פויער. דאָס פערד, איינגעשפּאַנט אין דעם אַקעראייזן, ציט זיך און שלעפּט זיך איבער דער פייכטער ערד, עס שטעקט דעם קאָפּ אַרויס און ציט ווייט אויס דעם האַלדז. דאָס אייזן שלעפּט זיך נאָכן פערד — און דער פויער גייט הינטער זיי, און שמייסט מיט דער בייטש.

און די פור פאָרט ווייטער. אָט באַלד ווייזט זיך אַ לאַנג שטיק שוואַרץ אויסגעשניטן פעלד פון טאָרף. באַלד ציט זיך אַ שוואַרץ שטענגל פון פעלד אין וועג אַריין, ווי אַ וועג וואָס פירט צו אַ „בית־עולם“ צו.

און אַרום שוועבט אַ נעפּל אין דער לופטן און שטיקט אַלעם צו.

און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז מיר אַלע — איך, דער הימל, די

פעלדער, דער פויער מיטן אַקעראייזן, אַלעס אַרום זיצן אין חדר. עס איז דאַנערשטיק נאָכן אָנבייסן; די זון איז ערשט ביים שפּיץ פענצטער, אַ סימן, אַז עס איז ערשט האַלב איינס, און מיר זאָגן איבער דעם שיעור פאַרן רבין, און מיר קאָנען נישט דורכקומען.

באַלד האָט זיך באַוויזן אַ הויכער פּאַלאַץ אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן. פון דער הויך האָבן זיך באַוויזן פיר גרויסע פענצטער, אין מיטן — אַ באַלקאָן. פון פּאַלאַץ ציט זיך אַ לאַנגע אַלייע אַרום הויכע ביימער.

און איך האָב מיין פּנים טיפער אין דער קאַפּאָטע באַהאַלטן. די הענט האָב איך אונטער מיין וועסטל אַרונטערגערוקט, אָנגעטאַפּט מיין ברוסט און האָב מיך געפילט היימישער, איך בין ביי מיר...

און עס האָט זיך באַוויזן פאַר מיינע אויגן מיין ברודערס פּנים, ער שלאָגט מיך גאָרנישט. ער האַלט דעם שטעקן אין האַנט און קוקט אויף מיר, קוקט מיך גוט אָן, און ביי דער טיר שטייט דער פויער, ער פאַרלאַנגט די פּערציק גראָשן, וואָס די מומע האָט אים צוגעזאָגט...

און דאָ שטייט דער פּאַלאַץ — און באַלד אָט עפנט זיך די טיר פון דעם פּאַלאַץ אויף — און די פור פאָרט מיט מיר אַריין, מען גיט מיך ערגעץ אַ נעם אַרויף. איך ליג אונטער אַ זיידן בעטגעוואַנט... מיר איז וואַרעם... באַלד באָד איך מיך אין אַ וואַנע, און דאָ זענען אָנגעגרייט פאַר מיר נייע קליידער פון קאָפּ ביז די פיס... איך שפּיר ווי דאָס זיידע־נע העמד קנאַקט אויף מיין רוקן... און אַז אַטלאַסן קאַפּאָטקעלע, מיט אַ גאַרטעלע... איך קוק, דורכגייענדיק, אין שפּיגל אַריין, איך זע אויס ווי אַ בן־מלך... צוויי לאַנגע שוואַרצע פּיאותלעך...

עפּעס אַ פור איז דורכגעפאָרן, דער פויער איז פון וואָגן אַראָפּ, און עס דאַכט זיך, אַז ער האָט ביי דעם צווייטן אַ פּאַפּיראָס פאַררויכערט.

און מען פירט מיך אין אַ גרויס צימער אַריין... עס בלישטשען אַזוי־פיל ליכט אין זילבערנע רערן... ביי אַ לאַנג געדעקטן טיש זיצן אַן אַלטער ייד אויבן אָן... מיט אַ ווייסער באָרד... אַ זילבערן טאַבאַק־פּושקעלע אין האַנט און קוקט אין אַ ספר אַריין... עפּעס אַ יידענע אין גרויסע בריליאַנ־טענע אוירינגען, אין אַ זיידענער הויב, גרייט צום טיש. איז עס מיין מאַ־מע? גיין... אַ פרעמדע... מען פרייט זיך מיט מיר... שלום־עליכם... מען קושט מיך... די מחותנתטע ווינט...

עפּעס איז ווער דורכגעלאָפן איינגעוויקט אין רעגן. אויפן פעל־שטייט אַ פור אָן אַ פערד. נאָר דער דישעל איז אַזוי לאַנג.

...איך זיץ ביים טיש... שמועס אין לערנען... איך פֿאַרענטפֿער אַ האַרבן רמב"ם... דער מחותן ווענדט מיך אָפּ מיט אַ מהר"לס אַ קשיא.. איך ברענג אים אַ ראיה פֿון רא"ש... אַלע קוקן אויף מיר... נאָר מיין מחותן שטייט פֿאַרגאַפֿט... די מחותנתטע ווישט זיך די אייגן מיט אַ טיכל... און דאָרט... פֿון אַ שפּאַלט פֿון דער טיר... אַ זיידן קליידל... זי האָרכט... זי עפֿנט ברייטער אויף די טיר, און קוקט... איך מאַך מיך ווי גאָרנישט... און רעד ווייטער, פֿאַרענטפֿער אַ תבואת־שור".

...מען פֿירט די כלה אַריין... זי איז שיין ווי אַ בת־מלכה... אין בלויז זייד און סאַמעט... אין צוויי שוואַרצע צעפּ... אין אַ וויים שערצל... זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ... זי שעמט זיך... איך אויך... דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר.

...— ווי געפֿעלט דיר דיין כלה?... די קינדער שעמען זיך! זעסט, זעסט, ווי רויט ער איז געוואָרן... און איך שטעק מיין פֿינגער אין גאַרטל אַריין און דריי מיך איבער דער שטוב...

— זיי וועלן זיך אַליין געוויינען איינער צום צווייטן...

...מ'גרייט צום טיש... אַ גרויסער הענגלייכטער הענגט פֿון באַלקן אַראָפּ מיט גרויסע בריליאַנטענע גלעזלעך... איך מיט מיין מחותן זיצן אויף איין זייט טיש... זי מיט דער מחותנתטע אויף דער צווייטער זייט טיש... דער הענגלייכטער פֿאַרשטעלט... זי קוקט אויף יענער זייט הענגלייכטער, איך אויף דער זייט...

...איך זאָג ווייטער תורה... דאָס פּשטל אויף „שחיטת־חוץ"... פֿאַרענטפֿער דעם רמב"ם... דער מחותן ווענדט אָפּ... איך לאָז נישט... ברענג די גמרא פֿון חולין... זי ווינקט... קוקט אויף מיר: לאָז דיך נישט... אָט אַזוי... פֿאַרענטפֿערט... ריכטיק... זי שמייכלט... האַ?!

מען פֿירט מיר מיין כלה צו... איך מאַך די אויגן צו... איך קוק נישט... מען גיט מיר אַ גאָלדענעם זייגער... זי גייט... נעם, זאָגט זי, און קוקט מיך אָן... איך מאַך די אויגן צו און נעם... איך טראָג אים אויף דער אַטלעסענער וועסט...

...איך זיץ מיט איר אליין... אין א גלעזערנער אלטאנקע... זי קוקט נישט... איך אויך נישט... מען קוקט אין וואַסער אַריין... ניין, אין אַ ספּרל אַריין... זי שמייכלט... ניין... זי זיצט, האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן... ניין... זי זיצט און קוקט אויף מיר גלייך אין פּנים אַריין... איך אויך... גלייך איר אין פּנים אַריין... זי וויינט... יאָ, עס רינען אַראָפּ די טרערן

איבער די באַקן... איך האַלט די צעפּ... גיין... מען מעג דען?... איך קוק אויף איר... איך וויין אויך... זי האָט אויף מיר רחמנות, אַזוי רחמנות...

איך נעם זי אָן ביי דער האַנט... .

„דו האָסט נישט דעם פֿויער צו באַצאָלן? האָסט מורא פֿאַר דיין עלטערן ברודער?...“

איך קוק מיך אַרום, דער פּאַלאַץ איז שוין לאַנג פֿאַרבייגעפֿאָרן, עס ציען זיך נאַסע באַוואָקלגטע פֿעלדער.

עס באַווייזט זיך אַ קליין הייזל, דער שטרוי־דאַך איז אין רעגן דורכגעווייקט, פֿון קוימען גייט אַ געדיכטער רויך אַרויס און צעלייגט זיך געדיכט איבערן וועג, פֿאַר דער טיר שטייט אַ פֿור, דאָס אויסגעשפּאַנטע פֿערד האַלט דעם קאָפּ אין וואָגן באַהאַלטן, און גיט איבער זיין רוקן אַ כּפּרה דעם רעגן. דער פֿורמאַן שטייט אין דער טיר ביים הייזל, איינגעקאָרטשעט אין זיין צעווייקטן מאַנטל, האַלט די ביימש אין אָרעם, פֿאַרלייגט די הענט און קוקט גאָרעדיק פֿון מאַנטל אַרויס.

עס באַווייזט זיך דאָס וועלדל, עס שטייט אין רעגן און קאָן זיך נישט רירן, און די ביימער טוליען זיך איינער צום צווייטן.

נאָך דעם וואַלד זעט מען שוין דעם שפּיץ קירכע פֿון אונדזער שטעטל אַרויס, און מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן: שוין אין דער היים!...

# די משוגענע מאַמע

עס איז געווען אַ ווינטערדיקער פאַרנאַכט.

די קינדער זענען געזעסן אַרום טיש אין חדר און האָבן זיך מעשיות דערציילט פון שדים. דער רבי איז נישט געווען. ער איז געגאַנגען מעריב דאַווענען אין בית־המדרש. דאָס לעמפּל האָט זיך נאָך נישט געהאַט צעברענט, און די קינדער, זיצנדיק אַרום דעם טיש, האָבן זיך אָפּגעשאָטנט אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. די באַוועגנדיקע הענטלעך האָבן מאָדנע שאָטנס געוואָרפן אויף די ווענט, וועלכע האָבן זיך געריסעוועט אויף דעם טונקל־גרויען טלאָ אין געשטאַלטן פון נאַכטיקע שדים...

די קינדער זענען איבערגעגאַנגען פון דעם שמועס פון די שדים אויף טויטע מאַמעס. פאַרציילט האָט נחומקע דער יתום. ער האָט נישט לאַנג אויפגעהערט קדיש צו זאָגן, און די קינדער האָבן אים שטאַרק מכבד געווען. האָט אים ווער שלעכטס געטאָן, האָט ער אים באַלד איבערגעבעטן מורא האָבנדיק, אַז זיין געשטאָרבענע מאַמע זאָל נישט קומען ביינאַכט צו אים און ווערגן...

אין אַ ווינקל טיש איז געזעסן חיימל, אַ קליין ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, ער איז געזעסן אין שכנות מיט נחומקען, האַנט ביי האַנט האָט ער זיך אָנגערירט מיט אים און האָט געפילט אַ נאָענטקייט עפעס מיט נחומקעס געשטאָרבענער מאַמע... ער איז דאָך אַ חבר מיט נחומקע, וועט זי פאַר אים אויך דאָרט בעטן אין הימל...

דעם ייִנגל האָט זיך געוואָלט וויינען — האָט ער זיך אָבער פאַרשעמט פאַר די חדר־ייִנגלעך. די חדר־ייִנגלעך האָבן אַלץ אינאיינעם ווייטער פאַרציילט פון זייערע מאַמעס. ער האָט זיך פיל מאָל געוואָלט אַריינמישן אין שמועס. נאָר אים האָט זיך געדאַכט, אַז די קינדער לאַכן אים אויס, קוקן אויף אים און טייטן מיט די פינגער...

דער רבי איז פון בית־המדרש צוריקגעקומען.

דאָס קליינע לעמפּל האָט געלויכטן, דאָס טישל מיט די קינדערישע פּנימלעך זענען געווען באַלויכטן, זיי האָבן געקוקט אין די גרויסע גמרות, אין די לאַנגע ביימען אויסגעזייט מיט גמרא־אותיות, וואָס האָבן דער־מאָנט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט...

— זאָגטס, קינדער — האָט דער רבי אויסגערופן און זיין לאַנגער דאַרער שטערן האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען מיט איין טאַקט איבער דער וואַנט.

— שמע מניה תלת... „ווען דאָך זיין געדרונגען דריי זאַכן" — האָט זיך דערהערט אַ כאָר פון קינדערישע קולכעלעך.

חיימל האָט זיך אויך מיטגעשאָקלט מיט די קינדער.

...טרינה משוגענע!... טרינה משוגענע!...

ווער רופט דאָס אין זיינע אויערן? ער קוקט זיך אום.

...דאָרט ביי דער פּלומפּ... אין צעגאַנגענעם שניי שטייט זי, און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ...

ווער איז עס, טרינה משוגענע, צי זיין מאַמע?

גיין, דענסטמאָל איז זי נאָך נישט געווען די משוגענע טרינה. דענסט־מאָל איז זי דאָך זיין מאַמע געווען.

פרייטיק צונאַכטס, די ליכט ברענען אין די לייכטערלעך, די חלות זענען צוגעדעקט מיטן חלה־„צוועלעכל", און דער רויטער קידוש־וויין פינקלט זיך אין פלעשל. די מאַמע זיצט, אויפן קאָפּ דאָס הייבל מיט די ווייסע בענדער.

ווער? זיין מאַמע?

„...טרינה משוגענע שטייט ביים שוואַרצן פּלויט. אַזוי איינגעריכט, אַזוי ברודיק. און די הייטלעך פון די אויגן זענען אויפגעריסן, און פון די אויגן־הייטלעך גיסן זיך טרערן. אין דער האַנט האַלט זי אַ סידור מיט אָפּגעפליקטע הושענות, אויפן קאָפּ האָט זי אַן אַלטן פריצישן קאַפּע־ליוש, און די יונגען צופּן ביים קלייד, ביי דער טוך..."

— אַוועק זאָלט איר גיין, יונגען, אַוועק...

— טרינה משוגענע! טרינה משוגענע!

זי וויינט, זי לאַכט...

— אמר אביי — האָט אביי געזאָגט... האָט אביי געזאָגט...

— וואָס האָט ער געזאָגט, אַביי? — פֿרעגט דער רבי.

— האָט אביי אַזוי געזאָגט — אַזוי געזאָגט...

...די משוגענע טרינה האָט אַ שוואַרץ סאַמעטל אויפֿן האַלדז — דער אַרבל איז אַראָפּגעריסן, און אַז זי גייט, שלעפּט זיך איר נאָך אַ בלאָ־טיקער שלומפּער...

אַמאָל איז ער אַהיימגעקומען אויף דער נאַכט פֿון חדר, אַ קליין ייִנגל איז ער נאָך דענסטמאָל געווען ווי שלמהלע דעם רבינס. דער באַהעל־פּער האָט אים אָפּגעפֿירט. די מאַמע איז געזעסן ביי דעם ווינטער־לאָמפּ און האָט די וואַרעמע וועש אונטערגעשטריקט. אין דעם אויוון האָבן זיך עפּעלעך געבראָטן, די מאַמע האָט אים אַן עפּעלע געגעבן. ביים ליכט פֿון לאָמפּ האָט ער דער מאַמעס האַלדז געזען. ער איז אַזוי ווייך געווען — אַזוי ווייס. די מאַמע האָט אַ שוואַרץ פּלעקל אויפֿן האַלדז, און אַז זי לאַכט, לאַכט דאָס פּלעקל מיט, און אַז זי איז משוגע, איז דאָס שוואַרצע פּלעקל אויפֿן האַלדז אויך משוגע. משוגע? איז דאָס שוואַרצע פּלעקל אויפֿן האַלדז אויך משוגע?

די מאַמע האָט אים געקושט... ניין, טרינה די משוגענע ליגט אין מטה אויפֿן גוטן אָרט... יונגען לויפֿן נאָך... דאָרט אין דער קיך, ביים ווינקל זיצט זי...

— חיימל, וווּ האַלט מען?

— דאָ — טאַפּט דאָס ייִנגל מיט דער האַנט אין דער גמרא.

— שייגעץ איינער! און דער קאַנטשיק שפּרינגט אַרום איבערן קינדס פּנים.

— מאַמע לעבן, מאַמע קרוין — וויינט דאָס קינד.

— „...ווי ער רופֿט די משוגענע מאַמע...“

די קינדער לאַכן.

— מתקיף ליה רב פּפּא — האָט רב פּפּא אַ קשיא געפֿרעגט.

— וואָס האָט רב פּפּא אַ קשיא געפֿרעגט? הע, חיימל?

— אַז צוויי זענען געגאַנגען אויפֿן וועג, נו, נו...

...ביינאַכט איז געווען, און שוואַרץ איז געווען די נאַכט: אַזוי שוואַרץ, מאַמע קרוין! אַ רעגן האָט געגאָסן, פֿון אויבן און פֿון אונטן...

ער איז אַהיימגעלאָפֿן פֿון חדר, איינגעוויקלט אין דעם קאַפּעטל, אויפֿגעשטעלט דעם קראַגן איז ער געלאָפֿן...

און זי איז וואָס אַמאָל נעענטער צוגעקומען צו אים, זי האָט גע־קוקט אויף אים...

און ער האָט דענסטמאָל אַזוי רחמנות געקריגן אויף זיין מאַמען, אַזוי רחמנות... גאָט איינציקער!

זי האָט אים ביי דער האַנט אָנגענומען.

ער האָט אַ ציטער געגעבן. ער האָט זיך דערשראָקן און איז אַנט־לאָפן פלינק... פלינק...

און אים דאַכט זיך, אַז זי איז אים נאָכגעלאָפן. און אים דאַכט זיך, אַז די האָר האָט זי געהאַט צעפּלאָשעט, און די הענט האָט זי פאַר־שפּרייט, און איז אים נאָכגעלאָפן, נאָכגעלאָפן...

און ער איז פלינק אַנטלאָפן.

— חיימל, חיימל, חיימל! — האָט זי אים נאָכגעשריגן...

יאָ, ער האָט געהערט איר קול...

זי האָט געוויינט, זי האָט געלאַכט...

— — — — — — — — — — — — — — —

פרייטיק די משוגענע קומט יעדן טאָג און שטעלט זיך אַנידער פאַר זייער טיר און וואַרט. איינמאָל האָט ער געהערט, ווי שיינדעלע די שכנטע האָט אַזוי געזאָגט: „אַ מאַמעס האַרץ לאָזט נישט רוען: משוגע, און דאָך קאָן זי אָן די קינדער נישט פאַרגעסן"...

און דער טאַטע קומט אַרויס מיט אַ פּאַסעק און טרייבט זי אַוועק, זי שטייט און קוקט אויף אים. דערזעט זי אַ קינד, אים, אָדער זיין שוועס־טערל, שטרעקט זי די הענט אויס, און רופט עפּעס, און וויל עפּעס, וויינט זי, לאַכט זי...

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָס יינגל האָט אַ ציטער געגעבן, זיין קינדיש גופל איז פון דער באַנק אויפגעשפּרונגען.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, שייגעץ! קיין איין וואָרט זאָגסטו דאָך נישט, און דער קאַנטשיק איז געפאַלן איבער זיין פּנימל...

דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

אים האָט זיך געגלוסט צו וויינען, לאַנג וויינען, לאַנג און לאַנג, און וויינענדיק האָט ער זיך געפונען ביי זיך אין דער היים.

זיי האָבן דענסטמאָל געוווינט אין דער אייגענער שטוב, וואָס זיי וווינען איצט. די מאַמע זיצט תמיד אויף דעם קיכן־בענקל ביים אויוון און קוקט אויף דעם טיש פון טאַטנס בעט. שטענדיק קוקט זי אויף דעם טיש, דורך גאַנצע טעג, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס דאָרט געזוכט, און האָט

זיך ווער צווישן איר און דעם פּוס אויסגעשטעלט, האָט זי געקוקט מיט אַזעלכע רחמנותדיקע בליקן...

דער טאַטע איז בייז, שילט אַלע, שלאָגט אַלע...

די עלטערע שוועסטער סודעט זיך מיט דער מומען.

שכנות קומען אַריין, קוקן אויף איר און קרעכצן...

טײַלמאַל קומט ער אַהיים אויף דער נאַכט פון חדר, מיט דעם לעמפּל אין דער האַנט. אין דער שטוב איז טונקל. עס איז קיינער נישטאָ, נאָר די מאַמע זיצט איינע אַליין ביים קיכן־ווינקל און קוקט אויפן פּוס.

ער גייט צו צו איר: מאַמע.

זי רופט זיך נאָרנישט אָן.

ער הייבט אָן צו וויינען פאַר דער מאַמע: מאַמע, מאַ־מע!...

זי רופט זיך נאָרגישט אָן... נאָר קוקט אויפן פּוס פון טאַטנס בעט... קומט אַריין די עלטערע שוועסטער, און גיט אים ברויט מיט פּאָווידלע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט שוין אָן אַלעם פאַרגעסן.

אין אַ הויף איז זיך אַ סוכה געשטאַנען, אַ סוכה נאָך פון סוכות.

די מאַמע איז אַליין אין דער סוכה... גיין... דערנסטמאָל איז זי שוין טריגה די משוגענע געווען...

און מען שלאָגט זי יעדן טאָג מיט שטריק, מיט שטיקער העלצער.

ער זעט, ווי מען שלאָגט זיין מאַמע, דער טאַטע אַליין שלאָגט, די פעטערס שלאָגן... און די מאַמע רייסט די האָר פון קאָפּ, אָבער גיין, זי איז גאָר רואיק, גאַנץ רואיק, נאָר זי קוקט אויף איין אָרט מיט אויסגע־גלאָצטע אויגן.

ביינאַכט הערט ער טײַלמאָל ווי זי וויינט... „מ'דאַרף זי שלאָגן“, מ'ען זאָגט, אַז עס איז אַזאַ רפואה.

מען גיסט איר קאַלט וואַסער אויפן קאָפּ.

און זי ציטערט אַזוי.

מען דאַרף עס. עס איז אַזאַ רפואה.

מען מעג שלאָגן אַ מאַמע? יאָ, מען מעג?...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַמאָל ביינאַכט, אין זייער אַ פינצטערער נאַכט. די שדים מוזן שפּאַצירן אין די גאַסן אין אַזאַ נאַכט, און די מאַמע איז אַליין אין סו־כה צווישן די שדים...

רבונו של עולם.

אויף דער סוכה איז קיין מזוזה נישטאָ, קיין קריאת־שמע האָט זי אויך נישט געלייענט. אוי, פיל שדים מוזן דאָרט זיין...

ער האָט זיך צוגעגנבעט צו דער סוכה, און האָט געהערט ווי עס ברומט אַרויס פון דער סוכה...

עפּעס אַזוי שרעקלעך...

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער דענסטמאָל נישט געקאָנט שלאָפן, פון דער סוכה ברומט עס אַרויס...

ווער ברומט, די מאַמע, צי די שדים ברומען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַמאָל האָט מען אים פון דער היים אַוועקגעפירט, אים מיט זיינע צוויי שוועסטער, צו דער מומע נעבע. און דער טאַטע איז ערגעץ־ווו גע־האַט אַוועקגעפאָרן.

די מאַמע איז עפּעס שוין נישט געווען. זי איז נישט געשטאָרבן, מען האָט זי נישט אויפן גוטן אָרט געפירט, נאָר זי איז שוין אויס מאַמע גע־וואָרן...

עפּעס לויפט זי אין גאַס אַרום. יונגען לויפן איר נאָך. מען וואַרפט איר שטיינער נאָך. און זי שטייט אַ גאַנצן טאָג אַליין ביי דעם פּלומפּ...

זעט ער זי — אַנטלויפט ער פלינק אַהיים, אַז ער זאָל מיט דער מאַ־מען זיך נישט צוזאַמען באַגעגענען.

עפּעס וואָלט ער יאָ געוואָלט זיך מיט דער מאַמע צוזאַמען טרעפן, נאָר נישט אויף דער גאַס. ערגעץ־ווו דאָרט, אין אַ באַהאַלטן אָרט, אַז עס זאָל קיינער, קיינער נישט זען...

דענסטמאָל וואָלט ער צוגעגאַנגען צו איר אין דער שטיל, גאָר אין דער שטיל, ער וואָלט זי ביי דער האַנט אָנגענומען און וואָלט אַזוי גע־זאָגט:

— מאַמע... מאַמע...

און וואָלט פלינק אַנטלאָפן.

— פאַרוואָס? עס איז דאָך אַ מאַמע, מיין מאַמע!

ניין, אַנטלאָפן וואָלט ער נישט. ער וואָלט געשטאַנען.

ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער וואָלט געשטאַנען — אָט גיי איך צו איר, אָט אַזוי, נעם זי אָן ביי דער האַנט.

אַ משוגענע האַנט — פלינק...

— פאַרמאַכט די גמרות, נעמט די סידורים — זאָגט דער רבי.

די קינדער שטייען און דאַווענען מעריב.

„והוא רחום יכפר עון...“

— פאַרוואָס וואָלט איך אַנטלאָפן? — עס איז דאָך מיין מאַמע! מיין מאַמע, מיין מאַמע...

די קינדער האָבן זיך שוין די קאַפּאָטקעלעך אָנגעטאָן. די לאַמטערן געננומען אין די הענט און זענען אַהיימגעגאַנגען.

אַ גרויסע לבנה וואַנדלט אין הימל, די לבנה קוקט צו אים אַראָפּ מיט אַזוי פיל רחמנות. אים דאַכט זיך, אַז די לבנה האָט אויך אַ משו־גענע מאַמע, דורך דעם חברט זי זיך מיט אים...

איז ער אָנגעקומען אין קליינעם ליקל אַריין, פאַר זייער הויז, איז ער פּלוצלונג שטיין געבליבן. ביי דער וואַנט אָנגעלענט הינטער דער רי־נע איז זי געשטאַנען, טריינה די משוגענע...

דעם קאָפּ האָט זי אַרויסגעשטאַרט פון דעם שוואַרצן צעריסענעם טוך און האָט ערגעץ־ווו געגלאָצט מיט די אויגן...

צוגיין, צי נישט צוגיין?

זי קוקט אויף אים. דער מאַמעס בליק, זי שווייגט. נאָר דאַכט זיך, זי שמייכלט. וואָס שמייכלט זי?

— מאַמע, מאַמע, דו ביסט מיין מאַמע? יאָ? — האָט דאָס ייִנגל געפרעגט און אומגעקוקט זיך, אויב קיינער הערט נישט, אויב קיינער זעט נישט.

זי האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן.

ער איז נעענטער צוגעגאַנגען צו איר, האַרט נעבן איר:

— דו ביסט מיין מאַמע? יאָ? דו ביסט?

זי האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן, נאָר מיט די אויגן ערגעץ־ווו גע־גלאָצט...

— פאַרוואָס ביסטו נישט אין דער היים? פאַרוואָס לויפסטו אין די גאַסן אַרום?

זי האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן...

— מאַמע, פאַרוואָס שווייגסטו? פאַרוואָס?

און דאָס ייִנגל איז אַרויסגעבראָכן מיט אַ געוויין.

נאָר זי האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן...

— ווילסט עסן? יאָ, ווילסט עסן? זאָג, ווילסט עסן?

זי האָט זיך גאָר און גאָרנישט אָנגערופן.

ער איז אַריין פלינק אין דער שטוב און געזאָגט „גוטן אָוונט“.

אין שטוב איז אומעטיק געווען און טרויעריק. דער טאַטע איז גע־

זעסן ביים טיש און האָט עפּעס גערעכנט. די עלטערע שוועסטער איז געשטאַנען ביי דער קיך, און האָט עפּעס געקאָכט.

— חיימל, ווילסט עסן? — האָט אים די שוועסטער געפרעגט.

ער האָט זיך אומגעקוקט, אויב דער טאַטע הערט נישט, איז צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער:

— לאה, די מאַמע שטייט אין דרויסן.

די שוועסטער האָט נאָר פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ מיט די ציין, און האָט געוויזן מיטן פינגער אויפן טאַטן...

חיימל האָט גענומען די צוויי שטיקלעך פּוטער מיט ברויט, וואָס די שוועסטער האָט אים געהאַט אָנגעשניטן, און אַרויסגעטראָגן דער מאַמען.

ער האָט זיך אומגעקוקט, אויב קיינער זעט נישט, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, און דערלאַנגט איר די שטיקלעך ברויט.

זי האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן.

— עס, ביסט דאָך הונגעריק.

ער האָט איר די שטיקלעך ברויט אויף דער האַנט געלייגט: נעם, ביסט דאָך הונגעריק.

זי האָט ערגעץ־ווו ווייט געגלאָצט מיט די אויגן, ווי זי וואָלט געקוקט אין אַ פרעמד לאַנד.

# צווישן אַ וואַנט

אויף אַן איינזאַם פעלד, הינטער אַ גרויסער שטאָט אין אַ מאָל איז געלעגן אַ גרויסע שוואַרצע פעסטונג, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער, דיקער מויער, וועלכע האָט אָפּגעשיידט די פעסטונג פון דער וועלט און פאַרשטעלט פון איר די וועלטלעכע שיין. פון איין זייט מויער האָט אַ ברייטער שטאַרקער טייך געפלאָסן, וואָס נאָר ביינאַכט ווען עס איז אין דער געגנט אַרום שטיל געווען, האָט מען געהערט דאָס קלאַפּן פון זיינע כוואַליעס אָן דער מויער. דער עכאָ פון די כוואַליעס האָט זיך אָפּגערופן פון גאַנץ ווייט און האָט דערוועקט אַ געפיל פון עפּעס אַ משוגענער מאַמע, וואָס איז אָנגעבונדן ביי דער מויער און וויל זיך אַלץ דערשלאָגן צו דער פעסטונג אַרויסצובאַקומען די גופים פון אירע קינדער, וועלכע זענען דערינען באַגראָבן. אין דער פעסטונג אין אַן איינזאַמען ווינקל איז געשטאַנען אַ הויכע שוואַרצע טורמע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער.

די טורמע, וועלכע איז באַשטאַנען פון איינִיקע עטאַזשן, איז געווען פול מיט אַרעסטירטע. די אַרעסטירטע פלעגט מען פון צייט צו צייט איבערבייטן די צימערן, כדי זיי זאָלן נישט קיין צייט האָבן צו באַקענען זיך מיט די שכנים, און טאַקע ביימאָג איז דאָס הויז געווען אויסגעשטאָרבן און האָט דערמאָנט אין אַ קאַטאַקאָמבע, וואָס אין אירע לעבער ליגן לעבעדיקע, געזונטע מענטשן אָן באַוועגונג. יעדער פון די אַרעסטירטע איז געלעגן אויף זיין נאַרע, אָדער פאַרקוקט זיך צו משוגע ווערן אויף דעם שפּיץ אויבן. איינִיקע אַרעסטירטע האָבן פון אַן אָפענעם לאָך פון זייערע פענצטערלעך געזען די רויטע קו, וואָס פיטערט זיך אויפן פעלד, און זענען שוין אַזוי געוואָרן צוגעוווינט צו דער קו, אַז זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן מער אין זייער לעבן נישט געזען... אַנדערע אַרעסטירטע האָבן ווי עפּעס אויף צו להכעיס געקוקט אויף דעם אויג פון דעם זשאַנדאַרם, וואָס האָט נישט מיד ווערנדיק אַריינגעקוקט דורך דעם טירלאָך... קוים אָבער פלעגט צופאַלן די נאַכט איז דאָס הויז ווי באַלעבט

געוואָרן. פון אַלע זייטן ווענט האָט זיך געהערט אַ באַשטענדיקס פינגער־קלאַפּן. איין אַרעסטירטער האָט זיך מיט דעם צווייטן אויסגעשמועסט און דערציילט זיך פון די אינטימסטע זאַכן, נישט זעענדיק איינער דעם אַנדערן. דער צווייטער האָט ווייטער איבערגעגעבן דעם שמועס דעם דריטן שכן, דער דריטער דעם פערטן, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע גרויזאַמע שוואַרצע הויז האָט אָנגעהויבן צו רעדן און צו לעבן אינאיינעם. עס האָבן זיך דערקענט פריינד מיט פריינד, ברידער מיט ברידער. נאָענטע און ווייטע... פון צייט צו צייט האָבן זיך געהערט פעסטע טריט אין קאָרידאָר, און דאָס שטומע רעדן פלעגט זיך איבעררייסן און דאָס גאַנצע הויז שטום טויט ווערן. באַלד אָבער ווי די טריט זענען נאָר פאַרשוויגן געוואָרן, פלעגט ווייטער שמועס זיך אָנהייבן און דאָס הויז פלעגט אויפסניי אויפלעבן...

אַזוי האָט דאָס הויז איינגעוווינט זיך צו לעבן שטומערהייט, און די פינגער אַנשטאַט די ליפּן צו באַנוצן, און מענטשן האָבן זיך איינער מיט דעם צווייטן באַקענט אַזוי אַרום. דאָס אויער פון די אַרעסטירטע איז געוואָרן אין דעם פאַך אַזוי אויסגעבילדעט, אַז זיי האָבן לויט דעם פינגער־קלאַפּן דערקענט יענעמס כאַראַקטער — איז ער אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער, אַן אינטעליגענט אָדער אַן אַרבעטער. זיי פלעגן אין די פינגער קלאַפּן הערן יענעמס מינע, דאָס געלעכטער און דאָס געוויין פון יענעם. איינער פלעגט דעם צווייטן טרייסטן דורך די פינגער, ליב קריגן און פיינט האָבן. נישט איינמאָל אָבער האָט זיך אַן אַרעסטירטן פאַרגלוסט אַזוי אין העלן מיטן טאָג אָנהייבן צו שרייען, אָדער גלאַט צו רעדן אין דער וועלט אַריין, פּרובירנדיק זיין רעדנס־אָרגאַן, אויב ער דינט אים נאָך...

אַמאָל אין מיטן דער נאַכט, ווען די טורמע האָט געהאַלטן אין מיטן בעסטן שמועס דורך די פינגער קלאַפּן, האָט פּלוצלונג ריין און פריש אָפּגעשאַלט אַ יונג, געזונט לאַכן פון אַ לויטערער מיידלשער שטים. די אַרעסטירטע זענען פּלוצלונג דערציטערט געוואָרן. זיי האָט זיך געדאַכט, ווי עס וואָלט עפּעס געשען אַ נישט נאַטירלעכס, און פאַרשטומטע זענען זיי וואַרטן געבליבן, אָפּהאַקנדיק דאָס פינגער־קלאַפּעריי, האַרנדיק אויף עפּעס־וואָס: עס זאָל זיך הערן אַ קאַנאָנען־שאָס, צי דאָס גלייכן... נאָר נאָך אַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס מיידלשע זונען־לאַכן, וועלכעס האָט אין די איינזאַמע פאַרשטומטע ווענט פון טורמע אַזוי ווילד אָפּגעשלאָגן, ווי אַ טויטער וואָלט פּלוצלונג אָנגעהויבן צו רעדן. ביי די אַרעסטירטע האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קול צו רייסן פון האַרץ... עס האָט זיך געוואָלט

אָנהייבן צו שרייען, הויך צו שרייען אויפֿן גאַנצן קול. אָט האָט שוין דער און יענער דאָס מויל געעפֿנט, וועלנדיק אַ געשריי טאָן, נאָר ביי אַלע איז געווען, ווי דאָס לשון וואָלט זיי געוואָרן אָפּגענומען און קיינער האָט נישט געקאָנט קיין זילבע פֿון מויל אַרויסברענגען...

דאָס לאַכן איז געווען פֿון אַ יונג מיידל, נאָך אַ קינד. אַז מען האָט זי דאָ אַהער געבראַכט פֿון איר מאַמעס שטוב, האָט זי אַזוי ווייט נישט פֿאַרשטאַנען די ערנסטקייט פֿון דער זאַך, אַז מוטיק און שטאָלץ מיט אַ ראָמאַנטישער מינע האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און איז נאָכגעגאַנגען דעם קאָמיסאַר מיט די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זי דאָ אַהער געפֿירט. איר האָט זיך גערעכט, אַז נאָכדעם וואָס עס האָט זיך מיט איר געטראָפֿן, מוז געשען עפּעס זייער אַ וויכטיקע זאַך... און זי איז די העלדין דערפֿון. קוים אָבער איז זי געבליבן אַליין צווישן די שטומע פֿיר ווענט האָט זי זיך אין אַ ווינקל געזעצט, און איר יונג לעבעדיק האַרץ האָט מיטאַמאָל דערפֿילט די עלנטקייט, אין וועלכער זי געפֿינט זיך איצט אין די פֿרעמדע הענט וואָס זענען אַרום איר, און זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען: שטיל געוויינט, און לאַנג געוויינט, אַליין נישט וויסנדיק פֿאַר וועמען און צו וואָס. אַז זי האָט אָבער זיך געהאַט גוט אויסגעוויינט, איז איר לייכטער געוואָרן, און זי האָט זיך געפֿילט ווי אַ העלדין, און דאָס האָט איר מוט און שטאָלץ געגעבן. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון איר געלעגער, שטאַרק געמאַכט אַ פּאָר פֿויסטן און הויך די בריסט אויסגעשטרעקט, ווי גרייט צו דערהאַלטן דאָס שיסן פֿון די זעלנער. נאָר דערמאָנענדיק זיך אין מיטן דריננען, אַז זי רעדט אַליין צו זיך, האָט זי זיך פּלוצלונג נישט וועלנדיק און נישט וויסנדיק קינדיש-הערצלעך צעלאַכט אויפֿן גאַנצן קול

דער זשאַנדאַרם, וואָס איז געשטאַנען אין קאָרידאָר אויף דער וואַך, איז פֿלינק צו צו איר טיר און האָט אַריינגעוואָרפֿן אַ שטרענגן בליק אין דעם פֿענצטער, בייזערנדיק זיך. זיין ערנסטער און שטרענגער בליק, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון אַ פֿיר-עקעדיק לעכל, האָט זי נאָך מער געריצט צום לאַכן. און זי האָט עס לויז געלאָזט. אַז דער האַרטער סטראַזשניק האָט דערזען, ווי אַ יונג פֿריש מיידל (די איינציקע אין טורמע) שטייט איינע אַליין ביי דער וואַנט פֿון איר צימערל און רעדט אַליין צו זיך, איז זיין מענטשן-האַרץ גערירט געוואָרן, און פֿאַר גרויס פֿאַרגעניגן האָט ער אויך אָנגעהויבן מיטצושמייכלען, ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט אָן זיין זעלנערישער פֿליכט, און האָט געפּרוווט מאַכן אַן ערנסט שטרענג געזיכט, באַפֿעלנדיק מיט דעם באַוווסטן זעלנערישן טאָן, ער

האָט עס אָבער נישט געקאָנט אָנווענדן צו דעם יונגן לוסטיקן קינד, און דורכדעם האָט עס אויך, פאַרשטייט זיך, קיין ווירקונג נישט געהאַט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי די דיסציפּלין אין דער שטרענגער טורמע איז געוואָרן געבראָכן און האָט זיך פאַרפעלט איר ווירקונג אויף שפּעטער.

---

דאָס מיידל האָט זיך באַלד איינגעוויינט אין איר ענג-קליין צימערל. מיט איר מיידל-גייסט האָט זי זיך איר ווינקל אַזוי באַקוועם געמאַכט און אויסגערוימט, ווי עס וואָלט איר באַשטענדיק ווינקל זיין. שוין זענען אויף די באַשמוצטע פּענצטערלעך געהאָנגען אַ פּאָר ריינע זייבערע פאָרהענגלעך. די ווענט זענען שוין געוואָרן באַהאָנגען מיט קליינע פּירעקיקע בילדלעך, דאָס בעט איבערגעצויגן מיט אַ קלאָר ווייס לײַלעך. דאָס צימערל האָט גאָר באַקומען אַ אַנדער חן; פון יעדן ווינקל האָט אַרויסגעקוקט די איידלקייט און די זויבערקייט פון דער איידעלער פרויען-האַנט, און איינגאַנצן האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַן אומשולדיק מיידל-ווינקל, אין וועלכן עס ווערט געטרוימט די זיסע חלומות פון דער ערשטער פרויען-ליבע, ווען אויס דעם קינד ווערט אַ פרויענצימער...

און נישט דווקא זי בלויז, נאָר די גאַנצע שוואַרצע גרויזאַמע טורמע איז עפּעס ווי איבערגעאַנדערשט געוואָרן. עס האָט זיך געפילט, אַז אין אירע שווערע מויערן האַלט זיך אויף אַ פרויענצימער — אַ מיידל... נאָר האָט זי קיינער פון די אַרעסטירטע נישט געזען, נישט געוווסט, ווי זי זעט אויס, צי זי איז אַ שיינע אָדער אַ מיאוסע, אַ יונגע צי אַן אַלטע, נאָר דאָך האָבן אַלע געפילט, ווי די אַרעסטירטע, אַזוי די זשאַנדאַרמען, די נאָענטקייט פון פרויענצימער מיט זיי אין שכנות.

און דאָס מיידל האָט דעם טאָן גאַנץ איבערגעאַנדערשט אין דעם שרעקלעכן הויז.

דאָס מיידל האָט געשפּילט פּיאַנא, און נאָך נאַרנישט האָט זי געבענקט אין איר פאַרשפּארונג, ווי נאָך דעם ראָיאַל. טיילמאָל, ווען עס פלעגט אָנהייבן טונקל ווערן אין איר צימערל און אָנציינדן זיך דאָס קליינע לעמפּל, פלעגט זי אָנכאַפּן אַ שרעקלעך בענקשאַפט נאָך שפּילן, דאַן פלעגט זי זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל-שטוב, פאַרקעמט זיך די צעפּ ווי „גרעטכען" און איינגעהאָרכן זיך, טיף זיך איינהאָרכן. דענסטמאָל האָט

זיך איר געדאַכט, אַז ערגעץ=ווו שפּילט מען, אַז עס קומט צוציען אַ שפּילן
פון ערגעץ גאַנץ ווייט, דרינגט אַריין דורך די שווערע פעסטונג=מויערן
און קלינגט אָפּ אין איר צימערל, און דער ניגון שפּילט איר אויס די
טענער, דעם זמר, וואָס זי וויל הערן, און אַזוי אַריינהאָרכנדיק זיך אין
דעם געזאַנג, פלעגט זי זיך אויפהייבן און אָנהייבן אַרומדרייען זיך איבער
דעם קליינעם ענגן צימערל אַרויף און אַראָפּ און מיט אירע פיס אויס=
טרעטן דעם טאַקט פון דעם זמר. און אירע לייכטע, שוועבנדיקע טריט
האָבן זיך אַזוי אָפּגעשלאָגן אין דער פּאָדלאָגע, אַז מען האָט געקאָנט הערן
דעם ניגון, וואָס עס זינגט זיך איר ערשט. אַז איר האָט זיך געזונגען און
אירע טריט האָבן אויסגעטרעטן דעם ניגון, פלעגט דענסטמאָל דאָס גאַנ=
צע גרויסע, שוואַרצע הויז איינהאָרכן זיך צו איר פוס=טרעטן. יעדער
אַרעסטירטער איז ביי זיך געזעסן אין זיין טונקל ווינקל און האָט זיך
איינגעהאָרכט צו די שוועבנדע שפּילנדע טריט, וואָס הערן זיך איבער
זיין קאָפּ, און האָט געציילט דעם טאַקט פון אירע טריט און אויסגעזונ=
גען דעם ניגון... אַזוי האָט דאָס גאַנצע שוואַרצע גרויסע הויז און יעדער
איינזאַמער אין זיין ווינקל געלעבט אַ מאָמענט אין אַ שיין ליבעס=ליד...

מען האָט זי קיינמאָל נישט געזען. איינע אַליין פלעגט מען זי אַרויס=
פירן און ביי איר דורכגיין דעם קאָרידאָר פלעגן די אַרעסטירטע אין די
קעמערלעך דערפילן אירע טריט און פלעגן זיך צווואַרפן צו דער טיר,
זיך איינהאָרכנדיק צו אירע טריט און זוכנדיק מיט געוואַלד אַ שפּאַרע,
אַ לאָך, פון וועלכע זיי זאָלן קאָנען אַ בליק וואַרפן אויף איר. זי פלעגט
פילן די נייגעריקייט, וואָס קוקט פון הינטער די שווערע אייזערנע טירן
אַרויס, און עפעס ווי נישט ווילנדיק פלעגט זי איר יונגן לייכטן קערפּער
אויף אַ טיר פון אַ פאַרשלאָסן קעמערל אַרויפוואַרפן. דער פאַרשלאָסע=
נער דרינען האָט דאָס דערפילט... און עס האָט זיך דערוועקט ביי אים
אַ געפיל, ווי פינגער=ציטערן פון אַ לייכטער מיידלשער האַנט וואָלט פלוצ=
לונג אויף די קלאַווישן פון אַ ציטערנדער פּיאַנינאָ אַרומגעבלאָנדזשעט...

---

אין דעם צווייטן קעמערל אין שכנות מיט איר איז געזעסן אַ יונ=
גערמאַן. די פיר שוואַרצע שטומע ווענט, וואָס האָבן פון דעם יונגן מענטשן
שוין אַכט חדשים אַרויסגעריסן פון זיינע בעסטע טעג, זענען נאָכנישט
אימשטאַנד געווען אויסצולעשן זיין יונג געפיל, וואָס האָט געלעבט אין

דעם יונגן מענטשנס האַרץ. דעם יונגן מענטשן איז געווען, ווי זיין לעבן וואָלט אין אים איינגעשלאָפן געוואָרן... אויפגעהויבן זיך אין דער פרי, פלעגט ער ליגן אויפן טאַפּטשאַן שעהנלאַנג און דערמאָנען זיך סצענעס פון זיינע קינדערשע יאָרן, וואָס האָבן איצט צו אים אַהער געשמייכלט ווי פון אַ חלום, אָדער ער פלעגט קוקן אויף דער רויטער קו, וואָס פּיטערט זיך פאַר דעם פענצטערל, און באַוואונדערן מיט דער גרעסטער התלהבות יעדע קלענסטע באַוועגונג, וואָס זי האָט געמאַכט. די ענערגיע, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אין זיינע גלידער, נישט האָבנדיק קיין מיטל זיך אויסצודריקן אין עטוואס, איז איינגעשלאָפן אין אים — און אים איז געוואָרן גלייך, צי אין דרויסן שיינט די זון, אָדער עס גיסט אַ רעגן... עס איז אָבער געגוג געווען אַ לייכט ווינטל, וואָס זאָל אויפוועקן דאָס פאַרשלאָפענע געפיל אין אים און דאָס יונגע בלוט זאָל זיך אָנהייבן צו גיסן אין די אָדערן מיטן הייסן אָטעם פון דער יוגנט...

און דאָס ווינטל איז געווען זי...

ער האָט געהערט אירע טריט, אירע באַוועגונגען, איר גאַנץ וועזן דורך דער וואַנט. ער האָט געפילט, אַז הינטער דער וואַנט לעבט אַ יונג לעבן ווי זיינס... און ער בענקט נאָך עפּעס און דאָרשט נאָך עפּעס... ווי אַ הונט פלעגט ער ליגן אַ גאַנצע נאַכט ביי דער וואנט און איינהאָרכן זיך צו אַלע אירע באַוועגונגען. ער פלעגט הערן דאָס מינדסטע גערודער, ווי זי הייבט אויף די האַנט, ווי זי צעלאָזט זיך די האָר, און אָט דאַכט זיך אים, ווי אירע האָר קוועטשן זיך צוזאַמען אויף איר האַלדז. אָט ווי זי ציט איבער זיך די דעקע. אַ ווינטל בלאָזט איבער איר נאַקעטן האַלדז, בלאָזט אין אירע האָר, און זי גראָבט איין טיף, טיף דאָס פּנים אין קישן...

ער האָט זי געזען אין זיין פאַנטאַזיע, זי מוז זיין אַ קליינע מיט דינע, לייכטע גלידער. אַן איידלקייט איז אויסגעגאָסן אין אירע גלידער און זיי קושן זיך אַרום פון איר שוואַרצן שיינעם קלייד. האָר האָט זי לאַנגע, שוואַרצע איינצלנע, דינע ווי זייד, און שטענדיק זענען זיי געוואַשענע, און קיל זענען זיי ווי טראָפּנס וואַסער, און זי זיצט די פיס אונטער זיך, ווי אַ יונגע קאַץ אויף איר בעט, און שפּילט זיך מיט אירע שוואַרצע, לאַנגע קילע האָר... און זי שמייכלט ווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגן דערנסטמאָל, ווען עס באַהאַלטן זיך האַלב פאַרשעמט, האַלב עזותדיק אירע שוואַרצע אויגן, האַלב אין טרערן באַנעצט, אונטער אירע געדיכטע שוואַרצע ברעמען. און אַ שטילקייט איז אין איר, אַ רואיקע שטילקייט,

ווי אַ שטיל ליד... איר געזיכט וויל גאָרנישט. נאָר עפּעס אַזוי פאַר זיך, באַהאַלטן אין זיך, לעבט דאָס שטילע מיידל אין אַ שווערן באַהאַלטענעם סוד... און אַ סוד עפּעס גאָרנישט ווי פון דער וועלט... און אייזערנע טירן זענען פאַרשלאָסן פאַר דעם סוד... קיינער, קיינער קאָן זיך דאָרט נישט אַריינקריגן, טיילן זיך מיט איר סוד...

ער האָט זי געזען אין שאָפּענס אַ נאָקטורן. זי האָט אים געזונגען; מיט די פינגער אויסגעטראָטן אַמאָל אין אַ טונקעלן פאַרנאַכט. ער האָט געזען אַ יונגן בליענדיקן סאָסנע־וואַלד אין פריען האַרבסט, שיטער גייען די יונגע, דינע ביימער הויך אין הימל אויף און שפרייטן אויס זייערע פליגל — זייערע יונגע צווייגן — איינער צום צווייטן און וואַרפן אַ שאָטן אַרום זיך. עס איז אַ יונגער האַרבסט־פאַרנאַכט. טרויעריק און רויט גייט די זון אונטער הינטערן שוואַרצן וואַלד און וואַרפט אַ גליענדע בענק־שאַפט אין שוואַרצן וואַלד אַריין. דאָ און דאָרט צווישן די יונגע סאָסנע־ביימער בלאָנדזשען נאָך אַרום אָפּגעריסענע זונען־פלעקן. דאָרט, הינטער דעם יונגן סאָסנע־וואַלד, שטייט אַן איינזאַם פאַרלאָזטער שלאָס, וואָס שפּיגלט זיך טרויעריק און האַרבסטיק אָפּ אין דעם בלויען וואַסער־שפּיגל, וואָס קעסטלט זיך אַנטקעגן דער רויט אונטערגייענדער זון. פון דעם פאַראייניזאַמטן שלאָס פירט אַ פאַרלאָזטע ווייסע שטעגל־סטעגגע צווישן די יונגע סאָסנעס. שטום און פאַרשלאָסן אין פאַרבאָרגענעם סוד טרעט זי איינזאַם אויף דעם שטעגל צווישן די יונגע סאָסנעס. באָרוועס ווייזן זיך אירע ווייסע פיס אַרויס פון אונטער איר שוואַרצן לאַנגן רעפאָרם־קלייד, וואָס וואַרפט איר נאָך ווי אַ שוואַרצער שאָטן איר סילועט, און אַ שוואַר־צער פליגל פון אַ געשאָסענעם פויגל פוצט איר שוואַרצן קאָפּ האָר... אַזוי מאַיעסטעטיש שטיל טרעט זי אויף דעם איינזאַמען שטעגל פון אַ פרעמדער וועלט אין אַ פרעמדער וועלט...

ער פלעגט צו איר אַריינקלאַפּן דורך דער וואַנט מיט די פינגער. אַרויסזאָגן איר די ליבעס־געפילן. „ווער ביסטו? זאָג, איך פיל, אַז דו ביסט יונג און שיין און איך ליב דיך... איך בין שטאַרק, ווי אַ לייב, איך וויל ברייגאַכט די וואַנט דורכברעכן און וועל קומען צו דיר אַריין. איך וועל דיך ווי אַ ליבן פויגל אויף מיין ברוסט נעמען, אַנטלויפן מיט דיר, ווייט אַוועק מיט דיר, וואַרט, דו פויגל, אויף מיר...“

און זי פלעגט זיך צוהערן צו זיין פינגער־קלאַפּן. זי האָט נישט פאַר־שטאַנען וואָס ער וויל זאָגן, זי האָט די שפּראַך פון „פינגער־קלאַפּן“ נישט פאַרשטאַנען, נאָר זי האָט געפילט, אַז דאָרט הינטער דער וואַנט לעבט

פאַר איר אַ געפיל, אַ הייס געפיל. אַז דאָרט פון הינטער דער וואַנט רופט צו איר אַ שטים, מען רופט זי! מען רופט זי!...

פלעגט זי ליגן ביי דער וואַנט און איינהאָרכן זיך צו דעם פינגער־קלאַפּן. אַ געזאַנג, אַ ליד פון ליבע איז דאָס פינגער־קלאַפּן פאַר איר געווען, זי האָט געפילט די ווערטער, וואָס שטאַרבן אין דער וואַנט אָפּ. און האָט געהערט אַ פאָכען פון אַ האַרץ פאַר איר...

פלעגט זי מיט די פינגער אויף דער וואַנט ציטערן, קלאַפּן, ווי זי וואָלט מיט אַ כוואַליע פון ליבע די וואַנט געוואָלט באַגיסן.

ער האָט געהאָרכט דאָס געזאַנג פון אירע פינגער.

קום... וואַרט אויף מיר, מיין ליבער פויגל, איך פיל דיך, איך פיל דיך ווער דו ביסט, וואַרט, איך ברעך די וואַנט און קום צו דיר". אַזוי האָבן צוויי נשמות דורך אַ וואַנט זייער לעבן אויסגעזונגען...

---

און זי האָט זיך שוין געהאַט צו געוווינט צו אים. נישט געוווּסט וואָס ער איז, ווער ער איז — צי איז ער אַ יונגער אָדער אַן אַלטער, צי האָט ער אַ ווייב, צי ער האָט אַ קינד — זי האָט נאָר געוווּסט, אַז עס איז הינטער דער וואַנט דאָ אַ נשמה, וואָס בענקט נאָך איר, און אַז אירע בענקט נאָך יענער נשמה. זי האָט געפילט דאָס האַרץ, וואָס קלאַפּט פאַר אירעטוועגן דאָרט הינטער דער שטומער, שווייגנדיקער וואַנט.

איז עס נאַכט געוואָרן, האָט זי זיך אויף דער ערד געבן דער וואַנט אַנידערגעזעצט, אָנגעקלאַפּט מיט דער האַנט, צי זיצט ער אויף יענער זייט וואַנט אויף דעם זעלבן אָרט. אַזוי זענען זיי ביידע געזעסן שעהן־לאַנג. ער האָט איר דורך דער וואַנט לידער מיט פינגער־קלאַפּן געזונגען. ער האָט איר פון זיין ליבע דערציילט. ער האָט זי געטרייסט, ער האָט איר ווערטער געזאָגט, טיפע ווערטער און ערנסטע ווערטער. זי האָט נישט פאַרשטאַנען — נאָר געפילט האָט זי זיין האַרץ און זיין נשמה אין זיין פינגער־קלאַפּן, פלעגט זי דעם קאָפּ שוואַך אויף דער וואַנט אָנלעגן, ווי זי וואָלט געוואָלט אין זיין שוים פאַלן, אָדער שטיל, פאַמעלעך שטיל אַ מאָטיוו מיט אירע לייכטע שוועבנדע פינגער דורך דער וואַנט אויס־קלאַפּן. דערנאָך פלעגט איר עפּעס אַזוי גוט ווערן אויף דער נשמה, אַז זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פאָדלאָגע און אָנגעהויבן אַרויף און אַראָפּ צו גיין איבערן צימערל — אַ ליד אויסצוטאַנצן מיט אירע פוס־טרעטן.

און דאָס גאַנצע גרויסע גרויזאַמע הויז האָט דענסטמאָל געפֿילט די ריי־נע נשמה, וואָס לעבט אין זיינע מויערן. יעדער פּאָלימישער באַזונדער האָט אירע טריט געציילט, און עס האָט זיך אים אויסגעזונגען דאָס, וואָס עס זינגט זיך איר איצט...

---

פֿלוצלינג איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט געמאַכט ציטערן דאָס גאַנצע גרויזאַמע, שוואַרצע הויז.

פֿון דער שיין פֿון זיין קליין פֿענצטערל האָט אַ פּאָלימישער געזען, ווי מען בויט אַ תליה אויף דעם בערגל פֿאַר דער טורמע. אין אַ שטילער שוואַרצער נאַכט האָט אַ שטיל פֿינגער־קלאַפּן געברומט אין טורמע אַ גאַנצע נאַכט, ווי איינזאַמע, פֿאַרלאָזטע טראָפּנס רעגן וואָלטן געבלאָנ־דזשעט אין אַ רינגע. דאָס האָט איין פּאָלימישער דעם צווייטן צו וויסן גע־געבן: „מען בויט אַ תליה“, און דאָס גאַנצע גרויזאַמע שרעקלעכע הויז האָט געציטערט אין דער נאַכט פֿון דעם וואָרט „תליה“.

צוערשט איז געוואָרן אַ געקלאַפּעריי, איין וואַנט מיט דער צווייטער, אויבן מיט אונטן. איינער האָט דעם צווייטן צו וויסן געגעבן, עצות געגעבן, געטרייסט זיך, געזעגנט זיך. און פֿון דעם שטילן טרויעריקן פֿינגער־קלאַ־פּן אין דער טרויעריקער נאַכט האָט זיך געדאַכט, אַז דער מלאך־המות קלאַפּט אָן מיט זיינע שוואַרצע פֿליגלען אין דער וואַנט. באַלד אָבער דע־רויף איז שטיל געוואָרן אין גאַנצן הויז, ווי דאָס גאַנצע הויז וואָלט אויס־געשטאָרבן. יעדער אַרעסטירטער האָט זיך געוואָרפֿן אין זיין ווינקל אַריין, געמאַכט אַ חשבון הנפש מיט זיך אַליין און געוואַרט אויף דעם מלאך־המות, וואָס זאָל קומען נאָך אים...

אין יענער נאַכט האָט זיך זיין פֿינגער־קלאַפּן געענדערט. זיינע פֿינ־גער האָבן געציטערט, ער האָט איר דורך דער וואַנט עפּעס געזאָגט; זי האָט געפֿילט, אַז ער האָט איר עפּעס צו זאָגן, זיין פֿינגער־קלאַפּן האָט זיך עפּעס געבעטן... געבעטן און געטרייסט און געוואָרנט עפּעס. און שטיל איז געוואָרן זיין פֿינגער־קלאַפּן, עפּעס מיט האַרץ־ציטערניש. זי האָט גע־פֿילט, ווי ער לעגט אָן דאָס פּנים אָן דער וואַנט, קלאַפּט מיט זיין שטערן אָן דער וואַנט... קושט די וואַנט... שפּרייט אויס די אָרעמס אויף דער וואַנט... באַלד דערויף איז ער שטיל געוואָרן. נאָר ווייטער האָט זיך גע־הערט, ווי ער פֿאַלט אויף דער וואַנט, בייסט די וואַנט מיט די ציין, ראַצט

זי... עפּעס וויל ער, עפּעס האָט ער איר א סוד צו פארטרויען, נאָר וואָס האָט זי נישט פארשטאנען...

---

שטיל און טרויעריק איז געווען די נאכט. אין דרויסן האָט א ווינט געוויינט. עס האָט געמוזט אין דרויסן אַ געוויטער זיין, נאָר אינעווייניק אין דער טורמע האָט מען נישט געהערט. פון צייט צו צייט האָט זיך פון גאַנץ ווייט אָפּגערופן א ווידערקלאנג ווי פון א פריצייטיק אויסגייענדיקן דונער. אַ ווינט האָט זיך געריסן פון דאַך, פון די קליינע אייזערנע לעדנדלעך, וואָס זענען פאר די פענצטער פון דאַך־טורמע, און געטשעפּעט זיך אין די אייזערנע שטאכעטן.

אין איר צימערל איז פינצטער געווען און שטיל געווען, זי האָט אייניקע מאָל געפּרווט אָנקלאפּן ביי אים. נאָר ער אינעווייניק — ווי ער וואָלט זיך מיט איר אַ ברוגז געמאַכט — ענטפערט נישט. איז זי אויך ברוגז געוואָרן און האָט זיך אויף איר בעט געלייגט. שלאָפן האָט זי נישט געקאָנט — איר איז טרויעריק און אומעטיק געוואָרן. זי האָט געוואָלט אייניקע מאָל צוגיין צו דער וואנט אָנקלאפּן, נאָר זי האָט געווארט ביז ער וועט דאָס צוערשט טאָן. דערנאָך איז אין טורמע אזוי שטיל געוואָרן. מען האָט קיין פינגער־קלאַפּן נישט געהערט, נישט דעם מינדסטן גערויש, נאָר פון א גאַנץ ווייט אָרט האָבן זיך געהערט איינזאמע שטילע טריט פון אַ וואַכנדן אויף און אָפּ. אויף איר איז אָנגעפאַלן אַ שרעק, דער ווינט וויינט אין דרויסן... זי איז אראָפּ פון איר בעט, צו צו דער וואנט, אָנגעקלאפּט אין דער וואנט — ער ענטפערט נישט. זי איז אין אנדער ווינקל אריין, געזוכט אין יענעם ווינקל, פון דאָרט שווייגט מען אויך. זי האָט דאָס אויער צוגעלייגט צו דער וואנט, איינהאָרכנדיק זיך, טיף איינהאָרכנדיק זיך — דערינען איז טויט שטיל. די שרעק איז אויף איר וואָס מער באַפאלן, דער ווינט וויינט אין דרויסן — האָט זי אָנגעהייבן זוכן ביי דער וואנט אין יעדן ווינקל, איינגעגראָבן דאָס פּנים אין דער וואנט און געבעטן זיך מיט אַ וויינענדיק, שלוכצענדיק קול: ענטפער מיר! ווער ביסטו? און ווי ביסטו? פארוואָס שווייגסטו?... וואָס איז מיט דיר געשען?... איך האָב מורא, וואָס שווייגסטו? ענטפער מיר!... ענטפער מיר!...

# די ערשטע זאַך

אלס א הקדמה

## פון דעם בוך „ערד"

עס איז געווען אַ טאָג, און איך בין נאָך דענסטמאָל אַ יונג קינד געווען. ריין געוואַשן זענען מיינע הענט געווען, אומשולדיק מיין נשמה, מיין האַרץ האָט נאָך פון שלעכטס נישט געוווּסט, מיין טאַטן האָב איך נישט געקענט, מיין מאַמע איז אוועק אין א פרעמד לאנד, און עס האָט מיך אָנגענומען א פארלאנג, צו קענען גאָט מיין באשעפער. איך בין אוועק אין פעלד, האָב ביים טייך זיך געזעצט און געוואַרט ביז נאכט.

און דער טאָג איז אוועק און עס איז נאכט געוואָרן. און פון הימל איז אַרויסגעפאַלן אַ וואָלקן און האָט צוגעדעקט די עקן פון דער ערד. און א טוי-רויך האָט פון וואסער זיך אָויפגעהויבן און האָט זיך איבער די פעלדער געלייגט, דאן האָב איך מיינע אויגן צו דער אומענדלעכקייט געווענדעט, און מיין הארץ האָט א תפילה געבעטן אזוי:

„גאָט פון דער וועלט, טאטע פון אלעם לעבעדיקן און טויטן, באשעפער פון אַלעם, וואָס איז דאָ און נישט דאָ, וואָס אַלעס איז אין דיר און דו אין אלעס, לאָז מיך דיין געזיכט זען! איך בין פארלאָזט, איך האָב קיינעם נישט, נאָר דיך, מיין באשעפער, פון דיר בין איך געקומען, צו דיר גיי איך צוריק. מיין שיפל איז מיר אָפּגעשווומען אין טיפן ים, און איך בין איבערגעבליבן אליין אויפן ברעג און האָב נישט מער, ווי דיין הימל, וואָס דעקט מיך צו, און דיין ערד, וואָס האַלט מיך אויף. און איך בין נאָך יונג און דארף א פאָטער, וואָס זאָל מיך ביי דער האנט פירן, און דארף אַ מאַמען, וואָס זאָל מיר די טרערן פון באַק ווישן".

דאָס אַלעס האָב איך אין מיין האַרץ געזאָגט, אָבער מיינע ליפּן האָבן געשוויגן, און מיך האָט איינגעהילט אין זיך דער סוד פון הער נאַכט,

און זיכער האָב איך מיין קאָפּ אויף דער ערד אנידערגעלייגט, און עס איז מיר געווען, ווי איך וואָלט אויף דער מאמעס ברוסט איינגעשלאָפן.

איך ליג נאָך אין טרוים און איך דערהער פּלוצלונג א שטים און איך קלאנג איז ווי דאָס געזאנג פון א הארפע, וואָס ווערט געוואשן אין די כוואליעס פון די טייכן, און וואָס איז אויסגעוועבט מיט דעם ריח פון די סאַמעט-רויזן, און קומט צו ציען פון טיפן וואלד.

— מיין רחמנות אויף דיר, מיין רחמנות אויף דיר, מיין קינד! — און עס איז מיר געווען, ווי א מאמע וואָלט מיר די האָר געגלעט און ווי א שוועסטער וואָלט מיר א ליד פון דער היים געזונגען.

און עס איז געווען, אז איך האָב מיינע אויגן געעפנט, האָב איך געזען, א פרויען־צימער איז פאר מיר שטיין געבליבן, און זי איז נאקעט און באָרוועס.

אירע ברוסטן זענען פול און באהאלטן אין די זאנגען פון פעלד, און איר קאָפּ איז באפוצט מיט די פרוכטן פון דער ערד, און איר שאנד איז צוגעדעקט מיט די בלעטער פון פייגנבוים.

אין אירע הענט האלט זי די ווינטן פון דער וועלט, און אירע פיס זענען ווי איינגעפלאנצט אין דער ערד, און איר געשטאלט איז געגליכן צו א בוים פון דער ערד, און אז זי האָט א ריר געטאָן מיט אירע הענט, זענען זיי געגליכן געווען ווי די ליליען אין וואסער, און אז דער ווינט האָט אין אירע האָר געבלאָזן, זענען זיי געגליכן געווען צו די בלעטערדיקע צווייגן פון דעם ווייערזשבע־בוים.

און זי איז בלינד און קומט פארהילט אין שאָטן פון דער נאכט.

און עס איז געווען, אז זי האָט זיך דערנעענטערט צו מיר, האָב איך מיין פּנים פארבאָרגן אין דער אויבערפלאך פון דער ערד און האָב געפרעגט: „ווער ביסטו?"

זי האָט מיר אָפּגעענטפערט: „איך בין דער גאָט, נאָך וועלכן דו האסט גערופן, איך בין די מוטער פון שאפונג, דאָס פרוכטבארע, וואָס שאפט פון דער אומענדלעכקייט צו דער אומענדלעכקייט, קיינער האָט מיר ביי מיין ארויסגאנג קיין געזעץ נישט געגעבן, קיינער האָט מיר צו מיין ענדיקן קיין גרענעץ געשטעלט, קיינער ווייסט נישט, ווען איך בין געוואָרן, קיינער ווייסט נישט, ווען עס וועט ווערן א סוף צו מיין ווערן. איך בין דאָס שאפן פון אלעם לעבעדיקן, און מיין נאָמען איז „דאָס זיין". דיין תפילה האָב איך געהערט, און בין געקומען צו דיר, ווייל דו האסט מיך גערופן!"

און עס איז געווען, אין מיין רעדן מיט איר, האָט א בלאָז געטאָן אויף מיר א ווינט, וואָס א פרילינג=געשמאק איז אין זיינע וועלן אויפבאהאלטן, און א פייכטקייט איז אין אים און א צערטלעכקייט, און עס האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויף מיר א וואָלקן פון טוי, ווי דער טוי אויף פעלדער, וועלכער שטייגט פון וואַסער אַרויס, איידער די זון גייט אויף, און ער האָט געשמעקט, ווי דער פרימאָרגן אין וואלד אין פרילינג=צייט, ווי דאס וואַסער, וואָס קומט צו גיסן פון שטיינערנע קוואַלן, ווי דער קוש פון אַ כלה אין דער נאַכט פון איר חתונה, און עס איז מיר, ווי אַ נייע בלוט וואָלט אין מיינע אָדערן גערונען, און א קרעפטיקייט האָט דערפילט דעם מארך פון מיינע ביינער, און א ליכט איז געפאלן אויף מיינע אויגן, איך האָב אויפגעעפנט מיינע אויגן און האָב געזען, די ערד איז ברייט און לאנג ווי די אויסשפרייטונג פון הימל, און די וואָרצלען פון אלץ, וואָס וואקסט זענען אין אירע טיפענישן איינגעפלאנצט, און יעדעס בלימעלע און יעדעס גרעזעלע טוט דאָס מיילעכל עפענען, די חיונה אין זיך איינצוציען, און יעדעס גרעזעלע, און יעדעס שפּראָצנדע און וואקסנדע גאָנץ זיין זאפט פון דער ערד. און עס זענען געקומען צו פליען די פייגל פון לאנד און האָבן זיך באהעפט מיט די בלומען פון דער ערד. און איינס האָט געלעבט פון צווייטן. און זי האָט געזאָגט צו מיר אַזוי:

— צו אנדערע געטער האָט איר זיך געטאָן קערן, און גאָט אייער באשעפער האָט איר נישט דערקענט.

וואָרום וואָס איז דען דער מענטש, אז נישט איינס פון מיינע שאפונגען, וואָס ציט חיונה פון דער ערד און קומט פון איר און גייט צוריק צו איר, נאָך דער צייט פון זיינע יאָרן.

איז ער דען נישט דער ברודער פון בוים? — און ווי דאָס גראָז אין פעלד איז ער דען נישט געגליכן, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין דער ערד אריינגעפלאנצט, וואָס קומט פון איר און גייט צו איר".

און איר האָט זיך געטאָן צו די הימלען ווענדן. צו די שטערן האָט איר די אויגן דערהויבן, צו דעם וואָס איז אין דער הויך פון אייך און איז פרעמד פון אייך. דיינע אויגן האָט געדייצט דער הימל=שיין, און דיין הארץ האָט געצויגן דאָס וואָס איז פון דער הויך פון דיר.

אזוי טוט גאָט זאָגן: דער הימל, דער הימל — צו גאָט, און די ערד, די ערד האָב איך צו די מענטשן געגעבן.

און איר האָט געטאָן ריכטן מיין ערד מיט אַ פרעמד געריכט, און איר האָט געטאָן פירן מיין וועלט מיט א פרעמדן אמת.

וואָרום נישט דעם הימלס גערעכטיקייט איז די גערעכטיקייט פון דער ערד, און נישט דער אמת פון די הימלען איז דער אמת פון די קינדער פון דער ערד.

און איר האָט זיך געטאָן ווענדן צו א פרעמדן גאָט, צום גאָט פון הימל, צו א גאָט, וואָס האָט אייך נישט געקענט און אייער תפילה נישט געהערט.

און עס איז געווען, אז איר האָט רעגן געדאַרפט, האָט ער אייך ווינט געשיקט. דעם גוטן האָט ער שלעכטס געטאָן און דעם שלעכטן האָט ער גוטס געטאָן. וואָרום נישט דאָס גוטס פון הימל איז די גוטסקייט פון דער ערד און נישט דאָס שלעכטע פון הימל איז דאָס שלעכטע פון דער ערד. איר האָט נביאות געזאָגט אין דעם נאָמען פון די געטער פון הימל, און אייער נביאות איז נישט מקוים געוואָרן, וואָרום פרעמד זענען זיי געווען דעם גאָט פון דער ערד און צו דעם מענטשן פון דער ערד.

זיי האָבן נביאות געזאָגט אין די נעמען פון די געטער פון הימל. דיך זאָלב איך פאר א נביא צום גאָט פון דער ערד!

דערהערנדיק אזוינס, האָב איך מיך געווענדעט צו איר און האָב אזוי געזאָגט:

איך בין נאָך יונג און קיינער קען מיך נישט, און קיינער האָט פון מיין נאָמען נישט געהערט, און עס וועט זיין, אַז איך וועל צו די ברידער פון מיין לאַנד קומען און זאָגן צו זיי אין דעם נאָמען פון אַ גאָט, וואָס זיי האָבן פון אים ביז איצט נישט געהערט, וועלן זיי זאָגן: „נאָר ליגנט, ליגנט זאָגט דער יונג!“

„אז עס איז טאקע אמת, אז גאָט האָט זיך צו אים באוויזן, זאָל ער אונדז זיין צייכן ווייזן, כדי מיר זאָלן זען און גלויבן, אזוי ווי אין די נביאים פון די געטער“.

און עס האָט זיך דערהערט איר שטים, און זי האָט געקלונגען ווי מיטן וואסער געשוועמען און האָט געשמעקט, ווי מיטן בלומען־ריח געבלאָזן.

— נישט דער גאָט פון די הימלען איז דיין גאָט פון דער ערד, און נישט ווי די נביאים פון די הימלישע געטער איז דער נביא פון דעם גאָט פון דער ערד.

נישט ווען די זון גייט אונטער אין מיטן טאָג איז דער צייכן פון דיין גאָט — דער צייכן פון דיין גאָט איז דאָס געוויינלעכע.

נישט די מאנדלען, וואָס וואקסן אויף דעם שטעקן אין מענטשנס

האנט, איז דער צייכן פון דיין גאָט, נאָר די מאנדלען, וואָס וואקסן אויפן צווייג, וואָס דער וואָרצל פון זיין בוים איז אין דער ערד איינגעפלאנצט.

גישט ווען די זון גייט אונטער אין מיטן טאָג איז דער צייכן פון דיין גאָט נאָר דאָס, וואָס אין זומער שיינט די זון, און ווינטער גיסט דער רעגן, איז דער צייכן פון דיין גאָט.

ווארום אלעס, וואָס גאָט האָט באשאפן, האָט ער צום גוטן באשאפן: מיין צייכן איז „דאָס זיין“!

און עס איז געווען, אז גאָט מיין באשעפער האָט געענדיקט צו רעדן, און א טוי איז אויפגעגאנגען פון די פעלדער פון לאנד און האָט אָנגעטרונקען אלעס בליענדע און וואקסנדע, איז גאָט, מיין גאָט פארהילט געוואָרן אין דעם טוי־וואָלקן, וואָס האָט גערוט אין די עקן פון לאנד.

און די זון איז ארויסגעגאנגען צו באלויכטן די וועלט, און די ערד האָט זיך דערוואכט צו איר ארבעט.

# ע ר ד

דאָס שטיק ערד פון וועלכן איך וויל דערציילן, איז געלעגן אויסגעצויגן פון יענער זייט דאָמבראָווער גרויסע וועלדער ביים ברעג פון דער ווייסל. די הויכע סאָסנעס וואָס זענען געשטאַנען ווי אַלטע גרויסע מלכים, מיט זייערע קרוינען אויף די קעפ און האָבן מיט זייער הויך איבערגעשטיגן איינער די צווייטע אין ווייטן, ווייטן וואַלד אַריין, האָבן פון דער ערד דורך דורות און דורות אויסגעטרונקען איר פעטקייט און פייכטקייט און זי איבערגעלאָזט טרוקן און זאַמדיק ווי אַ סוכאָטנימשע אויסגעזויגענע ברוסט פון אַ דאַרער מוטער, און זי האָט אויסגעצויגן מיט איר טונקעלן טרוקענעם זאַמד־רוקן, אונטער דעם העלן לויכטנדן הימל, וואָס האָט איצט אין פרילינג־צייט באַגאָסן אַלעס אַרום מיט לייכטנדע יונגע שטראַלן. די יונגע שטראַלן האָבן דערפילט דעם שטח מיט אַ לעבנס־לוסט וואָס האָט געוועקט צום שאַפן, נאָר די לייכטנדע פול מיט קראַפט אָנגעטרונקענע שטראַלן האָבן ווי יונגע חתנים־בחורים איבערגעלויכטן זיך איבער דער ערד, און האָבן נישט געפונען קיין כלה צו דער חתונה. בחינם האָבן זיי געוועקט פון דער ערד דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קערנדל, וואָס דער ווינט האָט עס אַהער געבראַכט פון פעטע פעלדער, די ערד האָט קיין גרינס נישט אַרויסגעצויגן און האָט זיך שוין יאָ דאָ און דאָרט דורך דעם זאַמד גרינגע קנאָספּן־שפּראָצעכץ געוויזן, איז עס פריצייטיק פון זאַמד און שטויב פאַרטריקנט און אויסגעגעסן געוואָרן, און דאָס גאַנצע שטיק לאַנד אויסגעצויגן אַרום ברעג פון ווייסל איז געווען ווי אַן אומנוצלעכע שמאַטע, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פון דעם הויכן רוישנדן וואַלד, פאַרשעמט פון גאָט און לייט.

זי האָט נישט צוריקגעגעבן דעם פויער, איר באַלעבאָס, די מאָס ווייצן, וואָס ער האָט באַדאַרפט אַרויסנעמען פון איר, זיין אַרבעט און די קערנדלעך, וואָס ער האָט אין איר אַריינגעלייגט. האָט ער זי באַשטימט פאַר דעם אָרעמען קאַרטאָפל און פאַרן אָרעמען ברויט, וואָס זי האָט אים

אָפּגעגעבן צוריק פאר זיין פראצע מיט זייער א קארגער האנט. טאָקע דאָס שטרוי איז געווען קליין און שיטער, און די קערנדלעך אַזוי מאָגער דאר, אז עס האָט נישט געלוינט זיי פון דער פלעווע ארויסצוהאקן — נאָר דאָך איז עס געווען גאָטס ערד, און זי צו פארשעמען איבערצולאָזן נישט באַארבעט — וואָלט געווען א זינד פאר גאָט.

איז ער אַרעם געווען, דער פויער פון דער ערד און האָט איבערגעטראָגן זיין ארעמקייט מיט אונטערטעניקייט און געדולד. זיינע קינדער ווי זיינע פי האָבן זיך אים נישט געכאָוועט, זיי זענען אים געבוירן געוואָרן ווי די ערד, סוכאָטניקעס, אָדער זיי זענען פריצייטיק געשטאָרבן. צי פאר הונגער און דחקות, צי איבער דער קללה — דאָס שטיק לאנד איז עפּעס איבער א פארבאָרגענער געהיימניספולער זינד געוואָרן פארשאָלטן, ווי די פויערים האָבן געגלויבט — נאָר אפילו די וואָס זענען יאָ געבליבן ביים לעבן, און ווי דאָרט זיך געקאָנט דורכשטופּן און דערוואקסן, האָט די סוכאָטנימשע ערד אויך נישט געקאָנט זיי מפרנס זיין און דערהאלטן. דאָס פי ווי די מענטשן, כאָטש זיי זענען קליינוויקסיק געווען, האָבן זיי זי געמוזט פארלאָזן אין דער יוגנט און פירן זייערע הענט אויף אנדערע פעלדער, וצו פרעמדע פעלקער, איבער דער דייטשישער גרענעץ, אָדער אויף יענער זייט ים, אין וויטן בראַזיליע.

און געהאלטן האָבן זיך נאָר אויף איר די פון אירע קינדער, וועלכע האָבן נישט געקלערט — און נישט געוווסט, אז עס איז ערגעץ אנדערשוו דאָ אנדערע ערד, וועלכע באצאָלט בעסער און רייכער פאר דער ארבעט און ווייצן, וואָס מען לייגט אריין אין איר; די פון אירע קינדער, וועלכע עס האָט זיך געדאכט, אז זיי זענען באשאפן געוואָרן פאר איר, אָנגעוואקסן אין איר, און מוזן אריבערטראָגן מיט איר צוזאמען איר אָרעמקייט און טרוקנקייט.

האָבן זיי זיך געהאלטן אין איר, און איר צוריקגעגעבן די קראפט און פראצע, וואָס זיי האָבן גענומען פון איר ביסל בידנע חיונה, פון איר לופט, פון אירע אָרעמע פרוכטן, און נאָך דער צייט פון זייערע יאָרן זיך איינגעגראָבן אין איר, און זייערע לייבער אויסגעמישט מיט איר שטויב און זאמד, און נישט איינמאָל האָט א פויער געפונען ביים אקערן מיטן אייזן אין דער ערד דאָס שיידל פון זיין עלטערזיידן, וואָס זיין קערפּער איז שוין לאנג געוואָרן א חלק פון דער ערד.

---

אויף אַ שייד=וועג אין אַ ווינקל פון דעם שטיק לאַנד, איז געשטאַנען אַן אַלטער האַלב=איינגעזונקענער צלם. דער צלם מיט דעם קריסטוס, וואָס איז געווען אויף אים, האָבן פאַרשפּרייט זייערע אַלטע מיט מאָך באַוואַקסענע הענט איבער די צוויי זייטן וועגן און האָבן געזאָלט, אַזוי ווי מען האָט אויף זיי אָנגעשריבן, אָפּהיטן די געגנט פון הונגער, פייער און מלחמה. דער צלם מיט דעם קריסטוס=בילד, וואָס זייַנע הענט און פיס זענען געווען צוגעשלאָגן צום קרייץ — זענען אַזוי אַלט געווען, אַזוי אָפּגעלאָזן און מיט מאָך באַוואַקסן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען אַזוי ווי דער אַלטער אויסגעלעכערטער און מיט דונערס דורכגעברענטער בוים, וואָס איז געשטאַנען הינטער זיי — אַז זיי זענען אויך אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, האָבן אַמאָל געבליט, צווייגן און בלעטער געהאַט, נאָר פאַר אַלטקייט זענען זיי אַזוי אויסגעדאַרט און טונקל געוואָרן, און מיט מאָך באַוואַקסן און נייגן זיך צו דער ערד.

אויף יעדן מאַי=יום=טוב האָבן די קינדער פון דאָרף דעם צלם מיט בלימלעך באַפּוצט, ריכטיקע פעלד=בלימלעך, גאָטס אַרבעט וואָס זיי האָבן ערשט פון ביימער אין פעלד אָפּגעריסן, און פּאַפּירענע, זייערע הענט=אַרבעט. נאָר די בלימלעך האָבן זיך אויסגעמישט. מען האָט נישט געווסט וועלכע עס זענען פעלד=בלימלעך און וועלכע זענען פּאַפּיר=בלימלעך. ס'האָבן ליכטלעך געברענט פאַר דער הייליקער מאַמעס בילד, וואָס איז געווען אַריינגעוואַקסן אין בוים אַריין, האָבן דעם צלם מיט ביימעלעך וואַלד=קזשאַקעס אַרומגעזעצט, מיט זאַמד אויסגעשיט און אַ ווייס טישטעך פאַר דעם צלם אויפגעהאָנגען, האָבן ווי קינדער זייער גאָטס שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן וועג אונטערן פרייען הימל אָן אַ דאַך, אָן אַ וואַנט, אויסגעפּוצט און אויסגעצירט, און דאָרף=גויעס האָבן זיך יעדן אויפדערנאַכט אין גאַנצן חודש מאַי אונטער דעם קרייץ, צווישן די אַריינגעשטעלטע ביימלעך אַרונטערגעקליבן און אַלע, ווי מענער און ווייבער, ווי ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן פון די ביכער, מיט די ליכט באַלויכטן, הייליקע לידער אין דער נאַכט אַריין געזונגען.

אין איינע פון אַזעלכע מאַי=נעכט האָבן זיך די גויים פון דעם דאָרף צונויפגענומען מיט די ליכטער און די געבעט=ביכער אין די הענט אַרום דעם קרייץ און האָבן אָפּגעריכט זייער מאַי=געבעט. די פּויערים זענען זייער באַטריבט געווען, עס איז שוין געווען אין שפּעטן מאַי, ווען אַנדערש=ווו האָבן שוין געמוזט די פעלדער אינגאַנצן באַקליידט זיין מיט גרינס, דער ווייץ און דער קאָרן האָט שוין באַדאַרפט אין דער הויך צו

שטיין, און דאָ נאָכן אקערן — אזוי ווי דער ווינט האָט אָנגעטראָגן דעם
שטויב, באַהויכט די ערד — אַזוי איז עס געווען איצט. מאַקע דאָ און
דאָרט האָט זיך גענרינט קאָרן, די קארטאָפל האָבן בלעטלעך ארויסגע=
געבן, עס וואָלט אפשר דאָס היי=יאָר בעסער געווען ווי אַן אַנדערש מאָל,
נאָר וואָס קומט ארויס — קיין רעגן איז נישטאָ. די ערד איז טרוקן, צי=
זאמענגעבאקן פון דער זון, וואָס האָט שוין היי=יאָר אין מיטן פרילינג
היים געוואָרעמט. די ערד שפּאַלט זיך און דער שטויב לייגט זיך אויפן
גרינס. דער גלח אין דער קירכע פון נאָענטן שטעטל האָט שוין אייניקע
געבעטן אָפּגעריכט אויף רעגן, נאָר דער רעגן ווייזט זיך נישט. יעדן פאַר=
נאכט קוקן די פויערים אויף דער רויט=אונטערגייענדיקער זון, וואָס לאָזט
זיך אין טיפן וואלד אריין, זוכן צייכנס אויב עס וועט מאָרגן זיין רעגן
— געפינען אָבער קיינע נישט. די טעג זענען וואַרעם, די נעכט זענען
שוואַרץ, מיט שטערן איז דער הימל באַדעקט, און די זון גייט יעדן טאָג
גליענדיק אונטער, באַלייכט דעם גאַנצן וואלד און דיביימער נייגן זייערע
קעפּ צו דער רויט=אונטערגייענדיקער זון. האָבן די גויים דאָס מאָל זייער
געבעט אָפּגעריכט מיט צעבראָכענע הערצער, און זייערע שטימען זענען
געווען זייער רירנדיק. אין די ווייבערישע שטימען האָבן זיך טרערן גע=
הערט, און די מענער=שטימען זענען געווען האַרט, רוי, נאָר דאָך האָט זיך
אין זיי א קלאָגן געהערט. זיי האָבן זיך נישט געהאַלטן אין טאַקט, נישט
מיטגעזונגען, נאָר האָבן געשריגן, רוי געשריגן די ווערטער איז דער שטי=
לער טונקעלער נאַכט אַריין, וואָס האָט אַרומגעהאָרכט אַרום דעם גאַנצן,
גאַנצן שטח. דער וואַלד איז שוואַרץ געווען אין זיך איינגעהילט, געטוליעט
זיך צו זיך, יעדער בוים איז געשטאַנען פאַר זיך, ווי אַליין אין זיין סוד
באַהאַלטן און געמאַכט דעם איינדרוק ווי א שוואַך אומבאַהילפיק קינד,
וואָס מען האָט עס אַנידערגעשטעלט און עס ווייסט נישט ווי צו דער מא=
מען אהיים צו גיין. נאָך די קעפּ אין דער הויך האָבן זיך אויסגעמישט,
באַהאַלטן זיך אינאיינעם און פאַרלוירן געוואָרן אין דער שוואַרצער
נאַכט. שטיל איז געווען אַרום, נאָר אַ שטיל טיף געדויש האָט זיך געהערט
אין טיפן וואַלד — ווי דאָס וואָלט אויסגעזאָגט פון דעם טיפן שרעקלעכן
געהיימניס. וואָס טוט זיך איצט אין וואַלד אָפּ... דאָס שטילע גערויש האָט
געוואָרפן אַ שרעק אויף די קינדער, וואָס די גויים האָבן מיטגענומען צום
צלם. די קינדער האָבן אַרומגעקניט און זיך איינגעטוליעט צום צלם צו.
צווערשט האָבן זיך געהערט זייערע קינדער=שטימען מיטזינגען די לידער.
דערנאָך, ווען די נאַכט איז שוואַרץ געוואָרן, דאָס ביסל רויטלעכקייט איז

פאַרטרונקענע געוואָרן אין טיפן וואלד, און פון וואַלד האָט זיך דערהערט דאָס שטילע געוויש — זענען זיי שטיל געוואָרן, נאָר ענגער נאָך צוגעטוליעט זיך צום קרייץ צו... זייערע ליפּן האָבן אין דער שטיל געברומט „טאַטע אונדזער“... דאָס ליכט, וואָס האָט זיך געברענט אַרום קרייץ, און די עלטערנס שטימען, וואָס האָבן איצט שוין נישט מער געזונגען, נאָר געשריגן, האַרצרייסנד געשריגן, קלאָגנדיק זיך, האָט אויף זיי אַזאַ שרעק געוואָרפן, אַז זיי זענען איינגעשלאָפן, איינס צוגעטוליעט צום צווייטן, און מיט די הענט ארומגענומען דאָס האַלץ פון קרייץ. די סובאָטניטשע ערד, וואָס האָט זיך איצט איינגעגאָרעט און, איינגעקאָרטשעט זיך אין דער שוואַרצער נאַכט אריין, איז געלעגן אויסגעצויגן אַרום דעם שוואַרץגעהילטן וואַלד, אַרום דעם טיף, אין סוד איינגעזונקענעם וואַסער און האָט זיך איינגעהאָרכט צו די געשרייען, און האָט זיך צוגעקוקט צו די ליכטלעך, וועלכע לייכטן זיך פון קרייץ אַהער, און צו די שוואַרצע שאָטנס פון די פויערים, וועלכע ליגן ארום דעם קרייץ, איינגעהאָרכט און ציגעזען אלץ און געוווסט, אז איבער איר זענען די געשרייען, וואָס רייסן זיך אין דער נאכט אריין, און ווי א קאפריזנע, שלעכטע מאמע איז זי געלעגן, „איך וועל נישט בעסער ווערן“.

נישט ווייט פון צלם, אָפּגערוקט פון די קינדער, אָפּגערוקט פון די פויערים, איז געלעגן אויף דער ערד איינגעגאָרעט א מין באשעפעניש, וואָס האָט געמאכט דעם איינדרוק אין דער נאכט ווי א משוגענער הינט, וואָס קוקט אוים אויף וועמען אָנצופאַלן און בייסן, אַזוי האָט דאָס באַשעפעניש אַריינגעגלאצט אין דער נאַכט אַריין, מיט זיינע צוויי שוואַרצע גלאַנצנדיקע אויגן, וואָס זענען געווען אומרואיק, געוואָרפן זיך און געמיאַוטשעט, עס האָט געבילט, אומפאַרשטענדלעכע געשרייען האָט עס געשריען, טיילמאָל מיט געבייזער, ווי אויף דער קופּע מענטשן געבילט, געוואָלט אָנפאלן אויף זיי, טיילמאָל פאר זיך אליין געשריגן, באקלאָגנדיק זיך אויף עפּעס... אָדער איינגעטוליעט דעם קאָפּ צו דער ערד, אין פאר דער ערד עפּעס געקלאָגט, געזאָגט, געוואָלט... טיילמאָל האָט עס זיך פון אָרט דערהויבן, צוגעלאָפן אויף אלע פיר, צום קרייץ צו, ווי געוואָלט זיך אויף וועמען ווארפן, מיאוטשענדיק עפּעס, נאָר באלד האָט עס זיך ווידער אַנידערגעלייגט פונדערווייטן, געלייגט זיך אויף אַלע פיר, צוגעקוקט זיך, דעם קאָפּ צו דער ערד צוגעבויגן און אָנגעהויבן צו קלאָגן מיט אזוי אַן אוממענטשלעך קול, אז עס האָט דאָס הארץ געשניטן... די פויערים האָבן דאָס באשעפעניש צוערשט נישט באמערקט, דערנאָך, ווען דער

אַלטער מאַרטשין האָט באַמערקט פֿונדערווייטנס זייַנע גלאַנצנדיקע אויגן, האָט ער אַ מינוט אויפֿגעהערט צו זינגען, אַרויסבאַווייַזנדיק דעם קאָפּ, האָט ער געזאָגט צו אַנטאָני גראַכאָוו:

— אַנטאָני, דייַן אומגליק דערנענט זיך.

אַ מינוט האָבן די גויים אויפֿגעהערט צו זינגען און געסטראַשעט פֿון דערווייַטנס דאָס באַשעפֿעניש.

— אַנטלויף, דערווייַטער זיך, דו אומגליק — און געצלמט זיך אייַנציִיטיק פֿאַרן הייליקן בילד: — הייליקע פֿרייַלין, דערבאַרעם דיך!

אַנטאָני האָט גענומען אַ ווײַטקע פֿון דער ערד, און פֿונדערווייַטנס געשאָקלט דערמיט צו דעם באַשעפֿעניש:

— צו דער סטאָדאָלע, צו דער סטאָדאָלע, דו פּאָקראַקע!

די אַנטאָניכע האָט זיך דערווייל געצלמט, און ווייַזנדיק אויף דעם באַשעפֿעניש האָט זי זיך געבעטן פֿאַרן הייליקן בילד, מיט טרערן אין די אויגן:

— הייליקע פֿרייַלין, דערבאַרעם דיך, און טרייַב פֿון אים אַרויס דעם שלעכטן גייסט, און נעם אים צו דיר אין הימל אַרייַן; באַשיץ אים אונטער דייַנע לייַכטנדע פֿליגל, הייליקע, הייליקע פֿרייַלין, קריסטוס הער!

דאָס באַשעפֿעניש איז אַלץ געלעגן אויף אַן אָרט און צוגעהאָרכט זיך ווי די גויים שרייַען אויף אים. די קינדער האָבן זיך אויף אַ מינוט אויפֿגעכאַפּט, דערזען די גלאַנצנדיקע אויגן, געשראָקן זיך, און גענומען זיך צוגעטוליעט צו די עלטערן.

— דאָס האָט דיך דער טייוול אַהער געשיקט, אַז דו זאָלסט אונדז אין אונדזער בעסטן שטערן — האָט אַ גוי זיך אָנגערופֿן פֿון דער חברה.

באַלד האָט זיך אַנטאָני דערנענטערט צו דעם באַשעפֿעניש, יאָגנדיק עס מיט דער צווייַג, און דאָס באַשעפֿעניש האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אַנטלאָפֿן און פֿאַרלוירן געוואָרן אין דער טונקעלער נאַכט אַרייַן.

באַלד דערויף האָבן די פּויערים זייער תּפֿילה געענדיקט, איבערגעלאָזט דעם קריסטוס אויפֿן צלם מיט דעם ליכטל, וואָס האָט געברענט פֿאַר אים אין מיטן דער נאַכט, און זענען זיך ווי שאָטנס צעגאַנגען.

אַנטאָני מיט דער אַנטאָניכע זענען אַהיימגעקומען אין זייער שטיבל אַרייַן, האָבן געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער קו מיטן קאַלב, וואָס זענען געשטאַנען אין הויז און זייערע פּיסקעס אין שטיבל דורכן לייטערל אַרייַנגעשטעקט. אַנטאָני איז אַרויסגעגאַנגען די לאָדן צומאַכן, די אַנטאָניכע האָט פֿון אינעווייניק דאָס אייזנדל אַרייַנגעשטעקט, דאָס שטיקל קין האָט

זיך אויפן אויוון געברענט. אנטאָני איז אריינגעקומען און אָנגעהויבן זיך אויסטאָן, האָט די אנטאָניכע געפרעגט דעם מאַן:

— עס ליגט הינטער דער שוועל?

— עס ליגט — האָט אנטאָן אָפגעענטפערט.

די אנטאָניכע האָט אַ שטיק ברויט אָפגעשניטן פון דעם שוואַרץ ראָזעוואַנע לעבל, א שפאַלט פון דער טיר אויפגעעפנט, און הויז ארויסגעוואָרפן.

— נא, האָסטו, מיין אומגליק.

דאָס באַשעפעניש, וואָס איז הינטער דער טיר געלעגן, האָט דאָס שטיק ברויט געכאַפּט. די אנטאָניכע האָט דאָס קינדל פארלאָשן און זיך אין בעט צום מאַן געלייגט שלאָפן.

---

דאָס באַשעפעניש, וואָס איז איצט געלעגן אויף דער שוועל פון אַנטאָנים כאַלופע, און וועלכער עס האָט זיך געפונען זיין קו מיטן קאַלב, און קרישנדיק דאָס הארטע שטיק ברויט, האָט עס זיך איינגעהילט אין דער גרויסער וועסט, וואָס האָט געטראָגן און געבלישטשעט מיט די צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן — האָט געהערט צו אנטאָניען מיט דער אנטאָניכע.

די סוכאָטניטשע ערד פלעגט פון צייט צו צייט ארויסוואַרפן פון זיך ווילדע מיני באַשעפענישן, קאַליקעס און אומגעוויינלעכע בעלי־מומים, סיי ביי מענטשן, סיי ביי פי, וואָס האָבן געהאַט פארשידענע מאָדנע פאַרמען, עס פלעגן געבוירן ווערן טיילמאָל פון א קו קעלבער מיט געשטאַלטן פון פארשידענע בהמות, אָדער פון דער ערד פלעגן ארויסוואַקסן פרוכטן, ענלעכע צו מענטשלעכע פאָרמען, קאַרטאָפל אין געשטאַלט פון קליינע פערדלעך, קעלבלעך, ווי לאַנגע אויסגעצויגענע טאָפּאָלן; מענטשלעכע קינדער מיט הינטישע פנימער, אָדער אין געשטאַלט פון קעלבער, וואָס פלעגן קריכן אויף אַלע פיר, און פלעגן בילן ווי הינט, מיאַוטשן ווי קעץ, און האָבן די איינגעשאַפטן פון חיות. די גויים האָבן געגלייבט ביים געבוירן ווערן פון אַזאַ מין באַשעפעניש, אז דאָס איז פון שטן, און דאָס איז די גאַנצע סיבה פון זייער אָרעמקייט, טרוקנקייט און פארשידענע קרענק. דאָס פי אין די אומגליקלעכע געשטאַלטן פלעגן זיי באַלד אונטערברענגען, אין וואַסער דערטרינקען, אין דער ערד איינגראָבן, אָדער טיילמאָל עס אין וואַלד אַריינפירן און ביי אַ געווויסער צערעמאָניע עס אין פייער פאַרברענען. די

מענטשלעכע באַשעפענישן אין אַזעלכע געשטאַלטן, ווען עס פליגט זיך טייל=
מאָל ווייזן, האָבן זיי געלאָזט אויסהונגערן ביז עס פלעגט אליין פון זיך
שטאַרבן, דערנאָך האָבן זיי דאָס ערגעץ אין דער ערד איינגעגראָבן, ווי
קיין מענטשנס פיס טרעטן נישט.

די אנטאָניכע האָט פאר א פאָר יאָר צוריק געבוירן אַזאַ מין באַשע=
פעניש — א קינד אין געשטאַלט פון א הינטל. עס איז געווען אינגאנצן
מיט האָר באַוואָקסן, קליינע שווארצע אויגן, וועלכע זענען טיף אין פלייש
געזעסן, לאַנגע אַראָפהענגענדיקע אויערן, שטום איז עס געווען, און
פלעגט ארויסלאָזן פון זיך קולות ענלעך צו הינטישן בילן. אין די ווינקלען
פלעגט עס קריכן, ליגן אויף אלע פיר און קוקן ווילד און אומהיימלעד
ערגעץ=ווו מיט די אויגן.

די גויים האָבן געגלויבט, אַז דאָס באַשעפעניש איז געקומען פון שטן,
און אזוי לאנג ווי דאָס לעבט איז עס גאָר דאָ שלעכט צו מאכן. אלע אומ=
גליקן, וואָס פלעגן פאסירן אין דאָרף האָט מען אָנגעלייגט אויף דעם באַ=
שעפעניש. האָט מען עס געטראָפן אויפן וועג, האָט מען דאָס אָנגענומען
פאר א שלעכטן צייכן; אז עס פלעגט זיך ווייזן ביי א געבעט, איז געווען
אַ צייכן, אז דער שטן האָט זיך ארייגעמישט. אין דאָרף האָט מען עס
געוואָלט אומטערברענגען, אויסהונגערן, די עלטערן האָבן עס פון קליינער=
הייט אָן פון שטוב דערווייטערט, און עס פלעגט זיך אין דאָרף ארומוואל=
גערן, נאָר וואָס די גויים האָבן נישט געטאָן דאָס באשעפעניש אונטער=
צוברענגען, האָט עס זיך דאָך געהאַלטן, אין דאָרף ארומגעלאָפן, געפרע=
סן אלץ וואָס עס האָט געפונען; דורך די אָפענע פענצטער, דורך די אָפע=
נע טירן אין די שטובן זיך ארייגעכאפט, אראָפגעשלעפט אלץ, וואָס עס
האָט געקאָנט, אָבלאַוועס פלעגט מען מאַכן אויף דעם באַשעפעניש, פאַר=
יאָגן עס אין וואַלד אַריין, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום זאַך,
אזוי ווי אויף להכעיס די גויים, האָט דאָס דער שטן געגומען אין זיין שוץ,
באשערט עס טאָג און טאָג זיין ביסל בידנע חיונה, פון וואָס עס האָט
זיך געדארפט דערנערן אום צו דערהאלטן זיין אומגליקלעך לעבן, צו
שאדן די מענטשן אין דעם דאָרף, און צו דער שאנד פון זיין מוטער, וואָס
דער שטן האָט זיך דערנענט צו איר, און פון זיך אַזאַ באַשעפעניש אַרויס=
געגעבן...

ביי טאָג האָט עס זיך אין דאָרף אויפגעהאלטן, הינטער יעדער טיר
געטשאַטעוועט, אויף די קינדער אָנגעפאלן, פאריאָגט זיי און דאָס ברויט
אוועקגענומען. און קוים האָט עס עפעס דערטאפט, פלעגט עס זיך באַ=

האַלטן הינטער אַ טרעפּ, הינטער אַ שטאַל, און אויפּפּרעסן דאָס וואָס עס האָט דערטאַפּט. קוים אָבער איז די נאַכט צוגעפאַלן, פלעגט עס פאר געוווינהייט אָנקומען פאַרן טויער פון זיין מוטערס שטיבל, זיך דרייען אהין און דרייען אהער, און ווי אַ הונט, וואָס מען לאָזט אים נישט אין שטוב אריין אין אַ רעגן, האָט עס הינטער דער טיר געבילט, געמיאַוטשעט, ביז דער פאָטער פלעגט אַרויסגיין דעם לאָדן צומאַכן, האָט ער עס אַריינגעלאָזט אין הויז אַריין ווו דאָס פּי איז געשטאַנען. די מוטער פלעגט דאַן אַ שטיק ברויט, אַ טעלער מיט איבערגעבליבן עסן הינטער דער טיר אַרויסשטעלן, און די טיר פאַרמאַכן נאָך זיך.

די מוטער, וועלכע האָט געהאַט נאָך קינדער, און האָט באַדאַרפט אינאיינעם מיט דער קו אין אַקער זיך איינשפּאַנען, אום די צוויי מאָרגעס ערד, וואָס איר מאַן האָט געהאַט, צו באַאַרבעטן, האָט נישט קיין צייט געהאַט זאָרגן, אָדער צו דענקען פון דעם באַשעפעניש. אַז זי פלעגט עס זען, אָדער מען האָט איר עפּעס דערציילט פון דעם, פלעגט זי די הענט פאַרשפרייטן פאַר דער הייליקער מאַריע, און בעטן אַז גאָט זאָל זיך אויף איר מרחם זיין, אַרויסטרייבן פון אים דעם גייסט און צונעמען אים צו זיך. נאָר אין די ווינטערדיקע נעכט, ווען דאָס באַשעפעניש איז געלעגן אין הויז, דער פראָסט אין דרויסן איז גרויס געווען, פלעגט זי אין דער שטיל ביינאַכט זיך אויפהייבן, ווען דער מאַן איז שוין געשלאָפן, די טיר עפענען און דאָס באַשעפעניש אין שטוב אַריינלאָזן, צוואַרפן אים אַ לאַכמאַנע, אַז ער זאָל זיך צודעקן, אַ שטיק ברויט אים צוואַרפן, אַז קיינער זעט נישט, אָדער אַ טעלער עסן. און ווען עס איז געווען דער בויךטיפוס אין דאָרף, קליינע קינדער זענען פיל געשטאָרבן, די גויים האָבן געזאָגט אַז עס איז פון אים, מעשה שטן, און האָבן אים דורכויס געוואָלט סמען, האָבן פאַר אים אַ קוכן אָפּגעבאַקן מיט סם און אים אונטערגעוואָרפן אַז ער זאָל עס אויפּפרעסן — איז זי געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצע נאַכט דאָס באַשעפעניש מיט אַ שטעקן אָפּגעהיט, און פון דעם אָרט, ווו דער קוכן איז געלעגן אים אַוועקגעיאָגט, ביז עס איז געקומען דער דאָרפס-סטראַזשניק מיטן סאָלטים און האָבן דעם קוכן צוגענומען און דאָס באַשעפעניש אויף אַ פּאָר טעג אין דער וואַך איינגעשלאָסן, ביז די גויים האָבן זיך באַרואיקט...

דער פאָטער האָט אויך וועגן דעם באַשעפעניש ווייניק געקלערט, האָט מיט דעם פערדל אַ גאַנצן טאָג האָלץ געפירט פון וואַלד צו דער זעג; ער האָט געוואָלט עס זאָל שטאַרבן, נאָר עס זאָל אַליין פון זיך שטאַרבן.

טויטן עס, ווי די פויערים האָבן געוואָלט, האָט ער נישט געקאָנט איבערטראָגן. דאָך ווען די גויים, בעת דער טיפוס-קרענק, האָבן דאָס סמען געוואָלט, האָט ער געוואָלט זיך באהאלטן אין וואלד, נישט געוואָלט אהיים גיין, און געשריגן, אז עס איז אים אלצאיינס, נאָר ווען ער האָט זיך אָנגעשיכורט, מיט די פויערים אין שנעק זיך געקריגט, אַז זיי האָבן אים פאָרגעוואָרפן מיטן באשעפעניש: — „דיין ווייב איז מיטן שטן געשלאָפן! כאָוועסט א בענקארט פון שטן אויף“ — פלעגט ער אהיימקומען, דאָס ווייב ביי די האָר כאפּן און שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ אריין:

— דו פאַרשאָלטענע! טייוואלים, געווינסטו, צום שאַנד פון די מענטשן.

זי פלעגט זיך ארויסרייסן פון אים, באהאלטן זיך ביי א שכנטע, דער גוי איז אויף דער ערד געפאַלן, אויסגעשלאָפן זיך, אויסגעניכטערט, דערנאָך האָט ער ווידער פארגעסן אין באשעפעניש.

---

צומאָרגנס איגדערפרי האָט זיך אַנטאָני אויפגעהויבן, האָט פון הויז אַרויסגעפירט דאָס פערדל (דאָס באַשעפעניש איז שוין נישט געווען), איינגעשפּאנט צום וואָגן און ווי זיין געוווינהייט געפאָרן אין וואלד אריין, פירן די אָפּגעהאקטע ביימער צו דער זעג. עס איז געווען א שיינער פרימאָרגן, די יונגע זון האָט געוואַרעמט דעם וואַלד פון דעם קאַלטן אָוונט און געטריקנט די בלעטלעך. דער פויער — ווי זיין זאק וואָס ער האָט געהאט אויף זיך — האָט גאָרנישט געקלערט, גאָרנישט געוווסט, נאָר געטאָן זיין אַרבעט. פלוצים, אַזוי ווי ער איז טיפער איינגעפאָרן אין וואַלד, האָט ער דערזען אייניקע וואָגן-הייזלעך פון צירק-קאָמעדיאַנטן שטייען אין מיטן וואלד, א פייערל ברענט זיך, א רויך גייט, און עס הערט זיך א קול פון האקן האָלץ. אז ער איז נענטער צוגעקומען האָט ער דערזען, ווי די שעפער-שקצימלעך האָבן נייגעריק ארומגערינגלט איינס פון די וואָגן-הייזלעך, פון וועלכע עס האָבן דורך קראטעס ארויסגעקוקט פארשידענע חיות: אַ לייב האָט זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ אומרואיק, מאָלפּעלעך האָבן אין אַ שטייג אויף אַ לייטערל אַרומגעשפּרונגען און אַמוזירט זיך מיט די שעפער-יינגלעך, וועלכע האָבן זיי שטיקער צוקער און עסנווארג צוגעוואָרפן. א מענטש, אין א קארטאָן אָנגעטאָן, מיט ארויפגעדוקטע ארבל און מיט פארב-אויסגעשטאכענע הענט און א רינגעלע אין

אויער, האָט די חיות פּלייש דערלאַנגט דורך די קראַטעס און צוגעוואָרפן זיי אַזעלכע מאָדנע ווילדע ווערטער, וואָס נאָר די חיות האָבן פאַרשטאַנען. צוערשט האָט דאָס פויערל געוואָלט דורכפאָרן, עס איז שוין שפּעט, ער איז אָבער נייגעריק געווען צו זען די חיות, האָט ער אָפּגעשטעלט די פור, און א מינוט זיך אויך צוגעקוקט צו די באַשעפענישן, געקוקט און גע־שוויגן און געטראַכט זיך: „סאַראַ ווילדע באַשעפענישן דאָס זענען!“

ער איז נייגעריק געווען צו וויסן פון וואָס פאַר א מין דאָס איז — צו פרעגן האָט ער קיינעם נישט געהאַט, האָט ער זיך נאָך א פּאָר מינוט צוגעקוקט, נייגעריק, מיט א געוויסער שרעק, באַלד אָבער אינסטינקטיוו האָט ער געגעבן אַ פּיטשט צום פערדל, אַ שמיץ מיטן בייטשל „וויאָ“ — און איז ווייטער געפאָרן זיין וועג.

— קריסטן אוודאי נישט — האָט ער זיך געטראַכט.

— מיט מאַלפּעס טרייבט זיך דאָס ארום, צום טייוול מוז דאָס דינען.

— און דאָס בלאָנדזשעט אַרום איבער דער וועלט, דאָ אהער געקו־מען זיך צו שלעפּן, מענטשן שלעכטס צו טאָן...

— ועט שוין וועם דערפון אַ עוולה אַרויסקומען — טראַכט ער זיך ווייטער — אַז דאָס וויזט זיך נאָר. בחינם ווייזט זיך דאָ נישט.

— מען האָט עס געדאַרפט מיט שטעקנס צו פאַרטרייבן פון דאַנען; שדים וויסן ווער דאָס איז. — אזוי קלערנדיק איז ער צוגעפאָרן צו די גויים, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף אים, דעם אָפּגעהאַקטן בוים אין דעם פערדל איינצושפּאַנען, צי דער זעג צוצופירן, ער האָט זיי געוואָלט דערציילן וועגן די מענטשן וואָס זענען אין וואַלד — נאָר עפּעס ווי מורא האָבנדיק, אַז מן זאָל אים נישט זיין „חרפּה“ פאָרוואַרפן, האָט ער גע־וואַרט ביז די גויים וועלן דערפון אָנהייבן צו רעדן.

נאָך דעם מיטאָג־עסן, ווען די גויים האָבן זיך אנידערגעזעצט הינטער די ביימער מיט די טעפּ אין די הענט, האָט דער אַלטער וואָיטעק זיך אָנגערופן:

— באַ! דען דאָס איז פון שטן געשיקט — אוגדז נאָר קאַליע צו מאַכן. דען דאָס האָט נישט קיין רואיקע נשמות, אַזוי ווי דער ווינט וואַנדלט עס פון לאַנד צו לאַנד, און וו עס קומט טוט עס שלעכטס די מענטשן.

— און די מאַלפּעס, מיינט איר, זענען ריכטיקע מאַלפּעס? — דער־ציילט א דריטער — אָדער די מייזלעך וואָס זיי האָבן אין די קעסטלעך. עס איז דאָך באַוווסט, אַז דאָס זענען אַלץ פאַרשאָלטענע נשמות, וואָס

זיי נעמען אויף אויף זייער וועג, אָדער וואָס משעפּעט זיך צו און זיי פירן עם צום מיוול אהין.

— פאַרטרייבן דאַרף מען דאָס! מיט שטעקנס דאַרף מען דאָס פאַר־טרייבן פון דאָרף — האָט זיך אנטאָני אָנגערופן.

— אלערשטנס דאַרף מען דעם שטן, וואָס זיצט צווישן אונדז, פאַרטרייבן — האָט איינער פון דער מחנה געזאָגט, מיינענדיק אנטאָניס באשעפענעש, וואָס וואלגערט זיך אין דאָרף ארום.

א מינוט האָבן אלע שטיל געשוויגן, נאָר דאָרט הינטער א בוים האָט אין דער שטיל געקיכערט... אנטאָני איז בלייך געוואָרן, האָט גע־קלערט צו כאפּן דעם דישעל פון זיין וואָגן און צעשלאָגן, ער האָט דאָס דאָך נישט געטאָן, ער האָט זיך געפּוילט...

א מינוט איז דער שמועס אָפּגעהאקט געוואָרן, נאָר באלד איז ער פיל ערנסטער געוואָרן, דען מאטשעק, דער עלטסטער פון די פּויערים מיט אן אָפּגעהאקטן פוס, האָט זיך אָנגערופן:

— מיר האָבן אים שוין לאנג געדארפט פארטרייבן פון דאָרף, אל־דאָס שלעכטס ברענגט ער צו אונדז, און ווער ווייסט צי ער האָט נישט אויך דאָ אהער געבראַכט, די קאָמעדיאַנטן, אויב נישט איבער זיינעטוועגן זענען זיי דאָ אהער געקומען.

— ווי ער האָט נעכטן אין מיטן געבעט באלמוטשעט! דאָס שיקט אים דער שטן אהער, דער שטן אהער.

— צו סמען האָט מען אים געדארפט נאָך דעמסטמאָל, אויף גאָר־נישט צו קוקן — נאָר סמען — האָבן שוין אייניקע הויך געשריגן.

— ווער האָט אייך דען נישט געלאָזט? — האָט איר באדארפט מיט אייגענע הענט. ווילט איר, אז די זינד זאָל דערנאָך אויף מיין האלדז ליגן — וויל איך נישט! — האָט אַנטאָני זיך אָנגערופן.

דער אנטוואָרט פון פּאָטער האָט איינגעשטילט די פּויערים, ווייבער געמאכט זיי, האָבן זיי אויפגעהערט צו רעדן דערפון און א גאנצן טאָג ביי דער ארבעט שוין איין וואָרט נישט געלאָזט פאלן דערפון.

ווען אַנטאָני איז פאַרנאַכט אהיים געפאָרן, האָט ער געוואָלט אויס־מיידן די קאָמעדיאנטן און פאָרן דורך אן אנדערן וועג, זיך נישט באגע־גענען מיטן שטן פּנים אל פּנים, נאָר צוקומענדיק נאָענט האָט ער דער־הערט פון דאָרט, ווו די וועגן זענען געשטאנען, א גרויס ברומען און א געשריי, און אַ גרויסע מענגע איז דאָרט געשטאַנען. ער איז נייגעריק גע־ווען צו זען, וואָס דאָרט איז אַזעלכעס, האָט ער אויסגעדרייט און ציגע־

פאָרן צו זיי. אהינקומענדיק זענען אים שוין איניקע דאָרפס־יונגען פאַרויסגעלאָפן, מיט איינעם פון די קאָמעדיאַנטן מיט דעם רינגעלע אין אויער, און האָבן געשריגן, ווייזנדיק אויף אים:

—אָט איז דער פאָטער! אָט איז דער פאָטער!

דער קאָמעדיאַנט, אַרויסנעמענדיק אַ פּאַפּיראָס און פאַררויכערנדיק. האָט געזאָגט צו אַנטאָניָן, ווייזנדיק אויפן יינגל:

— לאָז אונדז אָפּ, פעטער, דאָס יינגל, אין דאָרף וואַלגערט ער זיך אַרום, האָסט קיין נוצן פון אים סיי ווי סיי נישט.

אַנטאָני האָט זיך ערשט איצט אומגעקוקט און דערזען זיין באַשעפעניש אַנגעטאָן אין אַ קליידל, ווי אַ צירק־הינטל און מיט אַ קייטל אויפן האַלדז האַלט אים איינער פון זייערע לייט און לערנט אים שפּרינגען דורך אַ רייף, צום געלעכטער און פרייד פון מענגע דאָרפס־יינגלעך און ווייבער, וואָס רינגלען אַרום דעם ספּעקטאַקל.

— מיט אַן אמת, פעטערל — קומט אָן אַ צווייטער פון זיינע לייט, אַ הויכער און אַ דיקער, מיט אַ גרויסן בויך און אַ גאָלדענעם בראַנזאָלעט אויף דער האַנט, מיט אַ שפּיצרוט אין דער האַנט און אַן אָדלער אויפן אויפגעהעקטן האַרץ אויסגעמאָלט — מיט אַן אמת, און געלט וועסטו אויך קריגן —אויף צוויי מאָרגעס ערד. וו ווינסטו, פעטערל?

— און וואָס נאָך? דו טייוול! און איך וועל דיר דאָ ווייזן, הע, הע, דו טייוולישער בענקאַרט! — ער איז אַראָפּ פון דער פור מיט דער בייטש צום באַשעפעניש. ווען עס האָט אים דערזען מיט דער בייטש אין האַנט, האָט זיך עס געגעבן אַ ריים אַרויס פון דעם קאָמעדיאַנט און מיט אַ ווילד בילן זיך געלאָזט אין טיפן וואַלד אַריין.

דער פויער האָט געגעבן אַ שמיץ דאָס פערדל, און באַגלייט מיט די געוואַלדן פון די שקצים איז ער אין דאָרף צוגעפאָרן.

אַריין אין שטוב, איז ער מיט פויסטן צו צום ווייב:

— היט דיר דיין בענקאַרט, היט דיר דיין טייוול, דו טייוולישעם ווייב!

— אָ לאַ באָגאַ, אָ לאַ באָגאַ! — האָט די גויע געשריגן.

די שקצימלעך, די קינדער, זענען פונקט פון וואַלד אָנגעקומען מיט דער קו און קאַלב, האָבן דערזען ווי דער פאָטער שלאָגט די מוטער, האָבן זיי אָנגעהויבן הויך צו וויינען און צוגעפאַלן אים צו די קניען.

—אָ יעזו, אָ יעזו, טאַטולקאָ, טאַטולקאָ! — און די פיס אים געקושט.

— שווייגט, בענקארטעס, איך וועל אייך די קעפּ שפּאַלטן! — האָט ער געשריִען.

די גויע האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן, און צו אַ שכנטע אַנטלאָפן.

דער ערשטער כעס איבערגעגאַנגען, האָט ער זיך דערמאַנט, אַז דאָס פערדל שטייט איינגעשפּאַנט צום וואָגן. ער איז אַרויס, דאָס פערדל אויסגעשפּאַנט, אין שטאַל געפירט, דעם וואָגן אין הויף געבראַכט — און ער הונגעריק געוואָרן, און אויוון געזוכט, האָט ער אַ שייגעצל נאָך דער מוטער געשיקט.

די מוטער איז געקומען, קאַלאַציע דערלאַנגט. צו דער „מאָדליטווע מאַיאָווע" איז ער נישט געגאַנגען — האָט זיך נישט געוואָלט מיט די גויים טרעפן נאָך דער סצענע אין וואַלד, איז ער אין בעט געקראָכן שלאָפן.

דערנאָך, ווען די מוטער איז אַרויס דעם לאָדן צו פאַרמאַכן, האָט זי שוין געטראָפן איר „אומגליק" ליגנדיק הינטער דער טיר פון הויז און בילנדיק ווי אַ הונט, אַז מען זאָל אים אַריינלאָזן.

די נאַכט איז שוואַרץ און קאַלט געווען, עס האָט זיך געקליבן אויף רעגן. פונדערווייטנס האָט אָפּגעשאַלט דאָס געזאַנג פון די פּויערים ביים צלם... דאָס באַשעפעניש איז געלעגן אין דעם הינטישן קלייד, איינגענאָרעט האָס פּנים אין דער ערד. געציטערט פאַר קעלט מיט פיס און הענט, און געבילט, געקלאָגט זיך... האָט אַ גרויסער רחמנות דער מוטער אַרומגענומען אויף איר באַשעפעניש... אַ פּשעטשעזש איז ער דאָך איר בלוט — וואָס איז ער שולדיק, אַז דער טייוול האָט זיך אין אים באַזעצט. האָט זי די האַנט אויסגעשטרעקט, אים געגלעט איבערן קאָפּ:

— דו מיין אומגליק... דו מיין ווייטיק! פאַרוואָס האָט דיך גאָט אַזוי געשטראָפט? פאַרוואָס? יעזוס ליבער, פריילין הייליקע, דערבאַרעם דיך איבער אים, דערבאַרעם דיך.

דאָס באַשעפעניש האָט זיך געטוליעט צו איר און געלעקט ווי אַ הונט איר האַנט... געביסן איר קלייד און מיטן פּנים עפּעס געזוכט אין איר... צוטוליענדיק זיך צו איר ענגער... ענגער...

זי האָט אים, דורך דער טיר, אין דער שטיל, דער מאַן זאָל נישט זען, אַ טעלער אַרויסגעשטעלט, צוגעמאַכט די טיר נאָך זיך און פאַרן הייליקן בילד זיך געוואָרפן איר נאַכט־געבעט זאָגן:

— הייליקע פריילין דערבאַרעם זיך איבער אים, נעם אים צו דיר אין הימל אַרויף... הייליקע פריילין, קריסטוס ליבער.

— קריך אין בעט אַריין, אַלטע — האָט דער פֿויער האַלב פֿון שלאָף געזאָגט.

זי האָט זיך אויסגעטאָן, און בעט געקראָכן.

---

דער פֿויער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפֿן, געוואָרפֿן זיך, געדרייט, און יעדעס מאָל דאָס ווייב געוועקט:

— דו שלאָפֿסט?

— איך שלאָף... און האָט זיך פֿאַרדרייט אויף דער צווייטער זייט.

ער האָט געקלערט וועגן העם, וואָס דער דיקער האָט אים אין וואַלד געזאָגט.

געלט פֿאַר צוויי מאָרגעס ערד...

— איך וועל דאָך דעם טייוול קיין קינד נישט פֿאַרקויפֿן, און ווי עס זאָל נישט דאָרט זיין, פֿון מיר איז עס דאָך — האָט זיך דער פֿויער געטראַכט און צו דער וואַנט אויסגעדרייט שלאָפֿן.

געשלאָפֿן איז ער דאָך נישט. ער האָט די אויגן צוגעמאַכט, און עס האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט דאָס בילד אין וואַלד, ווי דער צירק־מענטש האַלט דאָס באַשעפֿעניש אויף אַ קייטל אָנגעבונדן און לערנט עס שפּרינגען דורך אַ רייף, צושלאָגנדיק פֿון אונטן מיט דער שפּיצרוט וואָס ער האָט אין האַנט.

— און פֿון שטן איז דאָס געשיקט, געוויס פֿון שטן. דאָס האָט ער זיי אַהער געבראַכט, דאָ אַהער — האָט ער זיך געטראַכט, דערמאָנענדיק זיך וואָס די גויים האָבן געזאָגט אין וואַלד.

אייניצייטיק אָבער ווי ער האָט זיך דאָס געטראַכט, איז אים אין מינוט פֿון קאָפּ נישט אַרויס דאָס, וואָס דער „דיקער" האָט אים געזאָגט: און געלט פֿאַר צוויי מאָרגעס. — ער האָט איין מינוט געגעבן אַ טראַכט וועגן דעם שטיק ערד, וואָס ליגט ביי אים אין שכנות אויפֿן בערגל, דאָרט קומט דער זאַמד נישט אַרויף — בעסער ווי זיינע — נאָר מאַטשיק האָט דריי מאָרגעס. צוויי וועט ער נישט פֿאַרקויפֿן — איינאיינעם מיט זיינע פֿיר וואָלט ער אַ זיבן מאָרגעס געהאַט, אַריינגעכאַפּט אויך אין וואַלד אַריין.

— אָ, דו זינדיקער, דו זינדיקער, פֿאַרקויף נישט די נשמה! פֿאַרקויף נישט! ווייסט דאָך עס איז פֿאַר דעם טייוול! —

נאָר טראַכטן מעג ער זיך.

האָט ער זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער לאַכמאַנע, באַהאַלטן דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע, אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר דער שוואַרצער שטוב, אַז עס זאָל קיינער נישט הערן זיינע געדאַנקען, און דאָרט זיך פאַרגעשטעלט דאָס בילד אינגאַנצן צו קויפן דעם באַרג, אָ, אויף דריי וועט ער אויך געבן. דאָס „אומגליק" וועלן זיי מיטנעמען מיט זיך, עס וועט שוין קיינער נישט האָבן מער אויסצוזידלען, אַזוי ווי היינט אין וואַלד — דאָס „אומגליק" איז נישטאָ און ערד האָסטו נאָך דערפאַר, און אַזוי ווי אַזוי וואָלט גלייכער געווען עס וואָלט געשטאָרבן.

און ווי ער האָט זיך דאָס געטראַכט, האָבן אַלץ די ליפּן געקלאַפּט: אוי, אוי, מעשה שטן. פריילין הייליקע, יעזוס ליבער, העלף מיר, זיי רחמנותדיק, זיי רחמנותדיק.

עס איז אים הייס געוואָרן. ער האָט פון זיך די קאָלדרע אַראָפּגעוואָרפן, דערזען פלוצלונג דאָס לעמפּל וואָס האָט געברענט פאַרן הייליקן בילד, און אַ שטאָך האָט אים געטאָן אין האַרצן.

— דו טראַכסט דיר, און גאָט ווייס אַלעס, אוי, דו זינדיקע נשמה, דער טייוול נעמט דיך גוט אין האַנט אַריין.

און דאַך האָט ער אייגנטימיק דאָס ווייב געוועקט:

— אַלטע, אַלטע, הער נאָר.

— ע, וואָס לאָזסטו היינט נישט שלאָפן? ביסטו קראַנק? דער בויך טוט דיר וויי?

— מען וויל דיר דאָס „אומגליק" אָפּקויפן, אויף צוויי מאָרגעס ערד ווילן זיי געבן.

געוואָלט האָט ער זאָגן: „דער טייוול" וויל דיר דאָס קינד אָפּקויפן.

— ע, רעד נישט קיין נאַרישקייטן, לאָז שלאָפן.

— אַז זיי ווילן — באַ זיי ווילן — האָט דער גוי גאָך צוגעבורטשט.

שלאָפן האָט ער נישט געקאָנט, עס איז אים הייס געווען, און דאָס ליכטל פאַרן הייליקן בילד האָט אים עפּעס געשטערט... האָט ער זיך אָנגעטאָן, דעם פון שפּאַלט פון לאָדן האָט זיך שוין געלייכטן.

— וואָס איז דיר דאָס היינט? פאַרוואָס טוסטו דיך אָן? — פרעגט אים די אַלטע פון שלאָף אַרויס.

— עס האַכט זיך מיר, אַז עס רירט ווער דאָרט ביי די בהמות.

— ע, דיר דרייט זיך היינט אין קאָפּ.

דער גוי האָט נאָרנישט אָפּגעענטפערט.

נאָך אַ קליין שטילשווייגן, האָט זיך די פויערטע אָנגערופן, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— וואָס האָסטו דאָס פריער געזאָגט, אַז זיי ווילן קויפן. וואָס ווילן זיי קויפן?

— אָ, דאָס אומגליק, דיין באַשעפעניש ווילן זיי קויפן — ווילן זיי קויפן — האָט דער פויער געזאָגט בייז, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס ער איז בייז.

— איך וועל דיר דאָ באַלד געבן אַ קויפן. איך וועל באַלד לויפן צום גלח, דעם סטראַזשניק וועל איך דערציילן.

— אָ, שווייג, וואָרעם, שווייג. איך בין אַזאַ קריסט ווי יעדער איינער. אַז דו וועסט עפּעס רעדן, וועל איך דיר די ציין אויסהאַקן.

די גויע האָט שוין געשוויגן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז הער גוי אַזוי בייז געוואָרן, אַז ער האָט געוואָלט נעמען אַ האַק און איר דעם קאָפּ אָפּהאַקן, אַזאַ כעס האָט אים אַרומגענומען.

— טייוואָלים געווינסטו, מיטן טייוול שלאָפסטו — אָ, זאָל דיר! — און איז אַרויס, צוהאַקנדיק די טיר נאָך זיך.

די גויע האָט דאָס פּנים אין קישן איינגעגראָבן, און געכליפּעט: פּאַניע באָזשע, פּאַניע באָזשע!

---

אויף דער שוועל אין הויז האָט ער אָנגעטראָפן אויף עפּעס ווייכס, פון וועלכן ער איז מיט שרעק פלינק צוריקגעשפּרונגען. עס איז געווען דאָס באַשעפעניש, אין הינטישן העמדל, וועלכעס איינגעגאָרעט האָט קאָפּ אין זיך איז געלעגן און געשלאָפן. ער האָט אויפגעעפנט די טיר פון הויז און ביי דער שיין פון דעם ערשט-איינברעכנדן טאָג, האָט ער באַטראַכט דאָס באַשעפעניש.

דאָס האַרץ האָט אים עפּעס געזאָגט, אַז ער זאָל צוגיין נעענטער. ער האָט נישט געוואָלט, איז אַרויס אויף דער גאַס, געטראַכט זיך, ער וועט אַליין גיין צום גלח.

איינשפּאַנענדיק דאָס פערדל, האָט ער געגעבן אַ וואָרף אַ בליק אויף מאַטשיקס נחלה, וואָס ליגט מיט אים אין שכנות אויפן בערגל. אין פריען מאָרגן-גרוי איז די ערד אויפן בערגל געווען גרינגער ווי אין דער גאַנצער אומגעגנט, אַ ראָסע-וואָלקן איז איבער איר געלעגן.

נישט צו קומען צו קיין פּרוּוואָג, איז ער געפֿאָרן מיט אַן אַנדערן וועג אין וואַלד אַריין, כּדי זיך נישט צו באַגעגענען מיט די קאָמעדיאַנטן.

די אַנטאָניכע האָט זיך אויפֿגעהויבן באַלד נאָכן מאַנס אַרויסגיין, אַרויס אין הויז, גענומען דאָס באַשעפֿעניש, צוגעפֿירט עס צום שטרויבוידעם, אים אַרייַנגעלאָזט און פֿאַרשלאָסן די טיר נאָך אים, פֿאַר דער טיר זיך געשטעלט, ווי עפּעס געוואָלט וועמען אָפּוואַרטן, בערייט געווען מלחמה צו האַלטן מיט דעם, וואָס וועט קומען איר דאָס באַשעפֿעניש אַוועקנעמען, האָט דעם שייגעץ אַ טעלער מיט אַ שטיק ברויט אַרויפֿגעטראָגן, אים אַוועקגעשטעלט, באַהאַלטענערהייט, עס זאָל קיינער נישט באַמערקן ווי זי האָט דאָס באַשעפֿעניש באַהאַלטן, און ערשט דאַן, ווען זי האָט דאָס שליסעלע פֿון שלאָס, הינטער וועלכן דער שייגעץ איז געווען באַוואָרנט, אויף איר האַרץ געפֿילט, האָט זי זיך געקאָנט נעמען צו איר טעגלעכער אַרבעט.

אַ שכנטע איז אַרייַנגעקומען, האָט געוואָלט באָרגן אַ שופֿעל דאָס ברויט אַרויסצונעמען, און שוין ביי דער טיר האָט זי זיך אָנגערופֿן:

— היט אייער אומגליק, היט אים גוט, דען נישט־גוטע זענען געקומען נאָך אים. מען הערט זיי פֿון וואַלד — האָט די גויע געזאָגט.

— וואָס האָב איך אים דאַרט צו היטן. אַז גאָט וועט וועלן וועט ער זיין געהיט — זאָגט די אַנטאָניכע, טוענדיק איר אַרבעט, און פֿילנדיק דאָס שליסעלע אויפֿן האַרץ.

— וואָרום דאָס זענען אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען פֿון טייוול געשיקט נאָך אים. אַ סך האָבן זיי שוין מיט זיך.

די אַנטאָניכע האָט גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר פֿעסטער צוגעדריקט דעם שליסל צו איר ברוסט, ווי זי וואָלט איר קינד באַהאַלטן.

אַז די גויע האָט געזען אַז יענע שווייגט, איז זי אַרויסגעגאַנגען.

דערווייל האָט זיך איבערן דאָרף דער קלאַנג פֿאַרשפּרייט, אַז נישט־גוטע זענען געקומען, געשיקט פֿון טייוול, צוצונעמען אַנטאָנים באַשעפֿעניש. עס האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבערן דאָרף פֿאַרשידענע לעגענדעס און איין פֿויערטע האָט די צווייטע געשראָקן מיט די ווילדסטע זאַכן. מען האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן טייוול־מעשׂים, וואָס זיי, די קאָמעדיאַנטן, טוען אין דאָרף מיט די חיות און מאַלפּעס אָפּ. די פּויערטעס האָבן זייערע קינדער באַהאַלטן, הונדערט מאָל אין טאָג זיך געצלמט און נישט געלאָזט קיינעם פֿון זייערע גיין אין וואַלד אַריין, ווייזן זיך, אָדער זען זיך מיטן שטן וואָס איז דאָרט.

און הערווייל האָבן זיך עפּעס טאַקע איבערן דאָרף געוויזן פאַרשידענע מיני קאַליקעס, אַלטע לייט מיט לירעס האָבן דאָס דאָרף דורכגעצויגן, מכשפות האָבן זיך געזען, ווי זיי האָבן דורך די פענצטער אַריינגעקוקט... אַזעלכע גויעס, בלינד אויף איין אויג, האָבן זיך אין דאָרף געוויזן, האָבן זיך אין די הייזער געפרעגט, ווער עס האָט מייז צו פאַרטרייבן, וואַנצן אויסצוראָטן. אין דעם אַלעם האָבן די גויים געזען צייכנס פון שטן, אַז ער איז געקומען נאָך דאָס זייניקע.

— אַז ער איז געקומען נאָך דעם, איז פאַרפאַלן, מוז מען עס דעם שטן אַרויסגעבן, אַז נישט, וועט ער דאָס גאַנצע דאָרף מזיקן — האָבן די גויים געזאָגט.

די אַנטאָניכע אָבער האָט זיך פאַרגעברייט מלחמה צו האַלטן מיטן שטן מיט אַלע כוחות. זי האָט אויף דער טיר פון היי־בוידעם אַ צלם אויפגעקריצט מיט אַ שטיקל קרייד, אַז דער שטן זאָל קיין שליטה נישט האָבן. זי האָט געפילט, אַז עפּעס טוט זיך אין דאָרף... מען בריית זיך אָן אויף איר, דען אַן אַנדערע שכנטע איז ווידער אַריינגעקומען, און האָט איר געזאָגט:

— און איר זענט דאָ, און איר ווייסט נישט וואָס די פּויערים זאָגן— און דאָ איז דאָך דער טייוול געקומען נאָך דיין אומגליק.

די גויע האָט געשוויגן.

— אוי, עס איז פאַרפאַלן, אוי, עס איז פאַרפאַלן. מיטן טייוול וועסטו גאָרנישט מאַכן.

די גויע האָט ווידער געשוויגן און געטאָן איר אַרבעט, רויט־טויט ווערגנדיק.

און די גויים זענען אין קרעטשמע געגאַנגען אויף אַ נאַראַדע... דען מען דאַרף אים אַרויסגעבן פון דאָרף.

— און איך וועל זיי דעם יונג נישט אַרויסגעבן, און וואָס וועט זיין, וועט זיין — האָט די גויע געזאָגט.

— אוי, שפּאַר דיך נישט איין, אוי, שפּאַר דיך נישט איין, וואָרום מיטן טייוול וועסטו גאָרנישט מאַכן.

— און איר גייט און צעברעכט הענט און פיס — האָט זי געזאָגט — דען איך וועל אייך דאָ געבן מיט דער לאָפּעטע — האָט זי אויפגעהויבן די לאָפּעטע, אַז די שכנטע איז אַרויסגעלאָפן. און די אַנטאָניכע האָט צוגעמאַכט די טיר נאָך איר.

— פּשאַ יוכאַ! — זי האָט געטראַכט צו כאַפּן דאָס טוך און לויפן

צום גלח, אָדער גאָכן מאַן. אָבער זי האָט זיך דערמאַנט, אַז זי לאָזט איבער דאָס באַשעפעניש אַליין, האָט זי אָנגעגרייט דעם רידעל און גע־וואָרט.

די גויים, וואָס זענען איבערגעבליבן אין דאָרף, זענען נישט געווען אויף דער אַרבעט, נישט אין פעלד, נישט אין וואַלד — האָבן זיך צונויפֿ־מענגעקליבן אויפן בריקל און האָבן גערעדט, און האָבן געראַדזשעט:

— אַז מען האָרף אַהין גיין, דאָס באַשעפעניש מיט געוואַלט אַרויס־נעמען און זיי אַרויסגעבן. זאָלן זיי גיין פון דאַנען, זאָלן זיי גיין פון דאַנען.

— אַ פייער וועט ער שיקן, אוי, אַ פייער וועט ער שיקן. און יעדעס מאָל זענען איינציקע פון זיי דורך איר שטיבל דורכגעגאַנגען, געוואָלט כאַפּן אַ בליק ווו האָס „באַשעפעניש" געפינט זיך. זיי האָבן געזען די אַנטאָניכע מיט צעפלאַמטע אויגן, צעפלאָשעטע האָר און רויטע צעקאָכ־טע באַקן האָט זיך מיט דעם רידעל ווי אַ מיראַן פאַר איר שטיבל גע־דרייט, גרייט געווען אַרויסצופאַלן אויף די, וואָס וועלן קומען איר קינד אַוועקנעמען, און מיט די בעגל ווי אַ חיה אויף זיי זיך וואַרפן, איר איינ־געבוירענעם מיט דעם גאַנצן לייב און לעבן ראַטעווען — האָבן זיי מורא געהאַט, אָפּגעלייגט די זאַך ביז פאַרנאַכט, ווען דאָס גאַנצע דאָרף פוי־ערים וועלן פון פעלד אַהיימקומען, און די זאַך זיך איבערלייגן, וואָס זיי האָבן צו טאָן.

---

דאָס באַשעפעניש האָט זיך צווישן די צירק־לייט, אין געזעלשאַפט פון די חיות און מאַלפּעס, געפילט גוט און צופרידן. אָן צו ווייסן האָט זיך אין דער מענטשן־חיה דערוועקט אַן אינסטינקט פון יאַ צירק־הונט צו ער־געמצן און צו דערהפרייען די צושויער מיט זיינע העוויות און קרומע באַ־וועגונגען. און וואָס העכער עס האָט זיך געהערט דאָס געלעכטער פון די דאָרפס־ייִנגלעך, וואָס האָבן אים נעכטן געזען דורך דער רייף שפרינגען, און וואָס צופרידענער זיי זענען געווען — האָט זיך עס געסטאַרעט וואָס מער צו ערגעמצן דעם עולם.

און קוים האָט עס די מוטער אין היי־בויד עם איינגעשלאָסן, האָט עס זיך געפילט געפאַנגען, און געבענקט און געצויגן נאָכן וואַלד, נאָך דעם צירק. עס האָט דאָס עסן נישט אין מויל גענומען, געוואָרפן זיך פון איין ווינקל אין צווייטן, באַהאַלטן דאָס פנים אין דער פאַדלאָגע און גע־וואָיעט, און געוואָיעט. אַ שכנה פון דער נאָענט האָט דאָס וואָיען גע־

הערט, האָט זי געזאָגט: „דאָס ווייַנט, דאָס ציט דאָס זיין נשמה צום שטן". און זי האָט דאָך רעכט געהאַט. עס האָט אַזוי לאַנג געוואָרפן, און געשמעקט און אויסגעקוקט ביז עס האָט דאָך אַ לאָך געפונען פון וואַנען עס זאָל זיך פון היי־בוידעם אַרויסקריגן. און ווען די מוטער האָט זיך הינטן פאַרן הויז מיטן רידעל, ווי אַ ווילדע טיר אַרויף און אַראָפּ געדרייט, באַשיצנדיק אים, האָט דאָס זיך דורך אַ באַהאַלטן לאָך, דורך אַ באַהאַלטענעם וועג, צווישן קשאַקעס און שטעכערס, אַז קיינער זאָל דאָס נישט זען, אין וואַלד זיך צו די צירק־לייט געלאָזט...

ביי די צירק־לייט איז היינט קיינער נישט געווען. די מוטערס האָבן זייערע קינדער נישט געלאָזט אין וואַלד אַריין, שרעקנדיק זיך, אַז דאָס איז דער טייוול מיט די מכשפים, וועלכע זענען געקומען נאָך דעם „באַשעפעניש". זיי זענען שוין גרייט געווען אָפּצופאָרן אין דער נאָענטסטער שטאָט אַהיין, נאָר זיי האָבן געוואָלט דאָס „באַשעפעניש" אָפּקויפן, וועלכעס וואָלט פאַר זיי אַ גוטע סחורה געווען. אין דאָרף אַריין האָבן זיי מורא געהאַט צו גיין מיט דעם פאָטער איבערצורעדן, כדי עס זאָל נישט קיין גערודער ווערן. זיי האָבן אים אָפּגעוואַרט אין וואַלד, ווו קיין מענטש וועט נישט זיין.

און אַזוי ווי דער קאָמעדיאַנט מיטן רינגעלע אין אויער און מיט די באַמאָלטע הענט שטייט פאַר די מאַלפּעלעך און וואַרפט זיי פלייש דורך די קראַטעס אַריין, דערהערט ער פון דער נאָענט אַ בילן ווי פון אַ הונט. ער קוקט זיך אום — ערשט דאָס „באַשעפעניש" ליגט פאַר אים, און פּיעשטשעט זיך צו אים, און קוקט אויף אים מיט אַזעלכע בעטנדיקע אויגן, ווי עס וואָלט רעדן געוואָלט, און מאַכט מיט די ליפּן, און ברענגט פון זיך אַזעלכע וויינענדיקע בעטנדיקע קולות, אַז דער קאָמעדיאַנט האָט רחמנות געקריגן דערויף און עס ליבלעך מיט דער האַנט אויפן קאָפּ געגלעט, און דאָס „באַשעפעניש" האָט זיך געפרייט, געלעקט אים די האַנט, און געשפרונגען קעגן אים ווי אַ הינטל.

אַז אַנטאָני האָט געדאַרפט פאַרנאַכט אַהיימפאָרן פון וואַלד, האָט ער געוואָלט, ווי אין דער פרי, דורך אַן אַנדער וועג פאָרן, זיך נישט צו באַגעגענען מיט יענע לייט, נאָר ביים פאָרן האָט ער געטראַכט: סיי ווי סיי וועט פון דעם גאָרנישט ווערן. די ווערטער האָט ער מער געזאָגט מיטן מויל ווי מיטן האַרץ. פאַרן האַרץ האָט ער אַן אַנדערן תירוץ געהאַט, אַז ער וועט נישט פאָרן דורך דעם וועג, ער וועט נאָר צופאָרן צום צלם, דערנאָך וועט ער אויסדרייען צום געלן וועג צו — און וועט דאָרט

אַרום אַהיימפֿאָרן, הען דורך דעם גאַנצן טאָג האָט אים דער שטן דערקוטשעט, האָט אים פֿאָרגעשטעלט מאַטשיקעס באַרג־שטיק אין פֿאַרשידענע צייטן פֿון יאָר... ער האָט מורא געהאַט פֿאַר די פֿויערים, אַז זיי זאָלן נישט זען זייַנע געדאַנקען. האָט ער זיך דערווייטערט פֿון זיי דעם גאַנצן טאָג, און אַלץ געקלערט וועגן דעם. אויף דער נאַכט, האָט ער זיך געטראַכט, וועל איך אַהיימפֿאָרן דורך אַן אַנדערן וועג, זיך נישט צו באַגעגענען מיט זיי, נאָר קוים איז ער צוגעקומען צום צלם, האָט ער ווי נישט ווילנדיק אָפּגעדרייט אויף דער זייט וועג, וווּ די קאָמעדיאַנטן זענען.

דער וואַלד איז פֿאַרנאַכט שטיל געווען. די סאָסנעס זענען געשטאַנען יעדע איינציקע באַזונדער, הויך געשפּאַרט אין הימל אַריין מיט זייערע קעפּ און געשוויגן. אַנטאָני האָט זיי נישט דערקענט, עס האָט אים געדאַכט, אַז אַז ער זעט צום ערשטן מאָל דעם וואַלד און דערקענט נישט די סאָסנעס; פֿרעמדע, נײַ־אָנגעקומענע זענען זיי, אַזוי שווייגן זיי... דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט און ער האָט זיך געשראָקן... ער האָט נישט געוווּסט פֿאַרוואָס עס שרעקט אים, פֿאַרוואָס דאָס האַרץ קלאַפּט אים... דאַכט זיך, ער האָט איצט איבער דעם גאָרנישט געטראַכט, ער האָט איבערהויפּט וועגן גאָרנישט געקלערט... ער האָט גאָרנישט געדענקט... עס איז אים גאָרנישט איבערגעבליבן, נאָר שרעק...

פֿונדערווייטנס צווישן די ביימער האָט זיך געשפּיגלט דער רויטער הימל, איבערגעפּלאָסן מיט בלויע וואָלקנס, וועלכע האָבן דורך די ביימער פֿון וואַלד געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי אַ ברייט ליכטיק וואַסער־פֿעלד פֿון אַ ים. אין וואַלד דאָ און דאָרט האָבן זיך העלע פֿלעקן געוויזן, און די ביימער שטייען און שווייגן... קוקן זיך צו אַלעם צו און שווייגן...

באַלד האָט ער פֿונדערווייטנס די פֿורן צווישן די ביימער דערזען, אַ שטיל גערויש פֿון דאָרט דערהערט. דער גוי האָט געציטערט, און מיט שרעק ווי פֿאַר עפּעס אומהיימלעכס האָט ער דאָס פֿערדל אָפּגעשטעלט.

ער האָט געטראַכט, געוווּסט, אַז ער דאַרף אומקערן און אַוועקפֿאָרן, פֿלינק, פֿלינק אַוועקפֿאָרן; דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט רירן פֿון אָרט, ווי צוגעשמידט.

באַלד האָט ער דערזען, ווי מען דערנענטערט זיך צו אים, דער דיקער מיטן גראָבן בויך, מיט דער בראַנזאָלעט אויף דער האַנט און די שפּיצרוט אין דער האַנט, זיין פּנים האָט ער נישט געזען, נאָר אַ פּיקאַנטיק הי‍טל אויפֿן קאָפּ. נאָך אים איז זי‍ וער נאָכגעגאַנגען.

און ווי זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו אים, האָט זיך דער פויער גע־טראַכט: „שוין, אַז עס איז שוין לאַנג פאַרפאַלן, אַז ער איז אין דער האַנט פון שטן. דער שטן האָט אים אַרומגענומען מיט זיין מאַכט, געפאַנגען אים אין זיין נעסט און ער מוז טאָן אַלץ וואָס ער וועט אים הייסן.“

און ווי די קאָמעדיאַנטן זענען נאָך צו אים צוגעקומען, איידער זיי האָבן נאָך אַ וואָרט געזאָגט, האָט דער פויער זיך אָנגערופן:

— און אויף דריי מאָרגנס וועט איר געבן?

— מיר וועלן געבן.

— טאָ איז גוט.

— גוט.

— פאָרן מיר צו יענקלען.

— פאָרן מיר.

די קאָמעדיאַנטן האָבן זיך אויף זיין וואָגן אַרויפגעזעצט, און ער איז געפאָרן מיט זיי צו יענקלען.

דער גוי האָט געוווסט, אַז ער פאָרט מיטן טייוול, און ער האָט זיך געוווּנדערט, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך ווי ער האָט געמיינט.

---

יענקל דער קרעטשמער האָט זיי אין זיין באַזונדערער שטוב אַריינגע־לאָזט, בראָנפן דערלאַנגט. ער האָט נישט געוווסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער זיך אויך אָנגעהויבן אַריינצומישן, האָט אָנגעהויבן צו רימען דעם פויערס פעלד, דאָס הייזל, די קו, געוואָלט זיך אין געשעפט אַריינ־קריגן. געווויר געוואָרן צום סוף וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער זיך אָפּגערוקט, מורא געהאַט, און שטיל שוויַיגנדיק מיט אַ געלעכטערל אויף די ליפּן האָט מאַנעקיניש דערלאַנגט צום טיש דעם בראָנפן וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, געהיט זיך מיט אַן איבעריק וואָרט און געמאַכט זיך ווי ער ווייסט גאָרנישט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, איבערהויפּט זיי אַליין געלאָזט, און צו זייניקע, וואָס זענען הינטער דער טיר געשטאַנען, געזאָגט:

— מיר ווייסן פון גאָרנישט, נישט אונדזער געשעפט... זיי ווילן בראָנפן, גיט מען זיי בראָנפן, אַן אָפּענע שענק — ווער עס וויל קומט אַריין.

און די יידענע, וואָס איז הינטער דער שענק געזעסן, האָט זיך די באַקן געקניפּט, די הענט געבראָכן... אין דער שטיל געזאָגט:

— אוי וויי, מאַמעלע קרוין, עס איז דאָך גאָר קיין אומה נישט. אַן אייגן פלייש און בלוט, ווי קאָן מען דאָס? — און האָט דאָס מיידעלע געקושט אין קעפּעלע, וואָס איז ביי איר געשטאַנען, מיט גרויס רחמנות, צוטוליענדיק עס צו זיך, ווי זי וואָלט מורא געהאַט מען זאָל עס פון איר נישט אַוועקנעמען. איר גוט אַרומגעוויקלט דאָס טיכעלע אויף איר העלדזיל, און צוגעקנעפּלט איר דאָס קאַפּטנדל:

— דערקעלט זיך נישט, קינד.

---

דער פויער איז שפּעטלעך אַהיימגעקומען. אַהיימגעקומען, האָט ער שוין געפונען די קאָלאַציע אויפן טיש און די שקצימלעך האָבן געוואַרט אויף אים. שווייגנדיק איז ער אין שטוב געקומען, שווייגנדיק האָט ער זיך צום טעלער געזעצט, זיך נישט געצלמט פאַרן עסן. די גויע האָט אים געוואָלט דערציילן וועגן דער גאַראַדע אין דאָרף איבער דעם „באַשעפעניש“, נאָר זי האָט עס אָפּגעלייגט אויפן נאָכן עסן. דער פויער איז בייז געווען. אין מיטן עסן האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, און האָט אָנגעהויבן צו רעדן:

— אַ יאָשטשי, זיי האָבן זיך געראַדזעט, געראַדזעט, דעם שייגעץ, אַרויסצוגעבן...

דער פויער האָט גאָרנישט געענטפערט, וואָרום דורכן פענצטער האָבן זיך געהערט פורן דורכפאָרן, אַ געלויף פון קינדער נאָך... און פון דער גאַס האָט זיך געהערט דורכן אָפענעם פענצטער אַ קול רופן:

— באַהאַלט די קינדער, באַהאַלט די קינדער. דען דער טייוול פאָרט דורך!

אין הויז האָבן צוויי שכנטעס געשמועסט:

— געלויבט איז גאָט, פאַרלאָזט שוין אונדזער געגנט.

די גויע האָט שוין מער נישט גערעדט דערפון, מורא געהאַט זי זאָל נישט ברענגען צו קיינע אומאַנגענעמע סצענעס.

אָפּגעגעסן, האָט די גויע אַ טעלער גענומען, אין דער שטיל, ווי האַלב געגנבעט, אַרויסגעגאַנגען, און אַרויפגעטראָגן דעם באַשעפעניש אין „הוייבוידעם“...

באַלד האָט זיך געהערט פֿון דרויסן אַ שרעקלעך האַרץ־געשריי, ווי מען וואָלט מיט די פֿויסטן אין פֿענצטער געקלאַפּט:

— אוי, יעזו, יעזו, ראַטוי! — איז זי אין שטוב אַריין, מיט אַן אוממענטשלעך געשריי, ווי מען וואָלט זי געשאָכטן—כלאָפּאַקאַ ניעמאַ...

זי האָט זיך אויף דער ערד געוואָרפֿן און געשלאָגן דעם קאָפּ אין דער פּאָדלאָגע...

— ראַטעוועט, ראַטעוועט דעם יונג... ער איז נישטאָ...

דער פֿויער האָט זיך שווייגנדיק פֿון טיש אויפֿגעהויבן, אַרויסגענומען דאָס געלט פֿון דער הויזן־קעשענע און אויף דעם טיש געוואָרפֿן.

די גויע האָט זיך פֿון דער ערד אויפֿגעכאַפּט, מיט אַ בליק פֿון אַ וועלפֿין צו צום מאַן, מיט די הענט אויסגעשטרעקט, באַלד האָט זי געכאַפּט אַ טוך אויפֿן קאָפּ, אַרויס אויף דער גאַס, און מיט אַלע כוחות געלאָזט זיך לויפֿן נאָך די פֿורן.

אויף אַלע שוועלן איבער דער דאָרף־גאַס, וווּ די גויע איז מיט אַ געוואַלד אויפֿן וועג געלאָפֿן, האָבן זיך קופּקעלעך פֿויערטעס און פֿויערים צוזאַמענגעקליבן, דער גויע נאָכגעקוקט, געצלמט זיך און געזאָגט איינע צו דער צווייטער:

— וואָס איז צום טייוול — דאָס איז צום טייוול; דו וועסט גאָרנישט מאַכן; געקומען נאָך ס'זייניקע און גענומען זיך ס'זייניקע...

די גויע איז געלאָפֿן מיט אַלע אירע כוחות, שוין אַרויס אויפֿן וועג. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, די נאַכט איז שוואַרץ געווען, און די ערד האָט זיך אין שוואַרצן געהילט... אַ קליינער רעגן האָט געטריפֿט, און די אַלטע טאָפּאָלן פֿון ביידע זייטן וועג האָבן אויסגעזען, ווי אָנגעלאָפֿענע שדים האָבן זיך אַהער געקליבן מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ און שטייען אויפֿן וועג. די ערד איז שוואַרץ אַרום און אַרום — ווי אַ ווילד פֿאַרעקשנטער פֿייגל, בייגט דעם קאָפּ אין די קניען און באַהאַלט זיך... דער גויע האָט זיך געדאַכט, אַז שדים און רוחות יאָגן זי נאָך, יעדע טאָפּאָליע איז אַן אָנגעלאָפֿענער שד, יעדער שוואַרצער פֿלעק איז אַ פֿאַרשאָלטענער טייוול... נשמות פֿאַרשאָלטענע... און דאָרט די ביימער איז דער נאַכט מיט זייערע שוואַרצע צווייגן — אַ פֿאַרשאָלטענע משפּחה, פֿאַרשטיינערט געוואָרן אין אַ בוים... גייען איר נאָך... גייען איר נאָך און בעטן איר עפּעס... און די גאַנצע שוואַרצע ערד אַרום און אַרום... ווי אַ שוואַרצער פֿאַרשאָלטענער פֿויגל, בייגט דעם קאָפּ אין זיך און קלאָגט... אַ פֿאַרשאָלטענע גרויסע נשמה... וואָס מוטשעט זיך און זוכט אַ רו... און באַלד

האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלץ אַרום איז אַ ים פון שדים, רוחות רעות, טייוואָלים, אַז אַלץ וואָס רינגלט אונדז אַרום טרינקט זיך אין פאַרשאָלטענע נשמות. יעדער בוים, יעדער שוואַרצער פלעק, יעדער טראָפן וואַסער, יעדעס שטיקל טונקעלע גראָז, איז אַ פאַרשאָלטענע נשמה, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך אַ געהיימען שפּרוך אין אַזאַ זאַך, און שטייט און קלאָגט, און בעט זיך, עס וויל אויסגעלייזט ווערן... זי האָט מורא געהאַט מיט אַ פוס צו טרעטן אויף דער ערד, אַז זי זאָל נישט היגטער זיך אַ קוויטשע הערן... און די טאָפּאָלן שטייען ווי אַלטע שדים און שטעקן אַזעלכע לאַנגע, לאַנגע צונגען אַרויס...

האָט זי פאַר זיך אַ צלם געזען, שטייט צווישן די טייוואָלים — דער צלם, האָט זיך איר געדאַכט, איז דער איינציקער שטיק פלעק, אַ אינדזל אין דעם ים פון שדים — איז זי צו דערצו, אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט דעם צלם, די האָר זיך אַרום דעם צלם אַרומגעוויקלט, דאָס פּנים איינגעגראָבן, ווי זי וואָלט זיך ראַטעווען געוואָלט פון די נאָכיאָגנדיקע שדים און האָט געברומט:

— יעזו! יעזו! יעזו!

און זי האָט געזען אַרום זיך די גאַנצע ערד, ווי עס וואָלט אַ ים פון שדים געווען, אַ פאַרשאָלטענע נשמה... יעדער פלעק — רוחות טייוואָלים, און איבער דעם אַלעם שטייט אַ גרויסער צלם און אויף דעם צלם הענגט אַ גרויסער, גרויסער קריסטוס מיט ברייטע, לאַנגע, לאַנגע הענט, וועלכע ער פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד און שיצט זי פאַר די שדים... און שוואַרצע וועגן פאָרן ווייט, ווייט אין אַ שוואַרצן ים אַריין, וו עס איז דאָרט פול מיט שדים, מיט לצים און רוחות רעות... און איר „באַשעפעניש“ איז אויף די וועגן... און די וועגן פירן אים טיף, טיף אין דעם שוואַרצן ים אַריין פון די שדים און טייוואָלים... טיף, טיף אַריין.

האָט זי צום צלם געברומט, ביי וועלכן זי איז געלעגן:

— יעזו, יעזו, דערבאַרעם דיך, אויף אים! דערבאַרעם דיך אויף אים!...

# מאָמענטן פון די פרייהייטס־טעג

## די ערשטע טעג...

היינט, דעם 22־טן מערץ, אין יאָר 1905 (דאָס ערשטע מאָל אוודאי אין מיין לעבן ווי איך שרייב אַ דאַטע) בין איך אין קוטנע. דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז היינט אין מיין טאָג, איז דאָס, וואָס איך האָב באַקוקט די קערפּערס פון די געהרגעטע פּויערים, וואָס די זעלנער האָבן געשאָסן אין לאַטענט. זיי זענען געלעגן אין דעם טויטן־שטיבל אין שפּיטאָל, וויפל ווייס איך נישט, צו 10, צו 12, איך האָב נאָר געזען ליגן. נאָר עפּעס שוין נישט קיין מענטשן, נאָר ווי ליאַלקעס אָנגעפּילט מיט שטרוי, אָנגעטאָן אין פּויערישע קליידער... די פּנימער זענען ראַנירט. עס האָט אויף מיר אַ שרעקלעכן איינדרוק געמאַכט. נאָר נאָך מער, דאָס וואָס דער טויט (איך מיין די טויטע מענטשן) איז געווען אָנגעטאָן אין גראָבע, פאַרשמוצטע פּויערישע קליידער... מיין אויג האָט געזוכט ווייסע לייווענט... צווישן די געהרגעטע איז אויך געווען אַ פּויעריש ייִנגל פון אַ יאָר 14. זיין יונג, לאָבוזדיקער אויסקוק האָט עפּעס גאָר נישט האַרמאָנירט מיט דעם געלן, שרעקלעכן, ערנסטן און שווייגנדיקן טויט, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים... געלע, גראָבע שווייגנדיקע הענט פאַרלייגט איינע אויף דער צווייטער — מער האָב איך נישט געזען. פּויערטעס און פּויערים אַרום האָבן מיר פאַרשטעלט. דער לעבעדיקער האָט שטיל געשוויגן. די קרעכצן, דאָס געוויין פון די ווייבער האָט געשטערט די גרויסאַרטיקייט פון דער נקמה, וואָס די לעבעדיקע נעמען פון די מערדערס מיט זייער שטילשווייגן...

די ערשטע הרוגים אויפן פּוילישן פעלד, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען.

---

דאָנערשטיק, דעם 24־טן.

הייַנט בין איך געווען אויף דער לוויה פון די ניַין געהרגעטע פויערים אין קוטנע.

איך בין געווען אונטער אַ שרעקלעכן אייַנדרוק. די שררים האָבן געטראָגן די טרומנעס, דאָס פאָלק איז געגאַנגען קעפּ איבער קעפּ און האָבן שטיל געשוויגן. ייִדן זענען זייער פיל מיטגעגאַנגען אין די היט אָנגעטאָן. אַלע האָבן געוויינט אין דער שטיל. אַן ערנסטע האַרמאָניע האָט אַלע צוזאַמענגעבונדן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי נעמען נקמה פון די מערדער מיט זייער שטילשווייַגן. אַמשטאַרקסטן האָט אויף מיר דעם אייַנדרוק געמאַכט דאָס רעליגיעזע געזאַנג פון די גייַסטלעכע און פאָלק. איך האָב עפּעס אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז די מענטשן גלייבן, אַז עס איז דאָ ווער, וואָס וועט זיך אָננעמען זייער קריוודע... און איך האָב געוואָלט גלייבן, און האָב געגלייבט, אַז עס איז דאָ ווער, אַז די וועלט איז נישט הפקר. דאָס געזאַנג האָט מיך זייער געצויגן — און איך בין נאָכגעגאַנגען. די ייִדן אין די היט צוזאַמען מיט דער מאַסע מענטשן — האָט מיך עפּעס געפּרעסט, און מיך טרויעריק־גוטיק געמאַכט. עפּעס ווילט זיך אַזוי זייַן אינאיינעם, געהערן צו וועמען...

די מאַמע פון דעם געהרגטן ייִנגל, די פויערטע, האָט געוויינט: „ווי וועל איך קוקן אויף זייַן געדעקט בעט?!" מיך האָבן די ווערטער דערמאָנט זייער פיל מוטערלעכס — (איך האָב מיך דערמאָנט אין מייַן מאַמען, זי איז אין אַמעריקע — איך בין דאָ — ) און, אַך, גאָט, ווי שיין איז דייַן וועלט, און וויפל צרות געפינט זיך אין דייַן וועלט!

איך ליב זייער דאָס פויערים־פאָלק. בייַ זיי איז דאָס נאָך אַזוי ערנסט, אַזוי ערנסט, און פּראָסט ווי די ערד אַליין!

---

5־טער אַפּריל.

איך בין אין וואַרשע.

לעבעדיק איז אויף די גאַסן. טויזנטער לויפן און זענען גרייט מקריב צו זייַן זיך אויף קידוש־השם...

אין פּאַוויאַק (אַ טורמע, וווּ עס זיצן פּאָליטישע געפאַנגענע) איז געשטאָרבן איינער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. טויזנטער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן פאַרן פּאַוויאַק און פאַרלאַנגען דעם טויטן. זעלנער זע־

נען באַפאַלן דעם עולם און אָנגעהויבן צו שיסן. דער עולם איז געשטאַ־
נען ווי אַ וואַנט, און עס זענען געפאַלן איין קאָפּ נאָכן צווייטן...

אַ פאַרווונדעטן האָב איך געזען. די קויל איז אים אין בויך אַריין, דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן, ער איז אומגעפאַלן, דער פּאָליציישקער איז צו אים צו און האָט אים געשלאָגן. דאָך זיין פאַרלאַנג איז אויף זיינע ליפּן געלעגן, ביז דער שכל האָט אים נישט פאַרלאָזט...

בין איך געגאַנגען ווייטער, האָב איך געטראָפן אַ משוגענעם זעלנער, אַ צוריקגעקומענער פון דער מלחמה, מיט אַ הויכן פוטערן הוט, און אַ דאַר אויסגעמאָגערט פּנים, וואָס די אויגן האָבן זיך (האָט זיך געד ראַכט) געקאַליטשעט צווישן צוויי דאַרע ביינער. דער משוגענער האָט זיך געוואַקלט אהין און צוריק, און עפּעס געריידט צו זיך. ער האָט מער דעם איינדרוק געמאַכט פון אַ שיכורן איידער ווי פון אַ משוגענעם.

אַ משוגענער אין אַ זעלנערישן מאַנטל!

אַ נרדף אין אַ זעלנערישן מאַנטל!

ווי טרויעריק דאָס איז!

---

מיט 2 שעה שפּעטער.

איך בין געגאַנגען אין גאַס, טויזנטער איילן זיך אַהין צום פּאַוויאַק, קיינער ווייסט נישט, אויב ער וועט צוריקקומען. די אַלע זענען גרייט מקריב זיין זיך אויף קידוש־השם. מיט געוואַלד אַרויסבאַקומען דעם טויטן.

אַ מלחמה באַשאַפט העלדן...

---

אויף דער נאַכט.

איך געדענק שוין נישט אויף וועלכער גאַס. איך ווייס נישט מער אַ שמאָלע גאַס, צוויי הויכע ציילן הייזער שטייען שטום. אין די עקן שטייען זעלנער מיט ביקסן, לאָזן נישט אַדורך. פון איין זייט איז באַלייגט מיט זעלנער, און אין דער גאַס האָט מען אַריינגעקראָגן אַ טייל פון „עולם", זעלנער מיט געווער יאָגן, ווער עס קאָן, כאַפּט זיך אַריין אין די טויערן. די סטרוזשעס האָבן די טויערן פאַרשלאָסן און לאָזן

גישט אַריין. אויף די גאַסן לויפן נאָך אַרום אייניקע יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אַרויסקריגן, און מיט דעם באַוווסטזיין, אַז אָט פאַלן זיי פון די קוילן, לויפן זיי ווי משוגעים אַרום, זוכנדיק ערגעץ אַן אָרט זיך צו באַשיצן. אײנער, אַ יונגער מענטש, איז אָנגעקומען צו אונדזער טויער. מיר האָבן אים געזען דורך אונדזער פענצטערל. מיט די אויגן האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל אים אויפעפענען. מיר אָבער האָבן דעם שליסל נישט געהאַט. מיר האָבן געפרוווט די טיר צו צעברעכן — אָבער אוממעגלעך. און ער שטייט פאַרן טויער, קוקט מיט די אויגן און בעט זיך שטום... איך בייס די נעגל פון מיינע פינגער...

אָט! עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי.

עפּעס וואָס איז אַנידערגעפאַלן פאַר אונדזער טויער...

איך האָב נאָך געהערט דאָס לעצטע וואָרט: גאָט!

---

ביינאַכט.

איך האָב דעם לופטשיק פון מיין פענצטער אויפגעעפנט:

עס איז שוין גאָר שפעט אין דער נאַכט. איך שטיי אין פענצטער. מיין פענצטער איז אויף אַ פינפטן שטאָק — ביי טאָג זעט מען דעכער, קוימענס איבער קוימענס. די נאַכט איז שוואַרץ, ווי אין אַ ים. אין דער שוואַרצער נאַכט קאָן איך גאָר אָפּשיידן די שוואַרצע שאָטנס פון די פאַבריק־קוימענס. איך הער אַ געוואַלד. — מענטשן לויפן. דעם אויער רייסט דורך אַן עכאָ פון אַ שיסעריי.

איך האָב דעם לופטשיק צוריק צוגעמאַכט...

עס איז נאַכט. עמעצער קלאַפּט אין מיין טיר.

— הערלויבט.

עס קומט אַריין מיין חבר אברהם. ער ווינקט צו מיר. „וואָס איז?“

— ווילסט גיין?

— ווו?

— דאָרט אַהין...

דעם „דאָרט“ האָב איך שוין פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט און איך האָב אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין,

— עס שאַדט נישט, זאָגט ער, דו גייסט מיט מיר.
און מיר זענען געגאַנגען.
איך געדענק נישט ווו און וווהין. ער האָט מיך ערגעץ־ווו אין די יידישע גאַסן פאַרפירט, אַריין מיט מיר אין אַ לאַנגן, שוואַרצן קאָרידאָר, דערנאָך אויף טרעפּן, און אַרום אונדז איז אַזוי שוואַרץ געווען. דאַכט זיך, אַז נישט די רוסישע ביוראָקראַטיע איז עס אימשטאַנד צו געפינען, נישט אפילו דער טייוול אַליין. אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּן, האָט מיין האַרץ געקלאַפּט: אָט דאָ קום איך אין ריכטיקן „מקור"...
מיין חבר האָט ערגעץ־ווו אָנגעקלאַפּט, צי אין אַ טיר, צי אין אַ וואַנט, געגעבן אַ פּאַראָל און אַ טיר האָט זיך געעפנט.
מיר זענען אין אַ קליין פינצטער שטיבל, ווו דער פלאַם פון דעם ברענענדיקן לעמפל איז פאַרטרונקען אין אַ וואָלקן רויך פון פּאַפּיראָסן און קעפּ. איידער מיר זענען אַריין, זעט זיך אויס, האָט מען געמוזט זיין פאַרנומען אין זייער אַן ערנסטן שמועס, נאָר ביי אונדזער אַריינקומען איז דער שמועס געוואָרן איבערגעהאַקט און עס איז זייער שטיל געוואָרן.
איינער האָט אויפן צווייטן געקוקט.
אויף אַ בעט, ביי אַ קליין טישל איז געזעסן אַ פרייליין מיט זייער שוואַרצע האָר, אַרום איר האָבן זיך אייצט אַרומגעקליבן אַ פּאָר יונגעלייט און מען האָט זיך אָנגעהויבן צו סודען.
אין דער קופּקע איז אויך אַריין מיין חבר אברהם, ער האָט עפּעס זייער ערנסט געטענהט, מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל. אייניקע האָבן פּראָטעסטירט, דאָך, נאָך אַ לאַנגער ווײַלע האָט זיך דאָס פרייליין אָפּגערופן:
— חברים, רעדט ווייטער!
ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט מען גערעדט וועגן אַ גראַנדיעזער מאַניפעסטאַציע אויף מאָרגן צום ציענטן פּאַוויליאָן, פּאָדערן די קערפּערס פון די טויט־געריכטע חברים: יענקלם און נאָך אַנדערע.
אין אַ ווינקל איז געזעסן איינער אַ יונגערמאַן, זייער מאָדנע אָנגעטאָן, (דערנאָך בין איך געוואָויער געוואָרן, אַז עס איז אַ זעלנער פון שלאָס), און האָט דערציילט פון דער נאַכט, ווען מען האָט יענקלען זיין רעכטס געטאָן.
זיבער, מיט רואיקע טריט איז יענקל געגאַנגען, געפירט צווישן די

צוויי זעלנער צו דער תליה, און שטייענדיק אויף דער תליה, איידער ז'ער תלין האָט אים דעם שטריק איבערן האַלדז פאַרלייגט, האָט ער זיך געווענדעט צו די זעלנער, צו די אָפיצירן:

„זעט, מענטשן זענען זיך מוסר נפש, גייען מיט ז'כערע טריט צום טויט, קעמפנדיק פאַר דער פרייהייט, פאַר אַ בעסערער צוקונפט, פאַר אונדז, פאַר אייך...“

דער אָפיציר האָט געהייסן פויקן, אַז מען זאָל נישט הערן, וואָס ער רעדט. נאָך דער זעלנער פון דער פויק, האָט זיך אַ מיגוט פאַרוויגערט, געוואָלט הפנים אויסהערן, וואָס טראַכט אַ מענטש פאַרן טויט.

און עס האָט זיך נאָך געהערט זיין קול...

— באָמ—מ—מ—ם! — האָט די פויק געקלאַפּט.

און שוין — אַ לאַנגער כאָרכל, אַ צאַפּלען מיט די פיס, און פאַר אונדזערע אויגן האָט שוין געהאָנגען אַ טויטער קערפּער, איינגעוויקלט אין אַ קאַפּאָטע, טויט און שטום, נאָר מיט אַ טיפן סוד פון „יענער וועלט“...

נאָך יענקלען האָט מען אַרויסגעפירט אַ צווייטן בחור, וועלכן מען האָט געהאַט באַשולדיקט, אַז ער האָט געשאָסן אויף אַ קאַזאַק.

דאָס איז נאָך געווען אַ יונג קינד, פון אַ יאָר 17—18, בלייך אויפן פנים, דאַר, און שרעקלעד שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין זיין בלייך פנים ווי מייז=לעכער. די אימה פאַרן טויט איז אים געלעגן אויפן פנים. ניין, ער איז נאָך נישט געווען צוגעגרייט צום טויט, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער די שרעקלעכקייט פון דעם אויפהערן צו זיין, און ער האָט געוואָלט לעבן, ווייטער לעבן, אין אַ פינצטערן קערקער, אבי נאָר די האָפנונג נישט צו פאַרלירן, לעבן.

נישט געוואָלט האָט ער גיין צום טויט, האָט ער זיך פאַר דער וואַנט געכאַפּט, און געמאַכט שרעקלעכע געוואַלדן...

נאָר די געוואַלדן זענען געווען אַזוי אוממענטשלעך, אַזוי שרעקלעך און אַזוי גרויזאַם, אַז די האָר פון קאָפּ האָבן זיך אויפגעשטעלט, די גאַנצע שרעקלעכקייט פון אַ מענטש, ווען ער דערזעט דעם טויט פאַר זיך, איז געווען אין זיין געשריי.

— מאַמע... לעבן... מאַמע... מאַמ...

פון די געוואַלדן האָט זיך די גאַנצע פעסטונג אויפגעכאַפּט, ווייבער און קינדער האָבן זיך אין די פענצטער געוויזן. מען דערציילט, אַז לאַנג, שוין זייער לאַנג, האָט מען נישט געהערט אין שלאָס אַזעלכע געוואַלדן.

צוויי קאַזאַקן האָבן אים פאַר די האָר גענומען, די איבעריקע ביי די הענט און פיס און האָבן אים צו דער תליה געטראָגן.

און די פויק האָט געקלאַפּט הויך, שטאַרק, וואָס אַמאָל העכער, שטאַרקער, נאָר דעם אומגליקלעכנס געוואַלדן האָט זי נישט געקאָנט פאַר־טויבן.

אַז מען האָט אים אויף דער תליה אַנידערגעשטעלט, האָבן זיך די פיס הינטער אים געבראָכן, און ער איז געפאַלן הינטער זיך, האָבן אים צוויי קאַזאַקן דעם קאָפּ מיט געוואַלד הינטער דער פעטליע אַריינגעשטעלט...

— מאַמע... מאַם... — האָט זיך נאָך געהערט דאָס לעצטע מאָל דער אויסרוף פון אונטער דעם תליגס שטריק.

אין אַ מיגוט אַרום האָט שוין אַ מענטש — אַ שמאַטע געהאָנגען, און איז שוין זייער שטיל, זייער רואיק געווען...

דער עולם האָט די „מעשיות" אויסגעהערט שטיל, אָבער דאָך גענוג גלייכגילטיק; זעט זיך אויס, אַז זיי זענען געוווינט צו אַזעלכע „מעשיות" און עס מאַכט שוין אויף זיי קיין איינדרוק נישט.

דער עולם האָט זיך איצט גענומען האַנדלען איבער דעם, ווי טעכניש די מאַניפעסטאַציע דורכצופירן, צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס אד״גל.

אין דעם קלאַפּט מען אין טיר.

דער עולם ווערט שטיל.

מען גיט אַ פאַראָל און אַ קליין מענטשל גיט אַ קום אַריין און פירט מיט נאָך וועמען דאָרט. מען רוימט זיך עפּעס.

עס ווערט זייער שטיל.

די אָנגעקומענע פאַרלאָזן באַלד דאָס חדר.

— חברים! — רופט זיך אָפּ דאָס פרייליין, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויס — אין וואַרשע איז געוואָרן דערקלערט קריגס־צושטאַנד, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געגעבן אַ באַפעל די זעלנער צו שיסן ביי דער קלענסטער מאַסן־פאַרזאַמלונג!

— חברים! עס ליגט זיך צו אָפּפערן אַ געוויסע צאָל קרבנות אויף אַזאַ מאַניפעסטאַציאָן. עס שרייט אין די גאַסן! — האָט זיך אָפּגערופן אַ קול פון אַן אָנגעזעענער פערזאָן.

— געוויס! — האָבן זיך אָפּגערופן אַנדערע קולות, ווי מען וואָלט מענטשן־לעבנס געציילט ווי אַרבעס...

איך פרעג אין דער שטיל מיין חבר אברהמען, אויב איך מעג מיך אָנרופן. אַ פּאָר „גענעראַלן" האָבן מיך שטרענג אָנגעקוקט.

— חברים — זאָג איך — יעדן מענטשנס לעבן איז אַ הייליקטום פאַר זיך באַזונדער, אַ וועלט באַזונדער. מען טאָר נישט שפּילן זיך מיט יענעמס לעבן אויף צוועקן, מעג דער צוועק זיין ווי הייליק. איך האָב נאָר רשות אויף מיין אייגענעם לעבן, אָבער קיינמאָל אויף יענעמס...

מען איז מיך באַפאַלן ווי מיט האָגל:

— מיר דאַרפן נישט קיין רחמנות.

און אפשר האָבן זיי רעכט.

זיי זענען וועגווייזערס, בויערס פון אַ נייער וועלט, און יעדער איז נאָר אַ ציגל צו בויען די נייע וועלט. איך בין אַ צעבראָכענער, אָרעמער זינגער, איך זע אין יעדן מענטש, אין יעדן אינדיווידואום אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך אַליין... איך וויל שוין גאָרנישט רעדן.

מיין חבר האָט מיך צוריק אַראָפּגעפירט.

לאַנג האָב איך מיך גאַס איין, גאַס אויס געדרייט. פיל מאָל האָט מען מיך אָפּגעשטעלט, מיין פּאַס באַקוקט, פילע פּאַטראָלן האָב איך אויפן וועג באַגעגנט פירן מענטשן אין צירקל אריין. ווי משוגע בין איך אַרומגעלאָפן. דאָך צום סוף זיך צו מיין וווינונג דערשלאָגן...

אַז איך בין אַרויף די שוואַרצע, הויכע טרעפּ, האָט מיר אַן אָדער צי אין מוח, צי אין האַרצן געקלאַפּט:

— מאָרגן פאַרן פּאַוויאַק!

ווי אַ מידער הונט בין איך אויף מיין בעט געפאַלן, און לאַנג, לאַנג אין דער פינצטערער נאַכט געקוקט. דאַכט זיך איך האָב איבער עפּעס וואָס געקלערט.

נאָר וואָס — געדענק איך נישט.

---

מאָגנטיק.

די זון האָט אין מיין פענצטער געקוקט, באַגאָסן מיין אָרעם שטיבל מיט ליכט, און מיין האַרץ האָט עפּעס נישט ווילנדיק אָנגעהויבן צו קלאַפּן:

— מענטש, שטיי אויף!

און אָנגעצונדן מיט ענערגיע האָט עס מיך פון די טרעפּ געהויבן.

איך בין אין גאַס געקומען. שטיל איז אין גאַס. די געוועלבער זענען צו, די שויפֿענצטער פֿאַרהאַקט. מאַסן מענטשן דרייען זיך איבער די טראָטואַרן, רואיק, מיט איינגעהאַלטענע טריט, האַנט ביי האַנט, אַקסל ביי אַקסל. און איין נשמה לעבט אין דער שוואַרצער מאַסע, אַ נשמה פֿון אחדות, פֿון איין טייל לעבן...

עס קומט צוגיין אַ מענטשל און וואַרפֿט אַ וואָרט... און ווערט פֿאַרשוואונדן. מען ווייסט נישט ווער, נישט ווו. און דער עולם איז שוין אַראָפּ פֿון טראָטואַר, פֿאַרנומען די גאַס, און מען גייט.

צוויי הויכע שערענגעס הייזער ציען זיך גאַנץ ווייט אוועק און ווערן ערגעץ ווייט פֿאַרנעפּלט. און צווישן די שערענגעס הייזער — די מאַסן, אַ ים קעפּ.

און אויף דעם ים קעפּ שווימט, ווי אַ זעגל־בוים, אַ פֿאָן אַ רויטע, און ווייזט אַ וועג...

נישט פֿון גאָלד געהעפֿט, נישט רייך געפּוצט איז די אַרבעטער־פֿאָן. אין דער שוואַרצער נאַכט, אין פֿינצטערן קעלער, האָט די מאַמע — די גויע — דעם פֿאָדעם געשפּינט, די שוועסטער — די סובאָטניצע (פֿון דער טאַבאַק־פֿאַבריק), האָט די פֿעדעם אויף דער וועבשטול אויפֿגעצויגן. און דער ברודער — דער דלות, האָט די פֿאָן געשפּינט.

אין בלוט זענען די פֿעדעם געטונקט געוואָרן; אין בלוט פֿון די הרוגים, פֿון אָרעמקייט, פֿון גויט און דחקות.

פֿלאַטער, אָרעמקייט, פֿלאַטער איבער דעם ים קעפּ, און שאַרף און שטאַרק זאָג דיין וואָרט, וואַרף דיין וואָרט אין מענטשנס געזיכטער.

שאַרף און שטאַרק, ווי דיין האַמער, גוי דיין האַנט איז.

און פֿון טויזנטער ברוסטן איין געוואַלד, איין געשריי און איין קול:

און די „שבועה“, ווי גאָטס וואָרט, ווי אַ ווינט וואָס איז אַקאָרשט אַרויסגעלאָזט פֿון אונטער דעם „אוצר הרוחות“ טראָגט זיך אין גאַס. דער „יחיד“ איז אויס יחיד געוואָרן. יעדער איז געוואָרן אַ חלק אין דעם גרויסן, גרויסן כּלל — אין דעם פֿייער פֿון אחדות — וואָס איין אומגעהויערע, אומבאַוווּסטע קראַפֿט האָט זיי אַלע צוזאַמענגעבונדן.

פֿייער, אָרעמקייט, דיין יום־טוב, דיין רויטן יום־טוב — דעם יום־טוב פֿון דיינע הרוגים!

זעלנער קומען אָן.

אַ גאַנצע ראָטע. אַ מינוט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. אַ מינוט האָט

זיך די מאַסע אויך אָפּגעשטעלט. באַלד ווי גאָרנישט. איינער איז אַריין אין צווייטן, און עס איז שטיל געוואָרן, זייער שטיל.

צוויי רוחות האָבן אַ מינוט איינער דעם צווייטן אין פּנים געקוקט.

מען האָט נאָך נישט געוווּסט צי האָט זיך שוין אָנגעהויבן... מען האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז. — עפּעס אַ ווינט איז דורך אונ־דזערע קעפּ דורכגעפלויגן.

— טראַכ—כ—ך!

דאָ און דאָרט האָבן זיך מענטשן איינגעבויגן אין דער מאַסע. און אין דעם ים קעפּ זענען עפּעס לעכער געוואָרן. טראַכ—כ—ך!

אַ ווינט האָט מיין קאַפּעליוש אַראָפּגעשלעפּט.

מיין חבר אברהם בייגט זיך איין.

— וואָס איז דיר?

ער ענטפערט מיר נישט.

— זוכסט עפּעס?

זיינע פיס גליטשן זיך אונטער אים.

איך בייג מיך אַראָפּ, איך טאַפּ אָן, עפּעס רינט מיר דורך מיין האַנט.

— וואָס איז דאָס?

עס איז ווער געפאַלן איבער מיר.

מיין קאָפּ ליגט אויף עפּעס זייער ווייכס.

עס איז מיר זייער פינצטער אין די אויגן...

---

מיטוואָך.

זייער פרי פרימאָרגן.

די וועלט איז נאָך איינגעהילט אין האַלבן נעפּל, דאָ און דאָרט קע־רעווען זיך אַרויס פון וואָלקן הויכע רייען הייזער — אַ גאַס.

לער און ליידיק איז די גאַס, קיין מענטש, קיין פערד, קיין הונט. נאָר געדיכטע פּאַטרולן זעלנער געפירט פון אַ גאָראָדאָוואָי שפּרייזן דורך די גאַס, און די באַליידיקטע הייזער — טריבע, פאַריתומטע. עס דאַכט זיך, אַז די איינוווינער זענען אין זיי אויסגעשטאָרבן. אין יעדן פענצטער אַ מת באַדעקט מיט אַ שוואַרץ ליילעך, און די זעלנער היטן קאַטאַקאַמבן...

לוויות ציִען זיך איבער דער גאַס, פון שפּיטאָל אויפן בית־עולם. די קרבנות פון דער מאַנטיקדיקער דעמאָנסטראַציע. אַ שוואַרצער קאַסטן

געצווינגן פון אַ בלינד פערד. אַ קרייץ פון פאַרנט, אַ טאַטע אָדער מאַמע נאָכן קאַסטן...

און זיי מישן זיך אויס, די זעלנער מיט די לוויות, און די שטאָלענע קרייצן קוקן אַרויס פון די שטאָלענע זעלנערישע פּיקעס. און זיי שלעפּן זיך די שוואַרצע קאַסטנס ווי די קוילן־וועגן פון דער טאַוואַראָווע, דורך דער אייזן־גאַס...

ווער זייט איר, יונגע קרבנות? האָט מען כאָטש אייערע נעמען פאַר־צייכנט?

מיין חבר אברהם! ליגט אפשר דיין קערפּער אין איינעם פון די וועגן? נאָר איך האָב דעם וואָגן נישט דערקענט — ווייל אַלע זענען גע־ווען גלייך.

אַ קרייץ פון פאַרנט, אַ טאַטע, אַ מאַמע פון הינטן, פוןביידע זייטן מיט פּאַטראָלן זעלנער באַגלייט.

שרייבנדיק די ווערטער, ליגט מיין טיכל פאַר מיר, מיין טיכל דורכגע־ווייקט אין דיין בלוט, אין דיין יונג בלוט.

אברהמס בלוט, אברהמס בלוט! איך האָב דיך געקענט. איך האָב געוווסט דיינע ליידן, איך האָב אָבער אויך געוווסט דיין גלויבן, דיינע שטרעבונגען, נאָר וואָס דו האָסט אַזוי הייס געקאָכט אין אברהמס אָדערן...

אברהמס בלוט — פאַרגאָסן אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס אין דעם רינשטאָק. צי האָט ער כאָטש געוווסט, דער סטרוזש פון מאַרשאַלקאָווסקע גאַס נומער 153, אַז דאָס בלוט, וואָס ער האָט אָפּגעוואַשן פון די שטיינער און אין זיין שאַף אויסגעשווענקט — איז געווען דיין בלוט — היין יונג, לעבעדיק בלוט?!

איך האָב עס געקענט! — — —

---

מיט צוויי טעג שפּעטער.

פרייטיק.

איך בין אין גאַס אַרויס. אַ טריט צוויי־דריי פאַר מיין טיר באַגעגנט מיך אַ פּאַטראָל. דעם סטראָזשניק — וואָס האָט געפירט דעם פּאַטראָל — האָט אַוודאי מיין אויסזען נישט געמוזט געפעלן. גייט ער צו צו מיר און מען נעמט מיך אין מיטן אַריין און מען הייסט מיך גיין. גיי איך. אַ מינוט

בין איך א יחיד: באַלד גייט דורך אַ צווייטער ייד, און האָט זיך אומגע־קוקט הינטער זיך, דער סטראַזשניק האָט עס באַמערקט, גענעבן אַ ווינק צו אַ זעלנער, ער זאָל אים הייסן מוחל זיין. און מיר גייען שוין געפּאָרט.

— שלום עליכם, אַ ייד.

— עליכם שלום, פעטער.

— אָפּגעדראַוונט, אָנגעבּיסן און געגאַנגען אין גאַס אַרויס — מוכן ומזומן אַ גראָשן געלט פאַרדינען. — דאָס ווייב ווארט מיטן מיטאָג אויף מיר, האָסטו דיר אַ חתונה, זייער קאָפּ זאָל אַזוי שטיין צו טאַנצן ווי מייַ־נער שטייט מיר יעצט מיט זיי שפּאַצירן צו גיין.

— וואָס קאָנען מיר טאָן?

— אַז מיר זענען אין גלות — לייגט ער צו — אָבער ווי לאַנג קאָן ער אונדז פירן?

— ווי לאַנג עס וועט אים געפעלן.

נישט לאַנג זענען מיר געווען אַ פּאָרל. מיר דערזען אַ דריטן צווישן זיך. געווען איז עס אַן אַרבעטער־ייִנגל מיט אַ פּעקל אין דער האַנט.

— שליעדזשא מאַם — איך האָב אַ הערינג — ווייזט דאָס ייִנגל דעם סטראַזשניק דעם אויפגעוויקלטן הערינג, פון וועלכן טראָפּנס זאַלץ האָבן גערונען.

— ניטשעוואָ, אידי, אידי!

— מיד האָט די מייסטערין געשיקט נאָך אַ הערינג מיט אַ ברויט, פירט ער מיך גאָר אין צירקל (אוטשאַסטאָק) אַריין. זי קער אין דער היים שוין לאַנג וואַרטן — זאָגט דער יונג צו אונדז.

— עס דערוויל דעם הערינג אויף. מען קאָן אים דיר נאָך קאָנפיס־קירן אין צירקל.

— אוודאי וועל איך אַזוי טאָן, וואָס דען מיינט איר? — ברעכט דער יונג דעם הערינג אויף צוויי — אפשר ווילט איר, פעטער, פאַרזו־כן? — דערלאַנגט ער די צווייטע העלפט מיר מיט מיין שכן.

דער ייד וויל נישט.

— כאָטשעש, בראַט? — ווענדעט ער זיך מיטן האַלבן הערינג צו דעם זעלנער, וואָס גייט נעבן אים.

— דאַוואַי, בראַט! — מאַכט דער זעלנער, און נעמט דעם הערינג אַריין אין אַרבל, און זויגט אים באַהאַלטענערהייט, ווי ער וואָלט אַ פּאַפּי־ראָס גערויכערט, שטייענדיק אויפן קאַראַול.

— מי סמאָי! — שרייט דער סטראַזשניק צו אַ דורכפאָרנדיקער דראָזשקע, וועלכער האָט שוין דאָס פערד איין.

אַ דערשראָקענער יונגערמאַנטשיק, עלעגאַנט געקליידעט, קוקט אַרויס פון דער דראָזשקע.

— ווילעזאי! — באַפעלט דער סטראַזשניק.

— געוואַלד, מיין ווייב גייט מיר צו קינד, איך פאָר נאָך דער היי־באַם! — שרייט און בעט זיך דער יונגערמאַנטשיק מיט טרערן אין די אויגן.

— גיטשעוואָ, בראַט, ווילעזאי! — באַפעלט דער סטראַזשניק.

ער איז גלייך אַראָפגעקראָכן פון דער דראָזשקע. אַ ברירה האָט ער געהאַט.

— זי מוז שוין געווינען — קרעכצט דער יונגערמאַנטשיק.

— מזל־טוב, אַ בן־זכר! — זאָגט דער ייד.

— שטעלט, פעטער, לעקעך און בראָנפן.

יענע לאַכן.

— אַ חורבן נאָך דעם געלעכטער.

אַזוי שפּאַצירן מיר איבער דער טוואַרדע גאַס.

און דאָ לויפן מענטשן, האַנדלען און וואַנדלען, שאַפן זיך געלט ווער־סלען צו צאָלן — אַ פינף זעקלער מעל קויפן. אַ פּראָווינצער ייד לויפט איינקויפן און אהיימכאַפן זיך — ווייל די באַנען וועלן זיך שטעלן.

אַ יידענע מיט עפּל שטייט ביי אַ לאַמטערן און פאַרקויפט עפּעלעך חדר־יינגלעך.

דעם סטראַזשניק געפעלט ניט די יידענע, אוודאי אַז „אינטעלי־גענטקע", אַ „רעוואָלוציאָניסטקע", אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַז מיר זענען געוואָרן איבערגעגעבן אויף דעם סטראַזשניקס פּסיכאָלאָגיע.

ער נעמט די יידענע.

— אַ בייזע גאַכט אויף זיין קאָפּ! איינגעשלאָסן די קינדערלעך אין דער היים, אַרויסגעלאָפן אַ פאָר גראָשן לייזן און אַ ברייטל קויפן.

— יידן, געוואַלד, וואָס טוט מען?! די קינדער קאָנען דאָך אין דער היים פאַר הונגער אויסגיין.

אַז עצה איז דאָ דערויף? מיר גייען ווייטער.

— ווי לאַנג קאָן דער שפּאַציר דויערן?

— עס זאָל זיך כאַטש ענדיקן פאַר דריי, איך האָב מיטאָג פונקט

דריי אַזייגער. מיין ווייב וואָלט מיר דעם טויט געמאַכט, ווען איך וואָלט מיך פּאַרשפּעטיקט — רופט זיך אָן איינער צווישן אונדז.

— איר וועט עסן מיטאָג, ברוך השם, אָן דעם ווייב, אין אַן אַנדערער חברותא — איז אים מבשר דער יונג פון הערינג.

— אַוודאי ניישט. דאָס ערשטע מאָל ביי אים — טרעפן טייל אויף דעם יונג — מיטגעמאַכט שוין אַמאָל די חתונה? העי?

— מיטגעמאַכט, וואָס דען?

— נו?

— איר וועט פאַרזוכן — וועט איר געניסן...

ביי ענדע קרולעווסקע גאַס האָט דער סטראַזשניק א יונגערמאַנטשיק וואָס האָט געוואָלט פּלינק אויף יענער זייט טראָטואַר דורכגיין, אָפּגעשטעלט.

— שטיי!

— איך האָב א פּאַס — זאָגט דער יונגערמאַנטשיק — און נעמט אַרויס א ביכל פון קעשענע — „חיים גאָלדמאַכער".

— ווסיאָ ראַוונאָ — זאָגט דער סטראַזשניק — אין צירקל וועט מען זען.

און ער גייט שוין צווישן אונדז.

— איך האָב אים אין דר'ערד, איך קום אין צירקל אַריין, גיי איך צו צום קאָמיסאַר — וועט איר זען, כאַפּט ער די עליה: מיינער א גוטער באַקאַנטער, וואַרט, טאָמער טרעף איך דאָ דעם פּאָמאָשטשניק, א רעוויראָווע פון צירקל, אויפן וועג — איך זאָג נאָר איין וואָרט... — זאָגט דער יונגערמאַנטשיק וואָס האָט א „פּאַס".

— הער לעבן! — הייבט זיך אָן צו בעטן ביים „מאַכער" די יידענע — א לעבן אויף אייך, ראַטעוועט אַרויס אַן אומגליקלעכע מאַמע, כ'האָב די קינדער אין קעלער איינגעשלאָסן.

— קאָוואַלעווסקי — שטעלט זיך פאָר פאַר אים דער יונגערמאַנטשיק, וואָס איז געפאָרן נאָך דער הייבאַם, און רוימט אים עפּעס אַריין אין אויער.

— עס וועט שוין רעכט זיין, שוין רעכט זיין... ווינקט דער יונגערמאַנטשיק וואָס האָט א „פּאַס".

— יונגער מענטש, אַז איר זענט שוין יאָ אַזאַ בריה, טאָ לאָזט זען אייערע גבורות — זאָגט צו אים דער ייד פון מיטאָג — און נעמט אונדז אַלע אַרויס פאַר דריי אַזייגער. מיר זענען דאָך גאָט די נשמה שולדיק.

— לאָז מיך נאָר אַ שטיקל רעוויראָווע אונטער דער האַנט אַרונטערקריגן, וועלן מיר 'שוין דערנאָך רעדן.

— אָט גייט, גייט אַ רעוויראָווע! — שרייט איינער פון דער „פּאַרטיע“, דערזעענדיק אַ רעוויראָווע אויפן טראָטואַר,

— דער יונגערמאַן, דער „מאַכער“, קוקט לאַנג.

— אַ באַקאַנטער? — פרעגט מען אים.

— יאָ, אַ באַקאַנטער, סטיעפּאַן מיכאַילאָוויטש.

— פּאַזוואָלטיע, פּאַזוואָלטיע! — שרייט דער יונגערמאַן און מאַכט מיט די הענט, ווי איינער וואָס ראַטעוועט זיך פון וואַסער אַרויס.

דער רעוויראָווע קומט צו.

— גאָספּאָדין סטיעפּאַן מיכאַילאָוויטש — שטרעקט דער יונגערמאַן צו אים די האַנט אויס אויף „שלום-עליכם“, ניע אוזנאַלי?

— אַ קטאָ טי טאַקאָי? — פרעגט אים דער רעוויראָווע.

— יאַ ח-י-י-ם גאָלד-מאַ-כער — דריקט אויס דער יונגערמאַן שאַרף זיין נאָמען.

— ניע זנאַיו קאַקאָי גאָלדמאַכער. — רופט זיך אָן דער רעוויראָווע, און ווענדנדיק זיך צום סטראַזשניק, מאַכט ער אויף זיין לשון: דיערזשי, דיערזשי.

— נישט דערקענט.... — שאָקלט דער יונגערמאַנטשיק מיטן קאָפּ, רויט-טויט פאַר חרפּה.

— אַז עשו וויל נישט, דערקענט ער נישט — זאָגט אַ ייד.

— אין אוטשאַסטאָק וועל איך אים שוין ווייזן — שטאַמלט דער יונגערמאַנטשיק פאַר חרפּה.

און אַזוי האָט מען אין גאַס שפּאַצירט, ביז עס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אַ שטיק 20 — 30. האָט מען אונדז אין צירקל אָפּגעפירט.

פאַר דער טיר פון צירקל האָט מען באַגעגנט אייניקע אַזעלכע „קאָמפּאַניעס“ און מיר האָבן באַגריסט איינער דעם צווייטן.

אַז מיר זענען אין פּאָדערצימער פון צירקל געשטאַנען, האָט מען געהערט פון אינעווייניק שרעקלעכע געוואַלדן, געשרייען, אַזוי ווי פון אונטער דער רוט.

דער יונג פון הערינג איז צוגעגאַנגען צו דעם יידן, וואָס האָט זיך דורכוים אַהיים געאיילט אויף דריי אַזייגער צו מיטאָג, און קלאַפּנדיק אים אין רוקן, מאַכט ער אַזוי:

— גרייט אייך צו, פעטער, צו די „לאָקשן“, וואָס מען טיילט דרינען.

דער ייד איז טויט־בלאַס געוואָרן.

---

דריי אַזייגער.

מען זאָגט, אַז פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל נישט צו שטערן די מאַניפעסטירנדיקע. די פּאַטרולן אין גאַס ווערן וואָס אַמאָל ווינציקער. וואָס אַמאָל ווייזן זיך מער זעלנער צווישן פּובליקום.

פון איין גאַס צו דער צווייטער ציען זיך מאַניפעסטאַציעס מיט רויטע פאָנען. דער סטראָזשניק ביים עק גאַס שטייט, זעט און גלייבט זיי־נע אויגן נישט. דאָס פּובליקום פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל דאָס היטל אַראָפּנעמען, ער טוט דאָס מיט אַן אידיאָטישן שמייכל אויף די ליפּן. טייל פון פּובליקום שטעקן אים די רויטע פאָן אין האַנט אַריין און נע־מען אים מיט, פאָרויס. פענסטער ווייזן זיך אין די פענצטער, מענטשן אויף די באַלקאָנען פאָכען מיט די ווייסע טיכלעך.

אַ מענטש קומט אָן קעגן דער מאַניפעסטאַציע:

— באַגריס די פרייהייט!

— עס זאָל לעבן די פרייהייט!

אַן אָפיציר אויפן טראָטואר נעמט אַראָפּ דאָס היטל.

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! — שאָקלט מיט דער אָפי־ציר מיטן קאָפּ.

אויף אַ לייטער אין מיטן גאַס שטייט אַ „בונדיסט“ און רעדט צום פאָלק:

„מיר געניסן פון דער פרייהייט, בשעת די וואָס האָבן אונדז געגעבן די פרייהייט שמאַכטן אין די קערקערס פון פּאַוויאַק, אין דעם צענטן פּאַ־וויליאָן!“

— צום פּאַוויאַק! — שרייט דאָס פּובליקום.

— צום פּאַוויאַק!

עס קומט אָנצולויפן אַ קאָמיסאַר פונעם צירקל, דאָס האַרץ זיינס קאָן נישט פאַרטראָגן, וואָס עס טוט זיך אין גאַס אָפּ. עס גייען דורך אייניקע זעלנער מיט ביקסן. ער לויפט צו צו די זעלנער און קאָמאַנדירט:

— שיסן!

— טראר־כר!!

און עס פאַלן צוויי מיידלעך, זייערע האָר איינגעטונקט אין בלוט.

דאָס פובליקום גיט א רינגל ארום די זעלנער, מען גיט א כאַפּ פון זיי די ביקסן ארויס, דער קאָמיסאר אנטלויפט אין אַן אָפענעם טויער, וואָס איז געווען קעגנאיבער אים.

דאָס פובליקום לויפט נאָך. ער האָט דעם טויער פארקלאַפּט.

— אויפרייסן! — שרייט דאָס פובליקום, און הונדערטער הענט גיבן זיך א לעג אָן אין טויער.

— פארברענען דאָס הויז מיט אים אינאיינעם! — שרייען אנדערע.

עס באווייזט זיך אַן אָפיציר אויף א טיש:

— „חברים! — גיט ער א געשריי — פארשמוצט נישט אייערע הענט אין זיין ברודיק בלוט. ברודיק איז זיין בלוט, וואָס האָט געשט פארשטאַנען די פרייהייט. גיט אים איבער אין מיין האַנט, איך וועל אים משפּטן".

— גוט! — שרייען קולות פון פובליקום.

מען רייסט אויף דאָס טויער, מען פירט ארויס דעם קאָמיסאר, דער אָפיציר רייסט פון אים די שליפעס אראָפּ. עמעצער פון פובליקום כאַפּט ארויס דעם קאָמיסארס שווערד און צעברעכט זי אויף שטיקלעך. מען גיט אים א נעם און צוויי יונגען פירן אים אונטערן ארעם אין צירקל אריין.

— אזוי ווי ער האָט ביז איצט מיט אייך געטאָן, אזוי טוט מיט אים איצט.

— אך, פובליקום, פובליקום, ווי לייכטזיניק דו ביסט...

— אך, פובליקום, פובליקום, ווי אומבארעכנט דו ביסט.

עס ווערט שטיל.

פון דאָרט קומט אָן א מאניפעסטאציע. די מאניפעסטאציע טרעט אָפּ אין א זייט, און מאכט א וועג פאר יענער. עס ווערט זייער שטיל צווישן עולם. אַלע נעמען די היטלען אראָפּ, אַלע בייגן די רויטע פאָנען לכבוד יענער מאַניפעסטאַציע, וואָס קומט אָן צו ציען פון מארשאַלקאָווסקע גאַס.

וואָס איז געשען?

רואיק און שטיל גייט דורך די מאניפעסטאציע דורך דער גאַס. צוויי סטודענטן טראָגן א טויטן חבר אויף די אָרעמס, פאָרויס גייען אייניקע פּרייוולינס, טראָגנדיק דעם געהרגעטנס מאַנטל אין בלוט איינגעטונקט.

שטיל איז געווען די מאַניפעסטאַציע.

אָן געזאַנג, אָן רעדעס...

פארנאכט.

די גאס איז ווי זי וואָלט עפּעס געוואָרן פון גלות אויסגעלייזט... פון אלע הייזער האָבן זיך טיר און טויער געעפנט. און כוואליעס מענטשן האָבן זיך פון די הייזער ארויסגעגאָסן. אין גאס איז הײמלעך. די גאס איז פרייליך.

אלע מיט יום־טובדיקע פּנימער, רויטע בלימלעך אין די קלאפּעס, פרייליכע מיט רויטע בענדער אויף דער ברוסט, מיט געזאנג אויף די ליפּן לאָזן זיך פון גאַס צו גאַס. איינער קען נישט דעם צווייטן, און איינער־באַגריסט דעם צווייטן, מענטשן קושן זיך אויף דער גאס, אומבאקאנטע מיט אומבאקאנטע נעמען זיך אין די אָרעמס, שפּאצירן אינאיינעם, און זינגען אינאיינעם איין פרייהייטס־ליד. א זעלנער מיט א ביקס זעט מען אין גאס נישט. די איינצלנע זעלנער, וואָס גייען אין גאַס, האָבן זיך אינאיינעם אויסגעמישט מיטן פּובליקום, דאָרט קושט זיך אַ יונגערמאַן מיט אַ זעלנער, דאָרט כאַפּט האָט פּובליקום אַ זעלנער אויף די הענט, און טראָגן אים אין מיטן גאס.

— באגריסט די פרייהייט!

— עס זאָל לעבן די פרייהייט!

— הורראַ!

אין די פענצטער ווייזן זיך אילומינאציעס. פון איבער דעכער שיסן אויס ראקעטן, וועלכע צינדן א האלבן הימל אונטער. און איבער די גאסן גיסן זיך כוואליעס מענטשן, איינע אויף די צווייטע, אויף אלע געזיכטער שיינט איין האָפענונג און עס גיסט זיך דאָס געזאנג פון טויזנטער מיילער:

„און ריכטער וועלן דענסטמאָל זיין מ י ר!“

אַלטע און יונגע, קינד און קייט, זענען אויף דער גאַס. פריי און אָפן איז אלץ געוואָרן, עפּעס א גרויסער יאָך איז פון אקסל געפאלן, און דיר דאכט זיך, אז די גאנצע וועלט איז פארוואנדלט געוואָרן אין אָט יענער וועלט, פון וועלכער מיר האָבן זיך אין אונדזערע קינדער־יאָרן אזויפיל לעגענדעס אָנגעהערט — אין דער פרייהייטס־וועלט, וואָס איז אויף יענער זייט ים. דאָס פאָלק קושט דעם סאָלדאַט, וואָס עס טרעפט אָן אויפן וועג. שטעקט אָן די קעשענעס פון דעם סטראַזשניק מיט אַלע גוטע זאַכן, און ווארעם דריקן אים יונגע מענטשן די האַנט און באַגריסן אים:

— פרייע בירגער!

פארגעסן האָט דאָס פאָלק די שנאה פון נעכטן, פארגעסן אין דער נקמה, וועלכעס עס האָט געשווירן ביי די קברים פון די קרבנות. פאר=

געסן האָט דאָס פאָלק אין אלעם. און איין גרויסע ליבע האָט ארומגענומען דעם מענטשנס הארץ. און ברייט און ווייט האָבן זיך די אָרעמס אויסגעשפרייט:

— גאָט, ווי ברייט איז דיין וועלט!

און צו דעם טיראנישן באדריקער האָט דאָס פאָלק די האנט אויסגעשטרעקט, און הארציק און ברידערלעך זיין האנט געדריקט.

— זיי באגריסט, דו פרייער בירגער!

און די פרייהייט האָט זיך אין דער לופט געטראָגן, אָנגעפילט דעם גאנצן רוים און ווער עס האָט די לופט געשעפט, האָט אין זיך די פרייהייט געפילט:

— זיי באגריסט, דו פרייער בירגער!

נאָר דאָרט ווייט אין עק גאס, צווישן די הויכע ציילן הייזער איז די זון אונטערגעגאנגען אין אַ רויט געשטאַלט, און אַ נעפּל האָט איינגעהילט די גאַס. דער רויטער זון־אונטערגאַנג האָט פון דעם נעפּל אַרויסגעקוקט, און דערמאָנט אין עפּעס...

עס האָט זיך געדאכט, אז דאָרט זענען פארגליווערט געוואָרן די שטראָמען בלוט פון די טויזנטער יונגע לעבנס, וואָס די איינע מינוט פרייהייט האָט אָפּגעקאָסט, און פון דאָרט, פון יענער זייט וועלט ווינקט אהער צו אונדז דאָס בלוט, און גריסט פונדערווייטנס:

— זיי באגריסט ,דו פרייער בירגער!

— צום פּאוויאַק! פארן ראטהויז!

— באפרייען די ארעסטירטע!

— אמנעסטיע!

פון עק גאס קומט אָן צו ציען א לאנגע און א ברייטע מאניפעסטאציע מיט רויטע פענער און מיט געזאַנג. פאָרויס לויפט אַ יונגערמאַן מיט א שטעקן אין דער האנט, און מאכט עפּעס מיטן שטעקן אהין און אהער. עס לויפט איין יונגערמאן נאָכן צווייטן, שטעלן אָפּ וועמען זיי טרעפן אויפן וועג:

— צום פּאַוויאַק! צום פּאַוויאַק!

פארן פּאוויאק זענען שוין געשטאנען איין דעמאָנסטרירנדיקע מאַסע נאָך דער צווייטער. יעדע פּארטיי מיט איר פאָן. פאר יעדער פּארטיימאסע איז געשטאנען א רעדנער אויפן צווייטנס אקסל, און גערעדט פארן עולם:

— מיר געניסן פון דער פרייהייט וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן,

יעצט אין דער מינוט ווען זיי שמאכטן נאָך אין די פינצטערע קאמערן פון פּאוויאַק! ניין! נישט פריער וועלן מיר אָפּטרעטן פון דאנען, ביז זיי וועלן נישט זיין צווישן אונדז!...

און וואָס אַמאָל מער זענען אָנגעקומען אין הויפן נאָך דעם צווייטן, איין מאניפעסטאציע נאָך דער צווייטער און האָבן פארנומען די גאנצע דזשעלנע, קארמעליצקע ביז נאָך לעשנא.

די קארמעליצקע גאס איז אין איין מינוט געוואָרן באלויכטן אין איין פלאם פייער. אין יעדן פענצטער, פאר יעדער טיר זענען געווען ארויסגעשטעלט לייכטנדיקע לאָמפּן, ברענענדיקע ליכט, און גרויס און קליין, יונג און אלט האָבן פארוואונדערט געקוקט, וואָס טוט זיך דאָ אָפּ.

פארן פּאוויאַק, פּנים אין פּנים מיט די מאניפעסטאנטן זענען געשטאַנען קאָזאַקן אויף פערד, מיט די ביקסן אין די הענט, און האָבן נישט צוגעלאָזט די מאניפעסטאנטן צום פּאוויאַק צו. די מאניפעסטאנטן האָבן ארויסגעשיקט פון זיך דעלעגירטע — פארשטעלן זייערע פארלאנגען די אָפיצירן פון די קאזאקן:

— מיר ווילן אונדזערע ברידער דאָ צווישן אונדז! — האָבן די דעלעגירטע געזאָגט צו די אָפיצירן.

— חברים, לאָמיר אויפהייבן אונדזערע שטימען, לאָמיר הויך זינגען אונדזער פרייהייטס-ליד, אז זיי דאָרט אין די פינצטערע לעכער פון פּאוויאַק זאָלן אונדז דערהערן! זאָלן זיי וויסן, אז מיר זענען געקומען הינטער די טויערן פון פּאוויאַק זיי באפרייען און פריער וועלן מיר זיך נישט רירן פון אָרט, ביז זיי וועלן נישט זיין צווישן אונדז! — האָט איינער געשריגן פון עולם, רייטנדיק אויף א צווייטנס אקסל.

„עדות וועלן זיין די ליכטיקע שטערן...“

און פון ערגעץ-ווו גאנץ טיף, ווו עס מוז זיין זייער טונקל און פייכט האָבן שטימען פון ציטערנדיקע ברוסטן אָפּגעענטפערט, און עס האָט זיך געדאַכט, אז זיי וואָלטן פון הוילן פּאַס ארויסגעגאַנגען:

מיר „שווערן! מיר שווערן!“

דאָס איז געווען די שבועה פון זיי דאָרט, פון שוואַרצן פייכטן, גרויסן פּאוויאַק...

דער פרייהייטס-טאָג איז אין די שטיבער אריינגעדרונגען און ארויסגערופן אויף דער גאס קינד און קייט:

— קומט געניסן פון פרייהייטס-טאָג!

און פארלאָזן האָבן די שטיבער פרויען און אַלטע לייט, מאמעס האָבן

זייערע זייגנדיקע קינדער אין אָרעמס גענומען און שוועסטער האָבן זייערע ייִנגערע ברודערלעך ביי די הענטלעך געפירט. מען איז געגאַנגען אין גאַס אַריין צו „זען“ די פרייהייט.

באַלוייכטן איז געווען וואַרשע, און פריי האָט זיך געפילט וואַרשע. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזאַנגען געהערט, און דאָ און דאָרט האָבן זיך מענטשן מיט זעלנער, מיט סטראַזשניקעס געקושט... און די פּאַליעס מענטשן האָבן זיך געיאָגט איינער נאָך דער צווייטער און האָבן פאַרנומען דעם גרויסן טעאַטער־פּלאַץ, וואָס איז פאַרן ראַטהויז.

פול מיט מענטשן איז געווען דער פּלאַץ.

אַ גרויסע אומגעהויערע שוואַרצע מאַסע. די מאַסע האָט באַלויכטן פאַרשידן־קאָלירטע לעמפּלעך, וואָס זענען געווען אָנגעבונדן ביי די רויטע פענער און אין דעם קיסרם מאָנאָגראַם, וואָס איז געהאָנגען פאַרן ראַטהויז. פון דעם טעאַטער־באַלקאָן האָבן זיך אַראָפּגעגאָסן די מוזיק־טענער פון דער „רויטער פאָן“. די טענער זענען געפאַלן אין דער מאַסע אַריין, די מאַסע האָט זיי צוריק אויפגעהויבן, און עס האָט אַ אַ ווייטער עכאָ פון טויזנטער קולות ווייט־ווייט אָפּגעקלונגען. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט קולות פון אַגיטאַטאָרן, די באַלעבאַטים, וואָס האָבן מיטאַמאָל זייערע צימערן פאַרלאָזן נאָך מאָנאַטן־לאַנגן קריגס־צושטאַנד, האָבן זיך איינגעהאָרכט מיט נייגעריקייט צו די רעדעס פון די אָראַטאָרן; זיי האָבן זיך צוגערירט מיט נייגעריקייט צו די רויטע פענדלעך, וועלנדיק וויסן, ווי זעט דאָס אויס, וואָס האָט נאָך נעכטן געשמעקט מיט טויט און היינט איז עס שוין אַזוי אָפן... דער עולם האָט זיך מער געווילט, קיין שפּור פון אַ רעוואָלוציאָנערער שטימונג. עפּעס איינער איז מיטן צווייטן נאָענטער געוואָרן, חבר געוואָרן, און אַלע האָבן זיך דערפילט, אַז עס איז געשען אַ זאַך, וואָס געהער זיך מיט אַלעמען אָן.

אויפן באַלקאָן פון ראַטהויז האָט זיך געוויזן דער פּאָליצמייסטער, אַ טייל פון פּובליקום האָט אים באַגריסט... און ער האָט זיך געניגט... איין רעדנער, אַ צווייטער, אַ דריטער רעדנער — האָבן פאַרלאַנגט פון אים אין נאָמען פון פאָלק, אַז ער זאָל באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, מיט וועלכע עס זענען דורך דעם קריגס־צושטאַנד פול געוואָרן אַלע טורמעס, אָסטראָגן, שלעסער און גלאַט קאַזאַרמעס. ער האָט צוגעזאָגט צו באַפרייען די, וועלכע ער האָט אַרעסטירט און זיצן ביי אים אין ראַטהויז. דער עולם האָט פון זיך געמאַכט צוויי רייען. דאָס הויכע, שווערע טויער פון ראַטהויז האָט זיך אויפגעעפנט און עס האָט זיך באַוויזן די

ערשטע פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס איז געווען אַ הויכע מאָגערע פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט, איינגעוויקלט אין אַ אַלטן צעריסענעם טוך. די פרוי האָט מען געפירט דורך די רייען אונטער דער חופּה פון אַ רויטער פאָן. די מוזיק פון טעאַטער-באַלקאָן האָט אַראָפּגעגאָסן אַ שאַל-מעלאָדיע און דאָס צענטויזנטיקע פּובליקום האָט זי באַגריסט מיט אַ דונער-שטאַרקן „הוראַ!“ אַזוי האָט מען אַרויסגעלאָזט פון ראַטהויז אַ צוואַנציק, דרייסיק אַרעסטירטע.

און ווידער אַמאָל האָט זיך דאָס גרויסע שווערע טויער פון ראַטהויז פאַרקלאַפּט מיט זיין אייזן-ריגל פאַר די אינעווייניקסטע.

נאָר דאָס פאָלק איז אַלץ ווייטער געשטאַנען. אויפן באַלקאָן ווייזט זיך ווידער אַמאָל דער פּאָליצמייסטער מיט אַ ברוסט באַלייגט מיט אָרדנס און נייגט זיך צום פאָלק... זיין פרוי שיקט צום פאָלק דורכן פענצטער מיט דער האַנט קושן אַראָפּ...

און דאָס פאָלק באַגריסט זיי...

נאָר נאָך ווילט זיך דאָס פאָלק. נאָך איז נישט פאַרזויערט געוואָרן דער דאַנקבאַרער שמייכל אויפן באַלעבאָס געזיכט, וואָס דעם פּאָליצמייסטערס דערשיינונג האָט אַרויסגערופן אויף אים. מיטאַמאָל, פּלוצלונג, מען ווייסט נישט ווי אַזוי עס איז געוואָרן, אין פּובליקום ווייזן זיך קאָזאַקן אויף פערד, דאָס פאָלק באַגריסט זיי... אַ פרוי שטרעקט איר האַנט אויס צו אַ קאָזאַק.

— זאָל זיין באַגריסט די פרייהייט!

מען דריקט זיך... דאַכט זיך, מען לויפט...

— וואָס איז געשען? אַ גרויזאַמער געוואַלד דערשרעקט די לופט... אַ פרויען-געוואַלד... קינדער, וויינען...

מען האָט אָנגעהויבן צו לויפן. איין מענטש איז איבערן צווייטן געפאַלן. אַ שווערד האָט אַ בלישטש געטאָן, עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי, און דער געשריי איז אין מיטן פּלוצלונג אָפּגעריסן געוואָרן... איין מענטש איז געפאַלן אויפן צווייטן, איינער האָט זיך הינטער דעם צווייטנס קערפּער באַהאַלטן. יעדער איינציקער האָט זיין קאָפּ אין יענעמס קערפּער אַריינגעשטעקט, מאַמעס האָבן זייערע קינדער הינטער זיך באַהאַלטן, באַשיצנדיק זייערע לעבנס מיט זייער פרויען-קערפּער... די קאָזאַקן האָבן זיך מיט די פערד געגעבן אַ לאָז אַרויף אויפן פאָלק. פערדישע פּאָדקאָוועס האָבן אויף פרויען-קעפּ, אויף פרויען-ברוסטן געטרעטן. די שווערדן זענען געפאַלן אויף קעפּ, אויף פנימער, איבער האַלדז און

נאַקן. טייל האָבן באַשיצט זייערע קעפּ פאַרן קאָזאַקס שווערד מיט די פינגער פון זייערע הענט... נאָר די פינגער פון די הענט זענען געפאַלן, גישט קענענדיק ראַטעווען די שאַרבנס פון די קעפּ. טייל האָבן אויס משוגעת זיך אַליין אונטער דעם קאָזאַקס פערד זיך געוואָרפן, שיצנדיק זיך פון בלאַנקן שווערד, וואָס האָט געלויכטן קעגן דעם ליכט פון קיסרס מאָנאָגראַם. נאָר מערסטן עולם האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו דעם סקווער, וואָס איז מיט אַ שוואַרץ=אייזערנעם צוים אַרומגערינגלט. אַזוי האָבן זיך מענטשן=קערפּערס צום שטאָל און אייזן זיך געפּרעסט און געשטיקט, און פּרויען=בריסטן, און קינדער=לייבער זענען אויף די שפּיצן פון דעם אייזן=צוים געבליבן הענגען, באַגיסנדיק דאָס קאַלטע אייזן מיט דעם וואַרעמען בלוט פון זייערע יונגע לעבנס...

און גאַנץ ליידיק און וויסט איז שוין געוואָרן פאַרן טעאַטער=פּלאַץ. פון דערווייטנס האָט נאָך אָפּגעקלונגען אַן איינזאַם היסטעריש געוויין פון אַן אַנטלאָפענער מוטער, וואָס האָט אירע קינדער דאָ איבערגעלאָזן... איבער דעם ברייטן, ווייטן טעאַטער=פּלאַץ זענען געלעגן טויטע קערפּערס, באַשמוצט אין זייער בלוט, ס'האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איינצלנע אָפּגעהאַקטע מענטשלעכע גלידער, פּרויען=קאַפּעליושן, אויסגעריסענע האָר פון פרויען=קעפּ...

שוואַרץ און פרעמד זענען אַרום דעם ווילדן אומגליקלעכן פּלאַץ געשטאַנען די הייזער. דאָס גרויסע טעאַטער מיט זיינע פיל פינצטערע פענצטער האָט עפּעס אַזוי שרעקלעך אויסגעקוקט, ווי דער באָדן פון אַ רוימישן צירק האָט אויסגעזען דער טעאַטער=פּלאַץ, ווי אַ שפּיל=פּלאַץ, וווּ ווילדע הונגעריקע טיגערס ווערן אַרויסגעלאָזן אויף שוואַכע, אומבאַוואָפנטע מענטשן...

שוואַרץ און פינצטער זענען שוין געווען די גאַסן אין וואַרשע, איבער די שטיינער האָט נאָר אָפּגעקלונגען דאָס שווערע גיין פון די געדיכטע פּאַטרולן. טיילמאָל האָט פּאַרציטערט די איינזאַמע שטילקייט אַן איינזאַמע סאַלווע, וואָס האָט זיך געהערט פון אַ ווייטער גאַס... טיר און טויער זענען געווען פאַרהאַקט. נאָר נאָך דאָ און דאָרט איז געהאָנגען פאַר אַ הויז אַן איינזאַם אלומינאַציע=לעמפּל, וואָס מען האָט אָנגעצונדן לכבוד דער פרייהייט, און וואָס דער סטרוזש האָט נישט צייט געהאַט עס אַרונטערצוכאַפּן, בעפאָר ער האָט דאָס טויער פאַרקלאַפּט, פאַר די אַנטלאָפענע, וואָס די קאָזאַקן האָבן זיי נאָכגעיאָגט... און ווי פאַרשעמט, אַן איינ=

זאמס, האָט דאָס לעמפּל געהאָנגען, ווי אַן אַרויסגעוואָרפנס אויף דער גאַס...

שוואַרץ און פינצטער איז די נאַכט געווען...

שטום זענען געשטאַנען די הייזער איינגעהילט אין טונקעלקייט. נאָר נאָך האָבן דער שמילער שוואַרצער נאַכט געשטערט איינזאַמע טריט פון אַ מאַמען אין אַ שוואַרץ טוך געהילט, און אַ מאַמעס אַ קול האָט אין דער פינצטערער נאַכט געוויינט, לויפנדיק גאַס אויס, גאַס איין:

— מיין קינד! מיין אָרעם קליין קינד!

דאָס קלאָגנדיקע קול פון דער מאַמען איז אין דער שוואַרצער נאַכט פאַרטרונקען געוואָרן, ווי אַ שוואַרצער טראָפּן אין אַ שוואַרצן ים...

און ווייט אין גאַס, אין דער שוואַרצער נאַכט, האָט דער מאַמעס קלאָג־געוויין אָפּגעקלונגען:

— וווּ איז מיין קינד? מיין אָרעם קליין קינד?

נאָר שטום זענען געשטאַנען די הייזער, פאַרקלאַפּט ווי אַ טורמע פאַר די בירגער פון דעם ערשטן פרייהייטס־טאָג.

# מיין שענסטע ליבע

אַמאָל זענען מיר געזעסן דריי פריינד און מיר האָבן גערעדט וועגן אונדזערע פאַרגאַנגענע טעג. אַזוי אַלט זענען מיר נאָך נישט געווען; מיר אַלע דריי צוזאַמען האָבן נאָך נישט אויסגעלעבט אַ זאַטן עלטער פון אַ הונדערטיאָריקן זקן. איז אייגנטלעך זאָלן מיר רעדן פון אונדזערע קינדערישע טעג, נאָר אונדזער חבר יאָשע „ביוסטשיק" האָט שרעקלעך ליב געהאַט צו רעדן פון זיינע פאַרגאַנגענע טעג, און יעדער עפּיזאָד פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן האָט ער באַטראַכט פאַר אַ היסטאָרישער וויכטיקייט, וואָס וועט גרויסע נוצן ברענגען זיין קינדסקינדער ביאָגראַפיע-שרייבער צו דערקלערן זיין פּערזענלעכקייט און זיין טעטיקייט.

וואָרום יאָשע „ביוסטשיק" איז געווען אַ סקולפּטאָר, און ביי אים טאַקע, אין זיין אַרבעטס-צימער, זענען מיר דאָס געווען פאַרזאַמלט: איך און אונדזער פריינד גרינבערג (איך, אַ שרייבער, גרינבערג, אַ מאָלער — נאָר פון אונדז שפּעטער, דערווייל וועלן מיר רעדן פון „ביוסטשיקן"). „ביוסטשיק" האָט מען אים גערופן דערפאַר, וואָס ער האָט שרעקלעך ליב געהאַט איידעלע פרויען-ביוסטן. אין דער פרוי האָט ער נאָר געזען איר ליניע, און זי האָט אים נאָר געדיינט אויף אַזויפיל, וויפל ער האָט געקאָנט דורך איר אויסזינגען זיין פּאָעזיע און מאָדעלירן איר פיגור. ווען ער פלעגט אַ שיינע פרוי דערזען אויף דער גאַס, איז ער איר שוין לאַנג נאָכגעגאַנגען און באַטראַכט איר פיגור, די ליניעס פון ביוסט און מיט די הענט פלעגט ער זי מאָדעלירן שוין אין דער לופטן, אויסקנעטן און גלעטן, ווי ער וואָלט פון דער לופט איר פיגור אויסגעבילדעט. מענטשן פלעגן אים אָננעמען פאַר אַ משוגענעם, און נישט איינמאָל פלעגט טאַקע „ביוסטשיק" קריגן גוט אויסגעפּאַטשט פון דער פרוים מאַן אָדער פון אירס אַ גוטן פריינד פאַר אַזעלכע שטיק. נאָר דאָס קער נישט צו דער מעשה.

„ביוסטשיק" אָבער פלעגט זיך אַליין האַלטן פאַר אַ האַרץ-באַזיגער,

פֿאַר וועלכן די פֿרויען גייען אויס. אַליין אַ קלײנער, מיט אַ קורץ אײנגע־קנײטשט נעזל, אַ האָריק באַוואָקסן פּנים, און קלײנע שוואַרצע אײגעלעך, וואָס האָבן זיך געוואָרפֿן אין זײַן האָריק געזיכט — האָט דער „שײנער פֿאַרשוין" תמיד געערדט נאָר וועגן פֿרויען, וואָס ער, דער „גזלן", האָט זײער האַרץ צעבראָכן, געקוילעט אין מיטן שטאָט אין אַ שײנעם העלן טאָג, און ווי אַ גבור שטײן געלאָזט און ווײַטער געגאַנגען נײַע הערצער באַזיגן. דאָס האָט ער אונדז אויך טאַקע איצט אויף דעם געשפּרעך אַרויס־געבראַנגט צו רעדן וועגן אונדזערע ליבעס. וואָרום הונגעריק זענען מיר אַלע דרײַ געווען און קײן געלט איז נישט געווען (כאָטש מיר בײדע, „ביום־טשיק" און איך האָבן חושד געווען גרינבערגן, אַז ער טראָגט זײַן געלט־זעקעלע אויפֿן האַרצן אָנגעבונדן; אַ כיטרער יונג געווען!). האָט אונדז „ביוסטשיק" פֿון זײַנע ליבעס דערצײלט, און דערבײַ געוויזן די קעפּלעך פֿון די פֿרויען, פֿון די ווײַבלעך, וועלכע ער האָט מאָדעלירט, און וואָס ער האָט זײערע הערצער באַצווינגען. געזעסן זענען מיר און האָבן אויסגע־האָרכט לאַנגווײַליק, נאָר „ביוסטשיק" האָט עס דערצײלט מיט דער מינע פֿון אַ גענעראַל, וואָס דערצײלט זײַנע טאַטן אויף דעם מלחמה־פֿעלד, און דערבײַ די געקרומטע פּיס גלײַך אויסגעצויגן, די וואָנצעס זיך גלײַך געמאַכט, און געקוקט ווי אײנער זאָגט: באַהאַלט עס גוט אין אײַער זכרון, עס וועט אײַך צונוץ קומען. און זײַן נאַרישע ראָל האָט אונדז געווײלט.

נאָר צום סוף איז ער אונדז שוין לאַנגווײַליק געוואָרן, און מיר האָבן זיך טאַקע געוואָלט נעמען צו גרינבערגן, אַז ער זאָל אויפֿקנעפּלען זײַן וועסט און ווײַזן דאָס געלט־זעקעלע. וואָרום גרינבערג איז אַ יונגערמאַן פֿון אַ קלײן פּויליש שטעטל, וואָס האָט זיך אויפֿגעצויגן בײַ קאַרגע, כּמעט רע עלטערן. ער האָט פֿון קלײנערהײט אָן זײער ליב געהאַט די לאַנד־שאַפֿט און פֿלעגט אַלס ייִנגעלע זיך אַרויסגנבֿענען הינטער זײער שטעטל און מאָלן. עס האָט אים אײנמאָל דער שׂרה פֿון זײַן שטעטל באַמערקט און ער האָט אים אויף זײַן רעכענונג אין דער גרויסער שטאָט אין דער אַקאַדעמיע געשיקט, וווּ ער פֿלעגט באַקומען פֿון אים 50 רובל אַ מאָנאַט. און כאָטש דאָס איז שוין געווען פֿיר יאָר אין דער גרויסער שטאָט, אין אַ קינסטלערישער אומגעבונג, ווו מיר אַלע: יונגע קינסטלער, די שילער פֿון דער אַקאַדעמיע, שרײַבער און יונגע שוישפּילער, פֿלעגן זיך צוזאַמענקו־מען אין אײן קאַפֿע־הויז, ווו מיר פֿלעגן אַלע לעבן פֿון קרעדיט, אײנער האָט זיך געטײלט מיטן צווײטן, אײנער האָט געבאָרגט פֿון צווײטן אַ העמד, אַ ראָק, אַ פּאָר שיך — איז ער געווען דער אײנציקער „פּראַק־

טישער" מענטש פון אונדז. ער פלעגט קיינעם נישט בארגן, און פלעגט פון קיינעם נישט בארגן; אַ ביטרער יונג, וואָס האָט אין דער שטיל אונטערגעהאַנדלט מיט זיין געלט... נאָר קוים פלעגט ער דערזען דורכן פענצטער אַ פּאַס ליכט פאַלט אויפן גראָז, הינטער די ביימער פון גאָרטן, אָדער אַ ליכטיקער וואָלקן האָט זיך אויפן הימל באַוויזן, אַ טאָן איז אויפן וואַסער, פלעגט ער אין אַלעם פאַרגעסן, כאַפּן דעם לייוונט און פּענדזל און אַרויסגעכאַפּט דעם וואָלקן אויפן לייוונט. אַזוי פלעגט ביי אים טיילמאָל דער קינסטלער גובר זיין דעם ביטרען סוחר, וואָס ער האָט נאָך פון זיין קליין שטעטל מיטגעבראַכט.

דאָס האָט טאַקע ער געבראַכט צום געשפּרעך וועגן דער שענסטער ליבע. וואָרום „ביוסטשיק" זאָגט אַזוי צו אים:

— גרינבערג, באָרג אַ גילדן.

אָבער גרינבערג איז פאַרטאָן אין די ליבע־געשיכטעס, וואָס „ביוסטשיק" האָט דערציילט. „אינטערעסאַנט" — קלאַפּט ער אַלץ מיט די ליפּן. און כדי זיך פון שטוב אַרויסצומאַכן, פאַלט ער אויף אַ פּלאַן:

—האָסט געהערט, „ביוסטשיק", זאָל יעדער פון אונדז דערציילן זיין שענסטע ליבע, אָבער דו הערסט, זיין שענסטע ליבע, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין לעבן.

ער האָט געוווסט מיט וואָס אים צו נעמען. קוים האָט „ביוסטשיק" געהערט די שענסטע ליבע, האָט ער פאַרגעסן אין הונגער, אין דעם זעקל געלט אויף גרינבערגס האַרץ, און האָט שוין אָנגעהויבן צו דערציילן.

און איינער האָט דעם צווייטן איבערגעהאַקט. יעדער האָט געוואָלט פריער דערציילן, אויסכאַפּן. „ביוסטשיק" דערציילט שוין פון די און יענע, און צווייפלט וועלכע איז געווען שענער, און גרינבערגס אויגן גלאַנצן שוין, דערציילט פון זיין קליין שטעטל. — נאָר זייערע זענען נישט געווען אינטערעסאַנט, ווירקלעך נישט. מיינע, מיינע איז אינטערעסאַנטער און שענער. דאָס האָב איך זיי געזאָגט אויך. און דאָס וויל איך אייך דאָ דערציילן.

אַז עס איז געקומען מיין צייט צו דערציילן (נאָך מי און מאַטערניש), לאַכן זיי, מיינע חברים, איבערהויפּט „ביוסטשיק".

— וואָס לאַכסטו?

— וועלכע שענסטע? — פרעגט „ביוסטשיק" — זאָג מיר, זאָלסט מיר לעבן, וויפל שענסטע ליבעס האָסטו דאָס שוין געפירט אין דיין לעבן?

וואָרום דאָס וואָס איך האָב דאָ אויסגערעדט אויף מיין פריינד „ביוס־טשיק“ זאָגט מען דאָס זעלבע אויך אויף מיר. נאָר איך בין ווירקלעך אַ ווייבער־זיגער. איך רעד מיר נישט בלויז איין, ווי מיין פריינד „ביוס־טשיק“ — נאָר מיט אַן אמת. פרעגט די גאַנצע וועלט אויף מיר, וועט זי אייך דערציילן. פאַר מיין טריט חלשן ווייבער. אַז מען דערזעט מיך, זאָגט מען: „אָט גייט דער ווייבער־יעגער“.

— נו, דערציייל, דערצייל — זאָגן זיי ווייטער.

און ווי איך הייב אָן צו דערציילן, פּלאַצן זיי ווידער אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— אָבער וועלכע ליבע, דו ליבסט אַלע טאָג אַן אַנדערע.

— ניין, אַלע טאָג נאָך איינע — לייג איך צו.

איבערהויפּט בין איך שוואַך אויף דעם פּונקט ווייב. איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס מען קאָן נישט ליב האָבן עטלעכע פרויען מיטאַמאָל. קאָן אַ מענטש נישט ליב האָבן אויף איינמאָל אַ ליליע און אַ טיבעראָזע, אָדער צוויי ליליעס, הונדערט ליליעס מיטאַמאָל? אין מיין צימער הענגט דאָס געזיכט פון דער הייליקער „אַננאַ“ פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און פון דזש. קאנדלא. ליב איך דען נישט די ביידע פרויען־געזיכטער צו־גלייך? ליב איך דען נישט צוויי פרילינגס־טעג איינעם נאָך דעם אַנדערן מיט דער זעלבער ליבע?

און יעדן אינדערפרי קום איך צו לויפן צו מיין פריינד „ביוסטשיק“ און וועק אים ביי די האָר אויף:

„ביוסטשיק“, „ביוסטשיק“, איך בין פאַרליבט, איך בין פאַרליבט, איך שטאַרב. האָב איך נעכטן געזען אַ מיידל אין טעאַטער — איך זאָג דיר אַ „פיגור“! — מיין פריינד „ביוסטשיק“ הייבט באַלד אָן צו מאָ־דעלירן אין דער לופטן — „אַזוי, אַזוי“.

און איך רייס אים פון בעט אַרויס. „קום אין גאַס, די זון שיינט אין דרויסן, איך קאָן נישט אין שטוב איינזיצן. איך ליב, איך ליב, מיט אַ רעכטן אמת, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן“.

און קוים קום איך אין גאַס אַרויס און דערזע אַן אַנדער מיידל אויף דער גאַס, אויך אַ שיינע, מאַך איך אַזוי:

— און די ליב איך אויך...

איך זע, אַז איך קאָן נישט דורכקומען, שריי איך אויס:

— אַלע שיינע מיידלעך פון דער גאַנצער וועלט ליב איך.

דערפאַר לאַכן מײַנע חברים, אַז איך הייב אָן צו דערציילן פון מײַן „איינציקער“ שיינער ליבע.

— אָבער די וואָס איך ליב אַמשענסטן, אמהייליקסטן, אמדער־הויבנסטן, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען!

— נאָך נישט געזען — דאָס איז אינטערעסאַנט! — זאָגן מײַנע חברים און ווערן שטיל און לאָזן מיך אויסדערציילן מײַן שענסטע ליבע.

און איך הייב אָן:

— אַזוי ווי איר ווייסט, בין איך געבוירן בײַ חסידישע, נגידישע עלטערן אין אַ קליין פּויליש שטעטל. מײַן פּאָטער, וועלכער איז געווען אַ פרומער סוחר, האָט דווקא געוואָלט האָבן אַ זון אַ לערנער, וועלכער זאָל ווערן אַ רב. און פון מײַן מוטער דאַרף איך אייך נישט דערציילן, אַז דאָס איז געווען די איינציקע שטיקל האָפענונג אין דעם טרויעריקן לעבן, וואָס די גוטע, פרומע יידענע האָט דורכגעלעבט. די האָפענונגען, וועלכע מײַן פּאָטער האָט געלייגט אויף מײַנע עלטערע ברידער איז צו גאָרנישט געוואָרן, ער האָט זיך אויף זיי פיל געלט געלאָזט קאָסטן. די בעסטע מלמדים אין שטוב געהאַלטן. אָבער ער איז געווען פאַרנומען מיט זײַנע געשעפטן אַ גאַנצע וואָך, און ער האָט קיין צייט נישט געהאַט אכטונג צו געבן אויף זייער דערציונג. און מײַן אָרעמע מוטער איז צו שוואַך געווען, אַז זי אַליין זאָל קאָנען אויף זיי ווירקן, אַז זיי זאָלן זיך לערנען. פון זיי איז געוואָרן סוחרים, קרעמער אדגל. די איינציקע האָפענונג פון מײַנע עלטערן צו דערלעבן אַ שטיקל נחת אין זייערס אַ קינד — בין איך געווען. רעליגיעז געשטימט פון מײַן פריסטער יוגנט, אַ קינד מיט מיס־טישע נייגונגען — פלעג איך זיך אָפּשיידן פון מײַנע ברידער, פלעג דאַווענען פרום און לאַנג, לערנען גאַנצע טעג, און גיין אין אַ פרומען וועג. מײַן אָרעמע מוטער האָט זיך גליקלעך געפילט און פלעגט קוקן אויף מיר מיט אַזעלכע געטרייע, צערטלעכע מוטערלעכע בליקן, אַז איך האָב געפילט די וואַרעמקייט פון איר גליק... און מײַן פאָטער... אין דער וואָכן האָט ער קיין צייט נישט געהאַט. נאָר אַז ער פלעגט הערן, שבת נאָכן שלאָף, מײַן גמרא לערנען, איז ער אויף די שפּיץ נעגל אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, און פון נחת זיך די הענט געריבן. פון צייט צו צייט פלעגט ער צוקומען, איבערבייגן זיך איבער מײַן גמרא, אַרײַנקוקן און, זיך נישט קאָנענדיק איינהאַלטן, האָט ער מיר געגעבן אַ גלעט איבערן בעקל. איך בין געוואָרן דאָס ליבסטע קינד אין דער היים. די איינציקע האָפענונג פון מײַנע עלטערן. מען פלעגט מיר מאַכן אויף יעדן יום־טוב

אטלעסענע קאפּאָטקעלעך. און עס איז נישט געווען איין רייזע, פון וועלכע דער מאַמע זאָל מיר נישט עפּעס מיטברענגען. און די מאַמע, זי איז משוגע געוואָרן פאַר גליק. פלעגט מיר געלט געבן, גאָלדענע זייגערלעך קויפן, און איז יעדעס מאָל צו מיין רבין געקומען, ביי וועלכן איך האָב געלערנט און פלעגט זיך אַוועקזעצן און צוהערן זיך צו מיין לערנען. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז 15 יאָר פון מיין לעבן. דערנאָך איז געשען אַ זאַך, וואָס איך וויים נישט ווי אַזוי עס איז געוואָרן... גענוג... איך האָב אָנגעהויבן צו קלערן און צו צווייפלען אין גאָט, אין מיין דאַווענען. דאַכט זיך, איך האָב דאָן אַ פּאָר ביכלעך איבערגעלעזן. נאָר נישט אַזוי די ביכלעך האָבן מיר געמאַכט צווייפלען, ווי איך זיך אַליין. איך האָב דאָך פיל געקלערט איבער דער וועלט און די מענטשן, איבער גאָט און זיין תכלית — „און וואָס איז דער סוף?“ „און פאַרוואָס דאַרף מען אָפּהיטן די מצוות?“ וואָס אַרט עס אים, אַז דער מענטש זינדיקט? און פאַרשידנס, ווי ס'איז אייך אַלעמען גוט באַקאַנט די צייט פון אפּיקורסות, וואָס יעדעס קינד מאַכט דורך, ווען עס קומט די צייט, ווען עס הייבט אָן צו קלערן. נאָר מיר האָבן די אַלע זאַכן מער געפּייניקט ווי אַן אַנדערן; אַ שטימונגסמענטש — פלעגן די אַלע ספקות ווירקן אויף מיין לוינע. און איך, אַ קינד פון 15 יאָר, פלעג דאָך אַרומגיין און קלערן איבער דעם תכלית פון דער וועלט. און די זון האָט אין דרויסן געשיינט. און איך האָב ליב געהאַט די זון. פלעג איך זיך פון בית־המדרש אַרויסגנבענען מיט מיינע ביכלעך און גיין אין גאָרטן, ווו שרה־חנהלע — אַ יידענע פון שטאָט — האָט פרוכטן פאַרקויפט, און פלעג ליגן הינטער די ביימער, אין הימל זיך איינקוקן — זען ווי די וואָלקנס ציען זיך פאַרביי און נאָכקלערן איבער דעם תכלית פון לעבן.

היינט רעד איך איבער מיין דעמלטיקער ענדערונג קאַלטבלוטיק. אָבער דאַן, אין מיינע קינדער־יאָרן, האָב איך די זאַכן גענומען מיט דעם גאַנצן ערנסט פון די יינגלשע יאָרן. יעדעס מאָל נישט דאַווענען האָט מיך געקאָסט אַ גאַנצע וועלט, די וועלט פון מיין רעליגיאָן, אין וועלכער איך האָב געלעבט, מיין פרומקייט, אין וועלכער עס איז מיר גוט געווען, היימיש זיך געפילט. איך האָב דערפאַר נישט געדאַווענט, ווייל איך בין געקומען צו מיין איינענער איבערצייגונג, אַז די אַלע פאָרמען זענען אויסערלעכע, אַרויסגעוואָרפענע פון מענטשן, אָבער נישט קיין געטלעכע. דאָס איז מיר היינט לייכט צו זאָגן. אָבער דאַן... דאַן... איך האָב זיך געפילט ווי אַ מענטש, וועלכער האָט זיין פאָטערלאַנד פאַרלוירן, ווי ער

וואָלט זיין אייגן הויז פאַרברענט און איז אַוועק און בלאָנדזשעט — און טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז ביזן היינטיקן טאָג האָב איך נאָך נישט געפונען קיין אָרט, קיין רו, קיין ווינקל, וועלכעס זאָל מיר פאַרטרעטן יענע היים פון רעליגיאָן, פרומקייט, וועלכע איך האָב פאַרלוירן; אויסער מיין ביסל שרייבן...

נאָר צום ערגסטן האָט מיך געפייניקט דער געדאַנק פון מיינע עלטערנס אַנטוישונג. זיי האָבן נאָך גאָרנישט געוווּסט, נאָך גאָרנישט געאַנט, כאָטש זיי האָבן געמערקט, אַז איך גיי אַרום אַ פאַרדרייטער, אַ פאַרחושכטער. נאָר וואַרשיינלעך האָבן זיי דאָס אויסגעטייטשט אויף עפּעס אַנדערש... מיך האָט שרעקלעך געפייניקט דער געדאַנק, אַז איך נאַר זיי אָפּ, כאָטש איך האָב זיך פאַר זיי מיט גאָרנישט געהיט. מיין פאָטער איז געווען פאַרנומען אַ גאַנצע וואָך אין געשעפט, אַרומגעפאָרן און געקומען פון שבת צו שבת; און דעם שבת האָב איך נאָך געפּראַוועט מיט אַלע איינצלהייטן, נישט אוים פרומקייט, נאָר מער אוים שטימונג. דער שבת האָט מיך שטענדיק באַרואיקט מיט זיין יום־טובדיקייט און רואיקייט, און איך פלעג אַ גאַנצע וואָך וואַרטן אויף שבת. פרייטיק צונאַכטס האָב איך זיך אָנגעטאָן די אַטלעסענע קאַפּאָטע און מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן דאַווענען, און אַז איך בין אַהיימגעקומען, און איך האָב געזען די אָנגעצונדענע ליכט אין די זילבערנע לייכטער אויפן טיש, און מיין מוטערס פּנים שיינט אַרויס פון דער שבתדיקער הויב, און געהערט פון מיין טאַטנס זינגען „שלום עליכם“ — פלעג איך אויך אַריינפאַלן אין אַ רעליגיעזער שטימונג און פלעג זינגען מיט אַ הויך קול „שיר השירים“ מיט דער גאַנצער נשמה מיינער. דאָס האָט מיך באַרואיקט. און איך פלעג זיך פאַרגעסן אין מיינע אַפּיקורסישע געדאַנקען. און דער טאַטע מיט דער מאַמע, זענען גליקלעך געווען.

אָבער דאַן האָב איך שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי מיר צו אַנטלויפן פון דער היים און צו קומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין און זיך לערנען, פאָרצובערייטן זיך צום עקזאַמען און אָנצוקומען אין עפּעס אַ שול אַריין.

אָבער דאָס לערנען פון אַנדערע זאַכן האָט מיך אויך נישט באַרואיקט. איך האָב געלערנט טרוקענע זאַכן, ווי גראַמאַטיק פון שפּראַכן; אַ ביסל האָט מיך פאַראינטערעסירט די פיזישע געאָגראַפיע, אַלגעברע. אָבער די אַלע עלעמענטאַרע וויסנשאַפטן זענען נישט גענוג געווען צו זעטיקן מיין גייסטיקן הונגער — אַ הונגער פון אַ זעכצן־יאָריק יידיש ייִנגל, וועלכער האָט שוין דאָך נאָכגעקלערט איבער געוויסע פילאָזאָפישע

קעגנשטאַנדן, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט אין זיך אַ שטיק קבלה, דורכגעדרונגען מיט חסידישע אידעען, די אגדתות פון תלמוד, און געהאַט געהערט פון אַ שפּינאָזע...

איז אַזוי ווי געזאָגט בין איך דאַן געווען „אַן אַרויסגעוואָרפענער" און האָב זיך געפילט ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין פאַרלוירן זיין וועלט. און דער עיקר האָט מיך געפּייניקט „דער תכלית"... „דער תכלית", נישט וואָכעדיקער תכלית פון לעבן, נאָר עפּעס אַ מין גייסטיקער „תכלית" פון יענער וועלט; וואָס וועט זיין דער סוף — דער סוף?

עס זענען אַוועקגעגאַנגען מיינע טעג אָן פרייד. עס איז געקומען אין דער פרי און איך בין געלעגן אויפן געלעגער, האָב איך זיך געטראַכט, צו וואָס זאָל איך זיך אויפהייבן? צו וואָס זאָל איך לעבן? איז געקומען דער פרילינג, וועלכן איך האָב אַזוי ליב געהאַט, וואָס האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט, אַז ער וואַשט אָפּ דעם גאַנצן ווינטער פון קאָפּ, האָב איך דאַן דאָס געפיל געהאַט, איך בין נאָך נישט פאָרבערייט צו דעם פרילינג. איך בין עפּעס נאָך נישט גרייט.

האָב איך געזען די שטאָט־„שקצימלעך" גיין מיט זייערע ביכער אין די שולן יעדן פרימאָרגן, האָב איך זיי מקנא געווען, וואָס זיי האָבן אַ שול, אַ וועג, וועלכן די פאָטערס האָבן פאַר זיי אויסגעאַרבעט. און איך פלעג דאָך אויפן פעלד אַרויסגיין, און דער פרילינג איז ביי מיר דאַן ווי דער האַרבסט געווען, און פלעג צוזאַמענעמען שטיקלעך האָלץ און אַ פייער מאַכן און אָנצינדן...

נאָר דאַן איז געשען אַ זאַך. —

אַמאָל, אין אַ שיינעם נאָכן אָנבייסן, ווי איך זיץ אַזוי אין בית־המדרש און לערן מיט געשמאַק (עפּעס פלעגט זיך מיר דאַן וועלן פון צייט צו צייט אַוועקזעצן ביי דער גמרא און לערנען, לערנען הויך, געשמאַק, מיט אַ ניגון, און אין אַלעם פאַרגעסן, און פונקט אַ גליק, וואָס דאַן האָט מיר דער חשק אָנגעכאַפּט צו לערנען), קומט אין בית־המדרש אַריין יענקל דער שדכן פון שטעטל מיט עפּעס אַ ייד מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד און שוואַרצע אויגן, א שיינער אויפן פּנים, אַ ברייטבייניקער, אין אַ קאַשקעטל איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן, און גייען צו צו מיר. און הייסן מיר זאָגן „אויפן אָרט", פאַרהערן מיך פשוט. איך בין רויט געוואָרן, פאַרדראָסיק אַ ביסל. דער עולם יינגלעך האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקלייבן אַרום מיר — נאָר דאָך האָב איך געזאָגט מיט קוראַזש. פרעגן זיי מיך עפּעס אַ קשיא, איך ענטפער אָפּ א תירוץ. דערנאָך גיט

מיר דער ייד אַ קניפּ אין בעקל און גייט אַוועק מיטן שהכן. איך קום אהיים צו מיטאָג, ביי אונדז איז דער טיש געדעקט יום־טובדיק, מיט שבתדיקע זילבערנע גאָפּל און לעפל. די מאַמע גייט אָנגעטאָן אין אַ ניי קלייד, אַ ווייסע שירץ און פּאָרעט זיך ביי דער קיך. פון דער צווייטער שטוב הער איך אַ הויך געשפּרעך, מיין פאָטערס שטימע. די טיר עפנט זיך, די זון שיינט אַריין דורך די פענצטער, מיין פאָטער מיטן פרעמדן ייד — מיט דער ברייטער באָרד — רויכערן ציגאַרן, ווי חול המועד. מען רופט מיך אַריין אין דער צווייטער שטוב. דער ייד קנייפּט מיך אין בעקל, און פרעגט מיך עפּעס וועגן היימישע זאַכן, און יענקל שדכן מאַכט צו מיר אַזוי:

— וועסט אָנשרייבן אַ דייטשישן בריוו פאַרן טאַטן.

דער טאַטע דיקטירט מיר אַ בריוו, איך שרייב. דערנאָך נעמט מען דאָס פּאַפּיר, דער שוואַרצער ייד באַטראַכט עס, שאָקלט מיטן קאָפּ און קנייפּט מיך אין בעקל. די מאַמע רופט אונדז אַריין עסן. מען גיט מיר אויך אַ גרויס חלק, ווי אַ דערוואַקסענעם. און יענקל דער שדכן רעדט אַ סך, וויילט דעם עולם. די מאַמע שטעלט אַוועק אויפן טיש פּסחדיקןווישניק, און די זון שיינט אַריין דורכן פענצטער.

נאָכן עסן גיי איך אַריין אין דער צווייטער שטוב, און די מאַמע פאַלט אַרויף מיר אויפן האַלדז:

— מיין קינד, מיין לעבן, מען רעדט דאָך דיר אַ שידוך, דאָס איז דאָך דער מחותן. אַ רייכער ייד, ער האָט אַן אייגענע מיל, וועסט עסן קעסט כל ימיו — און די כלה, די כלה, מיין קינד... און קושט מיך, און האַלדזט מיך...

איך דאַרף אייך נישט דערציילן, אַז צומאָרגנס בין איך אין דער גרויסער שטאָט אַוועק — „זיך לערנען“.

נאָר פון דענסטמאָל אָן זע איך די „כלה“ — אַז איך בין אַליין, אין אַ פאַרנאַכט, און אַז איך שטעל מיר פאָר עפּעס שיינס: ווי איך וואָלט געלעבט, ווען איך וואָלט געליבט, קאָן איך מיר קיין אַנדער מיידל נישט פאָרשטעלן, נאָר דאָס מיידל, מיין כלה, די טאָכטער פון דעם מילנער, וועלכע מען האָט מיר אַמאָל אַ שידוך גערעדט.

איך זע זי איצטאַנצן. אָט שטייט זי מיר פאַר די אויגן. אַ טונקל מיידל מיט עס זיין, מיט אַ הויכן, הויכן שטערן. איך זע זי טיילמאָל אין שוואַרצן, טיילמאָל אין ווייסן, נאָר אין שוואַרצן געפעלט זי מיר בעסער, אין אַ לאַנג שוואַרץ קלייד מיט אַ שפּאַנישער בראָש אויפן האַלדז. איך

זע דעם קאָליר פון איר הויט — ער איז ברוינלעך, ווי איר בלוט וואָלט נישט רויט געווען, נאָר טונקל־שוואַרץ. און דער שוואַרצער טאָן פון איר בלוט שלאָגט דורך דורך איר רויטלעך לייב. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איר גאַנצער קערפּער איז איינגעשלאָפן, דאָס מיידל גייט און שלאָפט, זינגט און טאַנצט און שלאָפט — אַזוי גייט זי אַרום און שלאָפט תמיד, און וואַרט אויף איר באַשערטן, אויף מיר — אַז איך זאָל זי קומען אויפוועקן. יאָ, מיר דאַכט זיך, איך האָב אַ גרויס אומרעכט געטאָן, אַז איך בין אַנטלאָפן פון דער היים — האָב ערגעץ־ווו איבערגעלאָזט אַ כלה, וואַרטנדיק אויף מיר. און זי לעבט נישט איר לעבן און וואַרט אויף מיר, און זי עלטערט זיך נישט. איר כלה־צייט איז שטיין געבליבן, און זי וואַרט ביז איך וועל קומען און קושן זי אויף די ליפּן. יאָ, און ליפּן האָט זי — דו האָסט דאָך געזען „ביוסטשיק", דאָס שטילע, פאַרבענקטע, צנועה־דיקע שמייכעלע, וואָס לייכט איבער די ליפּן פון דער הייליקער „אננא" פון לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי — אַזאַ שמייכל האָט זי. יאָ, אַזוי וואַרט זי, אַז איך זאָל קומען און זי קושן — לייכט קושן זי אויף אירע ליפּן, און אויפוועקן זי פון איר שלאָף, און לעבן ווייטער מיט איר — איר לעבן.

פיל מיידלעך האָב איך שוין געליבט דורך דער צייט. מיט אייניקע מענטשן האָב איך מיין גליק צוזאַמען געגאָסן, און זיי זענען שיין געווען. נאָר מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז איך טו אַן עוולה, אַז איך בעטריג דאָס ווען, אַז אין דער היים וואַרט אויף מיר אַן איינגעשלאָפענע בת־מלכה, אַ יידישע טאָכטער. עס איז פרייטיק־צונאַכטס — די ליכט האָט זי שוין אָנגעצונדן און געבענטשט איבער זיי — און אַזויפיל לייכטער בלישטשען אין שטוב. און די פּערל אויף איר האַלדז, און אירע שוואַרצע צוויי צעפּ פאַלן אַראָפּ אויף איר האַלדז, אויף איר נאַקן, אויף איר רוקן — און הענט האָט זי לייכטע, וואַסערדיקע, און די נאַכט איז אין דרויסן טונקל, און איר פאָטערס ווינט־מילן יאָגן. און דער ווינט בלאָזט. און זי זיצט אַליין און וואַרט אויף מיר — די פאַרשלאָפענע בת־מלכה. זע, די ליכט ברענען זיך קיינמאָל נישט אויס. דער שבת גייט קיינמאָל נישט אַוועק פון שטוב, און זי זיצט אַלץ ביים טיש און די הענט פאַרלייגט, און וואַרט, אַז איך זאָל אהיימקומען. און איך וואַלגער זיך דאָ אַרום איבער שטעט, איבער דערפער — באַקען זיך יעדן טאָג מיט אַנדערע מענטשן, מיט אַנדערע ערטער, אין איין מיידל ליב איך זיך איין, אין דער צווייטער ליב איך זיך אויס, און אין איר און אין אונדזער לעבן

האָב איך זיך גאָר פאַרגעסן און גיי נישט אַהיים אויסלעבן מיין שטיל־לעבן אין מיין שטילן ווינקל.

נאָר טיילמאָל בין איך ביי איר, אַז איך בין אויף דער נאַכט ביי מיר אין בעט, די אייניקע מינוט בעפאָר איך שלאָף איין, נעם איך דאָס ווענטן אַרום און באַקלאַג מיך דאָס פאַר ווענטן, און זי טרייסט מיך און דעקט מיך צו מיט אירע האָר, און קוקט אויף מיר מיט איר שמייכעלע, און אויגן האָט זי. —

איך קאָן מיר קיינמאָל נישט פאָרשטעלן אירע אויגן. וואָס איך האָב נישט געקלערט וועגן אירע אויגן, האָב איך נישט קיין ריכטיקן באַגריף. אַמאָל האָב איך געזען אויף אַ מינכענער אויסשטעלונג אַ פראַנצויזישן דאַמען־פּאָרטרעט פון אַ יונגען פראַנצויזישן מאָלער. איך האָב זיין נאָמען פערגעסן. אַ יונגע דאַמע אין שוואַרצן, מיט אַ שוואַרצן פליגל פון אַ גע־שאָסענעם פויגל אויף איר קאָפּ, שלאַנק און הויך, שטייט ביי אַ פּיאַנאָ, און מיט אירע לייכטע, לאַנגע, איידעלע הענט, וועלכע זענען אין שוואַרצע זיידענע שפּיצן־האַנדשו געהילט, וואַרפט זי רויטע רויזן אויף די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי דאַרפן אירע אויגן צו זיין. דאָס איז נאָר געווען אין דעם ערשטן אויגנבליק, אָבער דערנאָך בין איך נישט איינפאַרשטאַנדן געווען דערמיט, און איבערהויפּט איז מיר איר גאַנץ געשטאַלט נאָך פאַרגעסן, און איך קאָן מיר קיין ריכטיקן באַגריף נישט מאַכן, ווי זי קאָן אויסזען. נאָר איינמאָל האָב איך געזען אין פעטערבורג אין דער אָפּערע אַ יונג מיידל מיט אַ העד — דאָס יונגע מיידל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז זי — און איך בין משוגע געוואָרן אין דעם ערשטן אויגנבליק, און בין נאָכגעגאַנגען זייערע טריט, ווען זיי האָבן די אָפּערע פאַרלאָזט. דער העד האָט מיך אייניקע מאָל באַמערקט, ווי איך גיי זיי נאָך און האָט געוואָרפן אויף מיר אַ חושד'דיקן בליק, און האָט גענומען אַ וואָגן און איז אַוועקגעפאָרן. איך נאָך זיי — זיי זענען אַריין אין „וויענא“ און פאַרפאַלן געוואָרן אין איי־נעם פון די פיל קאַבינעטן...

יאָ, אַז איך זע אַ שיין מיידל אויף דער גאַס, מיין איך אין ערשטן אויגנבליק — דאָס איז זי. נאָר קוים זע איך באַלד אַן אַנדערע — קלער איך ווייטער — דאָס איז זי. אַזוי צווייפל איך און זוך, וואָרום איך קאָן מיר זי גאָרנישט פאָרשטעלן ווי זי זעט אויס, אין דער היינטיקער סקולפּ־טור זע איך עם נישט. זי מוז אין זיך עפּעס האָבן פון דער קלאַסישער ליניע, וואָס איז אין דער אפראָדיטישער אַנטיקע, אָבער נישט אַקאַדע־

מיש. ניין, ניין. דערביי מוז די ליניע לויז זיין, ווייך, עטוואָס פאַרשלאָפנס, אַ תאווה אַ פאַרשלאָפענע מוז ליגן אין דער ליניע, ווי מען געפינט עס אין די שפּאַנישע ווייבער־פיגורן, ווי אין די פּרימיטיוון. אַזוי מיין איך. —

נאָר דאָ קומט מיר מיין פריינד דער סקולפּטאָר צו הילף, און הייבט מיר אָן זי צו מאָדעלירן אין דער לופטן. כאַפּט זיין מאָדעל־האָלץ און וואַרפט אַ ליניע אין דער לופט.

— אָט אַזוי וואָלט איך מיר זי געמאַכט. די פיגור דאַרף זיין רונדיק, פול, נאָר האַרט, האַרט, מער בלוט ווי פלייש; נאָר אַזוי זאָלסטו יעדן טראָפּן בלוט פילן. און שטאַרק, שטאַרק וואָלט איך די פיגור געמאַכט, שטאַרקע ליניעס, מיט רונדיקע אַראָפּגעפאַלענע פּלייצעס. נאָר עפּעס אַזוי איינגעשלאָפן, יעדער אָדער באַזונדער וואָלט איך מיר אויסמאָדעלי־זירט אַזוי און פון אויבן אַזוי פאַרשלאָפן... אַ טוי באַדעקט... ווי אַ פּרי־מיטיווע זאַך. ווי אַ פּתחס טאָכטער, און אַ שטאַרקע פולע ברוסט, נאָר אַ קליינע, רונדיקע, און האַרטע; קאַלט זאָל זי זיין... אָבער אַזוי קאַלט, יאָ, עס זאָל יאָגן אַ ווינט פון איר, און קליין וואָלט איך זי מיר געווען געמאַכט, קליין און פול, ווי אַ קרבן, וואָס איז רייף געוואָרן פאַר גאָט אויפן מזבח צו ברענגען... — מען זאָל פילן די ביינער און יעדן טראָפּן בלוט, וואָס אַרבעט אין איר — און וואָלט מיר זי אַוועקגעזעצט — אין אַ זיידן דין העמדל, און אַרום וואָלט געווען עפּעס אַ לאַנדשאַפט. —

נאָר דאָ האַקט אים שוין אַדורך דער מאָלער. גרינבערג האָט אין אַלעם פאַרגעסן. דער יונג מיט די גלענצנדע שוואַרצע אויגן, מיט די לאַנגע הענט שטייט שוין אויף אַ טיש, אַראָפּגעוואָרפן אַ ליימענע פיגור, (און „ביוסטשיק“ זעט גאָרנישט) און מאָלט דאָס בילד:

— ווינט־מילן האָט דער פאָטער, זאָגסטו — אָט זעסטו איז אַ בערגל — געלער זאַמד, פאַר אַ רעגן, איין וואָלקן טונקל, איין שטיק וואָלקן ליכטיק, פאַלט אַ ליכט איבערן געלן זאַמד—גאָלד... גאָלד... גאָלד... פון פאָרנט הדריי ווינטמילן, אַלטע, דער ווינט יאָגט און די לייטערס לייגן זיך אַלע אין איין זייט. אַרום אַלטע טאָפּאָלן, ווערבעס מיט לאַנגע, לאַנגע צווייגן, און אַלץ פאַלט אין איין זייט — און באַגאָסן מיט שאָטן און געלבעס ליכט, געלב, גאָלד... גאָלד... גאָלד... האַרבסט... אַ וואַסער, אַ טונ־קעלער פלעק אויפן געלבן. זי שטייט ביים וואַסער, אַ קליין יונג מיידעלע, באַגאָסן אין ליכט, נאַקעט — אַ מעטאַלענער פלעק, געקומען פון וואַסער, קאַלט.. קאַלט... האַלט דאָס העמד, וויל עס אָנטאָן און דער ווינט בלאָזט, און די האָר צעפלאָשעט, און אַלץ אויף אַ געלבן, געלבן הינטערגרונט —

האַרבסט... רויטע בלעטער, געלע בלעטער... גאָלד... גאָלד... גאָלד... — —

נאָר דאָ האָט זיך שוין דערוועקט אין מיר דער שרייבער, און איך שרייַ זיי ביידן איבער, ניין — און איך הייב זיי אָן צו מאָלן אַ בילד פון פרייטיק אויף דער נאַכט, פון שבת אויף דער נאַכט — ווי איך זיץ און לערן, און בין אַ פרומער, חסידישער יונגערמאַן, און ווי מיר ליבן זיך, און האָבן קינדער צוזאַמען, און דאָס געטריישאַפט פון איר, און דער מאָלער קומט מיר אַנטקעגן און מאָלט מיר דאָס אויס דעקאָראַטיוו, מיטן לאַנדשאַפט, מיט די ווינט מילן, מיט די טאָפּאָלן. און „ביוסטשיק" קנעט דאָס אַלץ אויס אין דער לופטן. ער האָט מיר זאָגאַר שוין געוויזן ווי זי זעט אויס, האָט געכאַפּט אַ בליישטיפט און מאַכט שוין די צייכענונג. ערשט גרינבערג רופט זיך אָפּ:

— זאָג נאָר, האָסט זי קיינמאָל נישט געזען — ווי ווייט איז עס דען פון דיין שטעטל. און דיין שטעטל ליגט דאָך זייער נאָענט פון דאַנען.

— יאָ, עס איז נישט ווייט פון דאַנען. עס איז מיט דער באַן צוויי שטונדן צו פאָרן אין מיין שטעטל אַריין, און אַ שטונדע מיט דער פור פון אונדזער שטעטל. איך האָב שוין זאָגאַר אייניקע מאָל דעם שדכן אויפגעזוכט. ער איז היינט אַן אַלטער ייד א שיכור. איך האָב אים אייניקע גילדן געגעבן, אַז ער זאָל מיר ווייזן דאָס אָרט, וווּ די כלה, וועלכע ער האָט מיר אַמאָל אַ שידוך גערעדט, וווינט. איך ווייס איצט דאָס אָרט גאַנץ גענוי. און איך בין שוין אַמאָל אין אַ ווינטער אויף דער נאַכט, ווען עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שטאַרק בענקעניש, אַוועק אין דעם דאָרף, אָבער אַז איך בין אָנגעקומען פאַרן דאָרף, אַז איך האָב דערזען די ווינטמילן, בין איך אַנטלאָפן: איך וויל נישט זען ווי עס זעט דאָרט אויס.

— פאַרוואָס האָסטו מורא, ווערסט דיך אַנטוישן?

— ניין, איך וויל נישט זען מיין גליק.

— האָסטו געהערט?! לאָזן מיר זיך אויפכאַפּן איצט, אַזוי ווי מיר שטייען און גייען, אין דאָרף פאָרן, זען דיין באַשערטע. דריי שטונדן פון דאַנען אינגאַנצן. איצט איז 7 אור, די באַן גייט אָפּ אום אַכט. מיר וועלן אַהין קומען אין מיטן נאַכט, ווי פאַרבלאָנדזשעטע ריטער קומען ביינאַכט אין פאַרכישופטן שלאָס פון זייערע געליבטע, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נאָך נישט געזען. אַך וועט דאָס זיין ראָמאַנטיש! — פאַנטאַזירט „ביוסטשיק".

— אַ גליקלעכע אידעע, קום, לאָמיר פאָרן! — שרייט אויס גרינבערג.

— און געלט? און געלט? — פרעגט „ביוסטשיק", און ווינקט צו

גרינבערגן און ווייזט מיר אויפן זעקעלע, וואָס ער טראָגט אויפן האַרצן.

— האָט אייך אַ שוואַרץ יאָר! נאַט אייך דאָס זעקעלע — וואַרפט ער עס אַראָפּ פון האַלדז. 20 רובל דערינען, די צווייטע העלפט פון חודש. אָבער באַלד כאַפּט ער זיך צוריק, דער סוחר האָט זיך דערוועקט אין אים:

— נאָר איר זאָלט עס מיר צוריקגעבן, אַז נישט וועל איך נישט האָבן אויף דער צווייטער וואָך אויף אַ מיטאָג.

— צוריקגעבן, צוריקגעבן, ווי עס זאָרגט דאָס אויף מיטאָג צו פרעסן. — קום, קום — שלעפּן זיי מיך.

— איך וועל נישט פאָרן, איך וויל נישט זען — אַמפּער איך מיך.

— אָבער וועסט זען, ווי ראָמאַנטיש דאָס וועט אויסזען — פאַנטאַזירט „ביוסטשיק“. — מיר קומען ביינאַכט אָן, און מיר קלאַפּן אָן אין דעם אייזערנעם טויער פון דעם שלאָס פון דיין געליבטע.

— פאַרשלאָפענע בת־מלכה, עפן אונדז! — רופט „ביוסטשיק“ מיט אַ מוראדיק קול.

— ווער איז דאָרט? — ציט גרינבערג מיט אַ ווייבלעכער שטימע.

— דיין פאַרלאָזענער באַשערטער איז צוריקגעקומען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין דער גאַנצער וועלט, און קלאַפּט יעצט אָן אויף דעם טויער פון דיין שלאָס — עפן אים, ער וויל דיך פון שלאָף אויפקושן.

— כאַ—כאַ—כאַ! וועט דאָס זיין ראָמאַנטיש — קום, קום, גרינבערג, האָב נישט קיין מורא, וועסט האָבן וואָס צו פרעסן, דו מעגסט אַמאָל הונגערן אויך. — און איך אַמפּער מיך נאָך. און מיר אַלע דריי לויפן ווי משוגעים צו דער באַן, קויפן ברויט מיט פּרוכטן אויפן וועג, און לויפן און שרייען: „צו דער פאַרשלאָפענער בת־מלכה“, „צו דער פאַרשלאָפענער בת־מלכה“ — זי פון איר פאַרכישופטן שלאָף אויפצווועקן.

---

אין האַלבער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף אַריין, ווו מיין באַשערטע האָט געוווינט.

און די רייזע איז טאַקע געווען ראָמאַנטיש, ווי מיין חבר „ביוסטשיק“ האָט געזאָגט. די נאַכט איז געווען שוואַרץ, די פעלדער האָט מען נישט געזען, נאָר מען האָט געפילט זייער פייכטקייט, און ליכט האָבן זיך פונדערווייטנס געפינקלט. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אין מיר, איך האָב מיך

געשראָקן פֿאַר עפּעס, און האָב געהאַט דאָס געפֿיל, ווי איך וואָלט אַהיים־געפֿאָרן צו ערגעץ עפּעס אַ גאַנץ ווייטער היימאַט. נאָר וואָס איך בין געענטער אָנגעקומען אין דאָרף אַריין, אַלץ רואיקער בין איך געוואָרן. מיין פֿאַנטאַזיע האָט מיר געמאָלן די פֿאַרשידנסטע בילדער, און איך האָב געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איך קום אַהיים און וועל טרעפֿן דאָרט מיין היים. איך האָב גאַנץ קלאָר געזען אַ קליין, קליין שטיבל. ווייסע פֿאָרהענגלעך הענגען פֿאַר פֿענצטער, און ריינע צוויי בעטן שטייען מיט ווייסע ליילעכער פֿאַרדעקט, און צווישן די בעטן שטייט אַ קאָמאָד, איבער דעם קאָמאָד אַ געשטריקט טישטעך, און פֿאַרשידענע זאַכן שטייען אָנגעשטעלט אויף אים — אונדזער דרשה־געשאַנק, און דאָרט ביי דער קאָמאָד שטייט זי. איך האָב זי איצט באַשיינפּערלעך געזען, גאַנץ קלאָר, אַ יידיש ווייבל. די האָר פֿאַרקעמט גלאַט, מיט אַ שרונט, און אויגן קלאָרע, שיינע, און רעדט אין דער שטיל. זי לויפֿט מיר נישט אַנטקעגן, נאָר זי וואַרט אויף מיר. זי וואַרט אויף מיר אין דער שטיל, און ווערט גאָרנישט דער־שטוינט ביי מיין אַריינקומען — נאָר פֿילט זיך טיף גליקלעך. און קוים, קוים וואָס מען דערקענט איר גליק אין איר. טיף איז עס באַהאַלטן אין איר. נאָר אין איר שטימע הערט מען עס. זי רופֿט אין דער צווייטער שטוב אַריין: „מאַמע, מאַמע, שלום איז געקומען!“ און גרייט דעם טיש פֿאַר מיר. זי אַליין מיט אירע לאַנגע ווייסע איידעלע הענט.

— אָט זענען מיר פֿאַר דעם טויער פֿון דיין פֿאַרכישופֿטן שלאָס — רופֿט אויס „בויסטשיק“, וואָס איז ביז איצט שטיל געווען.

מיט שרעק כאַפּ איך מיך אויף. איך זע פֿאַר מיר די דריי ווינט־מילן, וואָס שטייען ווי שוואַרצע שומרים אויפֿן בערגל און שניידן זיך שאַרף מיט זייערע סילועטן אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט, אַ שטילער רויש הערט זיך פֿון פֿעלד, און פֿאַר אונדז שימערן אייניקע ליכטלעך.

מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר שטאַרקער.

— אָט זענען די שוואַרצע שומרים פֿון דיין כלהס פּאַלאַץ — לאַכט „בויסטשיק“.

— וווּ צופֿירן?

— צום מילנער־ייד.

— אָט שטייען מיר דאָך שוין פֿאַר דעם טויער — זאָגט דער גוי.

— איז טאַקע אויך דאָ די קרעטשמע פֿון דאָרף — לייגט ער צו.

פֿון צוגעמאַכטן לאָדן שימערט אַרויס אַ ליכט. אַ באַנק שטייט פֿאַר דער טיר, טעלער אָנגעשטעלט, איך זעץ מיך אויף דער באַנק.

— נו, קלאַפּ אָן צו דיין בת־מלכּה — רופט „ביוסטשיק“ אויס און מאַכט נאָך מיט אַ ווייבערישער שטימע:

— קעניגין, פאַרשלאָפענע קעניגין, דיין ריטער שטייט פאַר דיין טיר.

נאָך דאָס, זעט זיך אויס, האָט אפילו גרינבערג פאַרדראָסן און ער רופט זיך אָפּ:

— שווייג, שווייג, זע, ער ליידט דאָך!

נאָך דער פויער קלאַפּט שוין אין טויער:

— העי, ייד, עפן אויף! הערן זענען געקומען.

און באַלד שטאַרט אַ קאָפּ אַרויס דורכן לאָדן, און עס הערט זיך אַ שטימע:

— ווער איז דאָרט?

ליכטיק ווערט. מיינע פיס ברעכן זיך אונטער מיר. מען פירט מיך ערגעץ ווו אַריין, איך האָב גאָרנישט נישט געזען, נאָר אַ ליימענע פּאָדלאָגע. רויטע ציגל ביי דער טיר, אַ לאָך איז דאָרט ערגעץ־ווו געווען, און אַ פינצטערער טומאַן אַרום. נאָר אַ קליין לעמפּעלע האָט געלויכטן אויפן אויוון. יאָ, אַ קינד האָט געוויינט אין אַ צווייטער שטוב...

„ביוסטשיק“ רעדט דאָס מיט וועמען — איך זע נישט קיין מענטש, נאָר אַ ווייסן פלעק פון כאַלאַט, עס מוז זיין אַ יונגערמאַן, וואָרום אַ שוואַרצע באָרד ווייזט זיך פון כאַלאַט אַרויס.

און באַלד דערויף ווייזט זיך אַ פרויען־קאָפּ פון אַ צווייטער שטוב אין אַ ווייסער הויב אָנגעטאָן.

איך הער נאָך גרינבערגס קול:

— קאָן מען עפּעס קריגן צו עסן?

— אוודאי. — פרעמדע, שרהלע, שרהלע! — רופט ווער אין דעם צווייטן צימער.

איצט ווייזט זיך שוין דאָס פרויענצימער אינגאַנצן, אַ ברוינע יאַקע אַרויפגעוואָרפן און דער קאָפּ מיט אַ טוך פאַרדעקט, לויפט געשווינד פאַר־ביי פאַר אונדז, גייט צו צו דער קיך, און האַקט האָלץ.

דאָס קינד וויינט אין צווייטן צימער.

עס הערט זיך דער יידענעס קול פון הינטער דעם טוך, האָלץ האַקנדיק:

— וואָס שטייסטו? דאָס קינד וויינט דאָך.

דער װײַסער כאַלאַט װערט פֿאַרשװוּנדן אין צװײטן צימער. מען הערט װי ער שטילט דאָס קינד איין.

— לאַ—לאַ—לאַ, שװײַג, שװײַג.

— װי הײסט דײַן טאַטע? — פֿרעגט מיך װער.

אָן צו קלערן, װאַרף איך אַ װאָרט — יצחק זשאַכלינער.

און באַלד דערױף הער איך „ביוסטשיקס" פֿראַגע, װי ער שטעלט דער ייִדענע:

— װי לאַנג זענט איר שױן פֿאַרהײראַטעט?

— אַכט יאָר — ענטפֿערט אָפּ דער פֿרױס שטימע פֿון הינטער דעם טוך.

און פּלוצלונג װי אַ דונער װאָלט אױסגעבראָכן:

— איהנען האָט מען אַמאָל געערעדט אַ שידוך מיט יצחק זשאַכלינערס אַ זון פֿון פּיאָנטקע, װען זי זענען אַ כּלה־מײדל געװען — װאָס, ניין?

— פֿון װאַנען װײסן זי דאָס? — װײזט זיך דער ייִדענעס פּנים אַרױס פֿון הינטער דעם טוך, און איך האָב געזען אַ שמײכל, װי עס פֿאַרקרימט איר אױבערשטע ליפּ, און װײזט אַרױס אירע שװאַרצע צײן...

„שװאַרצע צײן" — דאָס האָב איך צוממײסטנס געזען פֿון איר געזיכט, און דער שמײכל װאָס פֿאַרקרימט איר ליפּ.

איך בין אַרױס פֿאַר דער טיר, די נאַכט איז שװאַרץ געװען און די ערד איז פֿײַכט געװען, און איך בין װײט, װײט אין דער נאַכט אין פֿעלד געגאַנגען.

איך געדענק נישט מער װעגן װאָס איך האָב געקלערט, װעגן װאָס איך האָב געטראַכט — נאָר אַ שמײכל אױף שװאַרצע צײן, דאָס אײנע איז מיר איבערגעבליבן אין מײַן געדאַנק פֿון מײַן שענסטער ליבע.

# א חנדעלע

— וואָס איז? — וואָס ווילט איר? — איר האָט דען חתונה מיט איר? — איך, איך, איך! — האָט דער יונג געשריגן הויך און בייז.

— אָבער זע — האָט נאָך געפּרוווט די מוטער מיִגנהן.

— וואָס ווילסטו פון אים? — ער האָט דאָך רעכט — האָט דער עלטערער ברודער גדליה צו דער מוטער געזאָגט. — אַז ער וויל זיך דווקא אַ שוואַרץ יאָר אויסריכטן, וואָס ווילסטו פון אים?

דער יונג בערל איז האַסטיק פון שטוב אַרויס און האָט האַסטיק צוגעהאַקט די טיר הינטער זיך.

— און וואָס וועסטו טאָן, אז ער וועט זיך גאָר אינגאַנצן פון שטוב אַרויסציען, די פּרנסה נישט אַהיימברענגען — קאָנסט עפּעס רעדן מיט אים? — ער איז דאָך דער גאַנצער פּרנסה־געבער — האָט די מוטער צום עלטערן ברודער געזאָגט, נאָך בערלס אַרויסגיין.

דער יונג, וועלכער האָט געהאַט די שטוב פאַרלאָזן, האָט זיך נאָך אַ קליינע ווײַלע אַרומגעדרייט אין געסל, און געשלאָגן זיך מיט דער דעה, וווּ ער זאָל גיין. ער איז געווען אויפגערעגט פון דעם געשפּרעך מיט די עלטערן. ער האָט איניקע מינוטן אָנגעטראָטן אויפן וועג, נישט זעענדיק, און האָט אַלץ געטענהט צו זיך: וואָס ווילן זיי? וואָס ווילן זיי?

אַז עס איז אַ ביסל טונקעלער געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגעקערט אין אַן עק ליקל, צווישן צוויי גאַסן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר א גאניקל, וואָס איז דאָרט געווען אין א קליין הייזל, געביסן די ליפּן און געקלערט וועגן עפּעס. באַלד האָט זיך פון פענצטערל, וואָס איז איבערן גאניקל, געוויזן אַ מיידלש קעפּל, צוויי שוואַרצע קאקעטע אויגן האָבן אים צוגעוונקען פון א בלייך קליין געזיכטל אַרויס, און א דין קולכל האָט צו אים גערופן:

— וואָס שטייסטו אין דרויסן, בערל?

בערל איז צוגעגאַנגען ביזלעך, נאָך אויפגערעגט — כאָטש אויף

זיינע גראָבע ליפּן פון זיין ברייט רויט געזיכט האָט זיך געוויזן א געלעכ־טערל, און זיינע שוואַרצע גרויסע אויגן האָבן צוגעלויכטן צו איר — ער האָט פּאַר גדולה די ציין געוויזן.

— דער טאַטע איז דאָ?

— ניין, ער איז געגאַנגען אין גאַס. קום אַריין!

בערל איז ארויף אויפן גאַניקל. זי איז אים געקומען אנטקעגן ביי דער טיר פון גאַניקל, איז געווען אין אַ לייכט טיכל איינגעוויקלט, וואָרום עס איז געווען פרילינג. און איצט האָט מען געזען די אומגאַטירלעכע רויטע ליפּן אירע, וועלכע זענען זייער דין געווען — און אַז זי האָט גערעדט, האָט זי געוויזן אירע ציין, וועלכע זענען געווען וויים, אָבער נישט גאַנץ פול.

— עפּעס ביסטו מיר היינט צעטראָגן — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע, אין וועלכן זי האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן מיט אן ענערגישן בליק, און מען האָט אָנגעזען, אז אום אָנצושטעלן דעם ענערגישן בליק האָט דאָס דינע מיידעלע מיט די קליינע אומאנטוויקלטע גלידער און קינדערשן דינעם העלדזל אָנגעשטרענגט אַלע אירע כוחות, און עס האָט איר שוין נישט מער געסטייעט אויף דעם האַנט־דרוק, ווען זי האָט בערלען אָנגענומען ביי זיין גרויסער קרעפּטיקער האַנט, און דער האַנט־דרוק, וועלכער עס האָט געזאָלט אויסדריקן איר טיפע, שטאַרקע ליבע צו אים, איז אַרויסגעקומען זייער ווייך און שוואַך.

— אין דער היים זיך צעקריגט — האָט דער יונג אָפּגעענטפערט נאָך מיט דעם פריערדיקן געבייזער — און האָט זיך געבן איר אויפן גאַניקל אַוועקגעזעצט.

— א מינוט האָבן זיי ביידע געשוויגן, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרקוקט ערגעץ־ווו.

באַלד האָט זיך דאָס מיידל אָנגערופן:

— איבער מיר?...

דערביי איז איר בלייך פּנימל אָנגעבלאָזן געוואָרן און די נישט לויט איר וווקס אַנטוויקלטע ברוסט האָט זיך געהויבן. זי האָט מיט אירע האַלב אויסגעבראָכענע ציינדלעך די דינע ליפּ געביסן.

— עס וועט זיי גאָרנישט העלפן, לאָזן זיי שרייען, לאָזן זיי רעדן. ווען זיי וועלן נאָך עפּעס מיר זאָגן, וועל איך מיך גאָר אינגאַנצן אַרויס־ציען פון זיי, גאָר אינגאַנצן — האָט דער יונג מיט אַ הויכער שטימע געזאָגט

— כ׳לעבן, זיי וועלן נאָך מיט דיר דעם יחוס איינריכטן — האָט די מוטער פלוצלונג די טיר פון גאַניק געעפנט. זי האָט געמוזט הינטער דער טיר דעם יונגס ווערטער הערן, און רופנדיק צום מיידל, האָט זי אין שטרענגן טאָן געזאָגט:

— אַריין, רחשע, אַריין זאָלסטו מיר גיין! מען קאָן זיך נאָך מיט דיר דעם יחוס איינריכטן.

— וואָס שרייט איר? וואָס שרייט איר? — האָט דער יונג צו דער מוטער געזאָגט — וואָס איז?

— אוודאי האָב איך מיך מיט מיין קינד נישט צו שעמען, אז עס געפעלט זיי נישט דער שידוך, דאַרף מען נישט. איך לאָז זיי פון עסק ארויס! — האָט די יידענע הויך געשריגן.

— קומט אַריין! נישט אויף דער גאַס! — האָט דער יונג אויפגערעגט געזאָגט.

זיי זענען אריין אין שטוב; אין שטוב איז האַלב טונקל געווען, און אין דער טונקלקייט איז די יידענע ערשט אַרויס אויפן קול:

— דו זאָלסט מיר לעבן. מיר האָבן געשיקט נאָך דיר? צו וואָס? זיי מיינען דאָך, אַז מיר האַלטן דיך צו, אַריינגעכאַפט פון די ראזענצווייגס א יונג און מען וויל אים דווקא חתונה מאַכן; מיין רחשע קאָן נאָך וואַרטן, נישקשה, זי האָט נישט וואָס צו איילן זיך.

— אפשר שוין גענוג — האָט דער יונג געזאָגט צו דער יידענע אין אזא טאָן, וועלכער האָט געוויזן, אַז ער איז נישט קיין פרעמדער אין דעם הויז.

— ווירקלעך, בערל, ווען דיינע עלטערן ווילן נישט, אפשר איז עס טאַקע נישט. (און צו רחשען, וועלכע איז געזעסן און האָט געוויינט, האָט זי זיך געווענדעט) — וואָס האָסטו צו וויינען, נישקשה, דו האָסט נישט וואָס צו וויינען.

דער יונג האָט געקוקט אויפן מיידל, זי האָט געהאַלטן דאָס פּנימל פאַרשטעלט אין אירעביידע הענט, און איבער איר גלאטן קאָפּ האָר, וועלכער איז געווען פאַרקעמט גלאַט מט אַ שרונט, און פונאַנדערגעפלאָכטענע צעפּ ארום דעם קאָפּ, האָט גערוט אַ געוויסער מיידלשער חן, וועלכער האָט דעם יונג גערירט, און איר גאַנצע דינע פיגור, וועלכע האָט זיך איצט אין דער טונקלקייט פון חדר אַרויסגעוויזן זייער קינדיש, איז אים זייער געפעלן און עס האָט אים אַרומגענומען זייער א וואַרעם געפיל איבער איר — און דער יונג האָט מיט די פּיס געטופּעט, די פינגער

אין מויל געבּיסן, און גערופן מיט אַ ווייכע שטימע, וועלכע קומט מער פון רחמנות־געפיל איידער פון ליבע: רחשע, הער אויף, הער אויף, געוואַלד, הער אויף — האָט ער איר געגעבן אַ טרייסל מיט די הענט, ביי וועלכן דאָס מיידל האָט זיך שיער אומגעדרייט.

זי האָט אירע הענט פון איר פּנים אַוועקגענומען און געקוקט איצט מיט אירע צוויי גרויסע אויפגעעפנטע פייכטע אויגן מיטן זעלבן אָנגעשטרענגט שטאַרקן בליק וואָס פריער. נאָר איצט, מיט אירע טרערן — האָט דער בליק דערוועקט מער מיטלייד, ווי די קאַקעטעריי, צוליב וועלכער ער איז געווען אָנגעשטרענגט. דער בליק פון די פייכטע אויגן האָט דעם יונג נאָך מער געררייצט, און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

— איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן, איך וויל דאָך חתונה האָבן, איך וויל דאָך..

— וואָס איז? — וואָס איז געשען? — האָט זיך פּלוצלונג אַ שטימע געהערט, און אַ ליכטיקייט האָט אַריינגעדרונגען דורך דער געעפנטער טיר אין טונקעלן שטיבל אַריין — דערנאָך האָט אַ ליכט פון אַן אָנגעצונדן שוועבעלע דאָס שטיבל באַלויכטן. בערל האָט דערזען די צוויי אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס זיצן אין דעם בלייכן געזיכט, אַרומגעוואַקסן מיט דעם שוואַרצן בערדל, וואָס האָט אין דער אויגנבליקלעכער ליכט־באַלויכטונג געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ געזיכט פון אַ טויטן. בערל האָט גאַנץ גוט געוווסט, ווער דאָס איז. דאָס איז געווען זייער פאָטער.

קיינער האָט נישט אָפּגעענטפערט אויף זיין פראַגע.

דער פאָטער האָט די לאָמפּ אָנגעצונדן, און איז געבליבן שטיין מיט איר אין דער האַנט.

— וואָס איז געשען? — פרעגט דער פאָטער נאָך אַמאָל.

— ווייסט נישט וואָס? די ראָזענצווייגס (די יידענע האָט אויף בערלען געוויזן) רעדן זיך איין.

— און ווער האָט דען געשיקט נאָך זיי? — ווער דאַרף זיי דען דאָ? — האָט זיך דער פאָטער אָנגעהויבן צו קאָכן, נאָר קאָכן זיך לאַנג האָט ער נישט געקאָנט, עס האָט אים באַלד געשטיקט דער הוסט, און זיין קול איז געוואָרן הויל, הייזעריק, און אומפאַרשטענדלעך.

— שטיל דיך איין, שטיל דיך איין — האָט די יידענע פון אים די לאָמפּ גענומען און אים אַוועקגעזעצט. דאָס מיידל האָט אויפגעהערט צו וויינען, איז געלאָפן, געבראַכט אַ גלאָז וואַסער, און דער יונג איז געשטאַנען דערביי, ווי מען האָט דעם פאָטער דאָס גלאָז וואַסער אין מויל

אריינגעגאַסן, און זיך די הענט געבראָכן, ביים קאָפּ זיך געריסן, און געשריגן: „וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?"

אז לייזער שפּילימער האָט זיך באַרואיקט, האָט ער זיך גלייך געשטעלט, געוואַרט א מינוט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואַרט, ביז אַלע גלידער וועלן ביי אים פּאַרטיק זיין צום דינסט, אָנגעצויגן די אָדערן אין דעם האַלדז, אין אויך ווי די טאַכטער געשמאַרקט זיך, א שטרענגען בליק פון דעם חרובדיקן פּנים מיט די אויסגעלאָשענע אויגן אַרויסצוקריגן — האָט ער צום יונג מיט אן ערנסטער שטימע געזאָגט, וועלכע איז געווען פּאַרכריפּעט (און געהערט האָט זיך, אז זי קומט נישט אַרויס פון גאַנצע לונגען — און דאָס האָט נאָך מער ערנסטקייט זיין שטימע געגעבן): — ביז די תנאים וועלן נישט זיין, וויל איך נישט, אַז דו זאָלסט זיך מיט רחשען זען — זי איז אַ מיידל, דו ביסט א יונגערמאַן — דו פאַרשטייסט, אַז עס איז גלייכער. — רחשע, אַריין אין שטוב אַריין — האָט ער דעם מיידל געוויזן אויף דער טיר פון דער צווייטער שטוב.

— אַ גוטע נאַכט — האָט דער יונג געזאָגט, און גענומען זיך שטיל אַרויסצוגיין, וואָס דאָס האָט געוויזן נאָך מער זיין אויפגערעגטקייט — און דער שאָטן פון זיינע ברייטע פּלייצעס האָט זיך איבער דער וואַנט פאַרצויגן, אַוועקגענומען אַ האַלב שטיבל, און אין זיך אריינגענומען דעם פאָטער מיט דער טאָכטער.

---

היינט זעלבן אָוונט, ווען די מוטער האָט בערלען צום טיש געגרייט — האָט ער געכאַפּט דעם טעלער מיט דער זופּ און געגעבן אַזאַ זעץ אין דרערד, אַז די קאַרטאָפלעם פון דער זופּ האָבן זיך אויפן באָלמן געזעצט.

ביי דעם יונגנס עלטערן, ביי די ראָזענצווייגס, איז דער שידוך מיט לייזער שפּילימערס טעכטערל נישט געווען בלויז אַ יחוס־פראַגע. טאַקע די ראָזענצווייגס, וועלכע האָבן זיך גערעכנט פאַר איינער פון די שענסטע משפּחות אין שטעטל, איז נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט לייזערן, אייף וועלכן עלטערע מענטשן הערציילן, אז אין זיינע יונגע יאָרן איז ער נישט געווען קיין גרויסער צדיק... דייטש, שיין געקליידעט, און צופיל מיטן שרה פון שטעטל קיין ווארשע געפאָרן, און א גאַנצער „פּייערלעשער" געווען — איז ער נישט געווען א געאייגנטער מחותן פאַר ר' יצחק ראָזענצייג, דער פרומער שטאַרקער באַלעבאָס, וועלכן אַלע איינוווינער

פון שטעטל פלעגן זאגן צום ערשט מיט כבוד „גוט מאָרגן“, ווען זיי האָבן אים באַגעגנט מיט טלית און תפילין אין בית־המדרש גיין דאַווענען. נאָר דער אַלטער יצחק איז שוין טויט געווען. עס איז איבערגעבליבן די אלמנה מיט זעקס זין, איינס גרעסער פון צווייטן, און קיין מלאכה האָט איינס נישט געהאַט געלערנט (פאר ר׳יצחק ראָזענצווייג האָט נישט געפּאַסט, אַז זיינע קינדער זאָלן באַלמעלאָכעס ווערן), און דערנאָך, אַז דאָס „געוועלב“ איז גאַס, וועלכעס האָט אָנגעהויבן שלעכט צו גיין ביי ר׳ יצחקס לעבן, האָט נאָך זיין טויט גאר שלעכטע געשעפטן געמאַכט, אַזוי אַז עס האָט נישט געקאָנט דערנערן דאָס הויזגעזינד — איז דאָס גאַנצע הויזגעזינד צעפאַלן. יעדער יונג האָט פאַר זיך געמוזט אָנהייבן צו זאָרגן, און זיי זענען זיך צעפאָרן אויף זיבן ימים: דער נאָך אַמעריקע, דער נאָך לאָדזש. דאן האָט זיך בערל אויסגעלערנט זיין א טאַפּעצירער. א שטוב האָבן זיי נאָך געהאַט, וואָס האָט געהערט צו זיי, האָט ער זיך א פּאָר מאַשינען אַריינגעשטעלט און איז געוואָרן א באַלמעלאָכע פאַר זיך. דער יונג איז פעיק געווען, א געשיקטע האַנט, האָט ער אָנגעהויבן אַליין צו מאַכן אַרבעט פאר זיך און פאַרדינען זייער שיין, און נאָך דער מאַמען צוגעהאָלפן. דורך דעם האָט מען פאַר אים דרך ארץ אין שטוב געהאַט און מורא געהאַט זיך שטאַרק קעגן אים צו שטעלן.

עס האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט דעם שפּילי־טערס מיידל, אַמאָל, א שבת, אין א גאָרטן, און ער האָט זיך איינגעליבט אין איר און אָנגעהויבן ארויפצוגיין צו זיי אין שטוב אריין.

לייזער שפּילימער, וועלכער פלעגט זיין אַן אָפטער אריינגייער ביי זיי אין הויז, ווען דער אלטער יצחק האָט נאָך געלעבט און דאָס הויז איז גע־ווען אין א מדרגה — האָט דעם יונג גוט געקענט אלס קינד, און טאַטע־מאַמע האָבן זייער גערן געקוקט, וואָס עס וועט פון אים ווערן, דער יונג איז געווען א פאַרדינער און פון איינער פון די שענסטע משפחות אין שטעטל... ביז זיין מוטער איז דערפון געוואויר געוואָרן און האָט צוגערופן איר עלטערן זון בערליהן, און זיי האָבן מיט דעם יונג געמאַכט א געוואַלד.

וואָרום, ווי געזאָגט, איז נישט געווען בלויז דער יחוס דאָ אין שפּיל, די יידענע, וועלכע האָט נאָך איר מאנס טויט נישט געהאַט שוין איין חרפּה אויסצושטיין, האָט זיך שוין געהאַט צו אלעם צוגעוווינט, די עלטע־רע יונגען האָבן אויך געטאָן שידוכים, אויף וועלכע די יידענע האָט גע־זאָגט, אַז איר מאן קאָן אין קבר נישט איינרוען, וויסנדיק ווער זיינע מחו־תנים זענען. דאָך איז ר׳ יצחק גאַנץ רואיק אין קבר איינגעלעגן און די

יונגען האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. זי וואָלט דאָ אויך שטיל געשוויגן, נאָר דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס דער יונג, וועלכער איז ארויסגעקומען פון א שטארקער, געזונטער משפחה, איז געווען הויך, ברייט און שטארק געבויט — האָט געקאָנט זיין געליבטע, וועלכע האָט אים קוים דערגרייכט צו דער ברוסט, באהאלטן אין איין ארבל זיינעם. ער האָט זיך גאָרנישט געאייגנט פאר דעם שידוך מיט דעם מיידל, וואָס איז געווען, ווי איר פאָטערס א קינד: דין, מיט ווייכע, דינע ביינדעלעך. ווי אירע, דעם מיידלס, פאָטער־מוטער האָבן זיך נישט געסטארעט זי אויסצופאשען און פעט צו מאכן, איז זיי נאָר געלונגען אָנצוהענגען אויף אירע דינע ביינדעלעך א סך פעטס, וועלכעס האָט נישט געשטימט מיט דער דינקייט פון איר האלדז און פון איר טאליע, און ווי הויך איר ברוסט איז נישט געווען אַנטוויקלט, און ארום היגטן, דאכט זיך, א שפּאר ברייט מיידל... דאָך האָט איר גאנצער אויסזען געמאכט דעם איינדרוק ווי א קליין אומאנטוויקלט קינד, וועלכעס טראָגט א הויכע ברוסט און א ברייט קליידל, נישט לויט אירע יאָרן...

דער יונג אָבער האָט דאָס נישט געזען. אויף אים האָט אַן איינדרוק געמאכט איר פּנימל, וועלכעס איז געווען פון אַ בלייכער הויט, מיט א נישט־נאטירלעכער רויטער פארב, האָט געהאט אין זיך פארבאָרגן אַ געוויסן מיידלשן חן: א קורץ, דין נעזל, וועלכעס זי האָט אויסגעשטרעקט פאָרויס מיט די אויגן, און א קליין מײַלעכל מיט דינע רויטע ליפּעלעך, וועלכע זי פלעגט בייסן פון צייט צו צייט מיט די דינע, נישט פולע ציינדלעך, אז זיי זאָלן רויט זיין. און דער עיקר די אויגן. אויגן האָט זי געהאט ברוינע, אונטער שיטערע ברעמען, וועלכע זי פלעגט צופארבן, אז זיי זאָלן מער איינדרוק מאכן, און איר גאנצע ענערגיע האָט זי אנגעשטרענגט אויף דעם בליק, אז ער זאָל ארויסקומען שטארק, ענערגיש און איינדרוקספאָל, און אַן איינדרוק האָט זי דווקא געוואָלט מאכן מיט דעם, וואָס זי האָט צומווייניקסטן געקענט, מיט איר פיזישער שטארקייט. אז זי האָט מיט וועמען גערעדט, האָט זי זיך געגעבן א שטעל אַוועק, אויפגעעפנט ברייט די אויגן, הויך געאָטעמט מיט דער ברוסט און איר געזיכט האָט אָנגענומען אַן אומנאטירלעכן באלעבן. מיט א דין קאָקעטיש שמייכעלע אויף די ליפּן איז זי געשטאנען אזוי גראציעז, האָט פון צייט צו צייט האלב די אויגן פארגלאַנצט און קאָקעטירט מיט איר הויכער ברוסט און דינע פיסלעך. נאָר לאנג האָט איר בליק נישט געקאָנט אָנהאלטן. זי פלעגט פון דער אָנגעשטרענגטקייט צו באַלעבן איר געזיכט באַלד מיד ווערן. די אייגע=

לער זענען שוין שלאָפֿן געגאַנגען, די ליפּעליער בלאַס געוואָרן, און די גלי־דערלעך זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם פיל פעטס, וואָס זי האָט גע־האָט אויף אירע דינע ביינדעלעך, און עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן די אָרעמע ירושה וואָס זי האָט פון איר פאָטער געירשנט...

דעם יונג האָט זי שוין געקענט פון לאַנג. אַלס קינדער האָבן זיי זיך געשפּילט צוזאַמען, שכנים געווען, עלטער געוואָרן, זענען זיי פרעמד גע־ווען. אַז זיי זענען דערוואַקסענע געוואָרן, האָבן זיי זיך באַגעגנט און פאַר־ליבט זיך. אַזוי ווי געזאָגט, האָט אויף דעם יונג געמאַכט אַן איינדרוק אירע חנדעלעך. אַז זי האָט גערעדט מיט אים, האָט זי העכער געהויבן די ברוסט און דער יונג האָט דערפילט אַ געשמאַק פון פאַרפום... און געקוקט אויף איר ליבלעך מיט די אויגן, און גערעדט צו אים האַלב פּויליש, גלע־גאַנטיש, און האָט ביי יעדן זאַץ אַריינגעוואָרפן דאָס וואָרט „וו'שאַק", און גערעדט מיט אים וועגן דעם טאַנץ־מייסטער, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן אין שטעטל:

— וו'שאַק פּאַן טאַנטשי?

דאָס איז אַזוי איידל געווען!

אויף דעם יונג האָבן די ווערטער אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט, און כאָטש באַלד איז איבערגעגאַנגען דער געשפּרעך אויף יידיש, דאָך, דאָס וואָרט „פּאַן", וועלכן זי האָט אים געזאָגט אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט איבערגעלאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן אָנדענק אויף אים.

און אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווען ער איז מיט רחשען אין שטאָט־פּאַרק שפּאַצירן געגאַנגען, און איר פון געריטנער אַ „רוזשע" (אַ רויז) געקויפט, און זי האָט עס געשמעקט, איז געשפּראָכן געוואָרן פון „רוזשעס" — דאָס איז געווען אַזוי איידל, אַזוי פיין, אַזוי געבילדעט...

דער פאָטער, לייזער שפּילימער, האָט גאַנץ גוט געוווסט וואָס ער טוט, דאָס וואָס ער האָט פאַרבאָטן דעם יונג צו זען זיך מיט דער טאָכ־טער — דאָס האָט נאָך מער געריצט זיין ליבע. זי האָט זיך אים פאַר־געשטעלט פיל שענער ווי ביז איצט, און דער יונג איז שיער נישט אויס־געגאַנגען פאַר בענקעניש. אַלע פאַרנאַכט האָט ער זיך געדרייט פאַרן גאַ־ניקל, הין און צוריק, און די ליפּן זיך געביסן פאַר אויפרעגונג. ער האָט זיך געשעמט פאַר די פאַרביי־גייענדיקע. אַלע האָבן אים געקענט, און אַ האַלב געסל האָט געוווסט פון דער „ליבע". פלעגט ער זיך באַהאַלטן אין אַ הויז קעגנאיבער דעם גאַניקל און אַריבערקוקן. און רחשע האָט „גע־פילט", אַז ער שטייט דאָרטן, האָט זי אַרויסגעשטעקט איר קעפּל. דער

יונג האָט דערזען אירע אויגן און דעם בליק, און דאָס שטילע חנעוודיקע שמייכעלע, וועלכעס האָט געלויכטן איבער אירע ליפּעלעך, און די בלייכע, ראָזע קאָלירטע בעקעלעך — און דאָס אַלעס האָט אַהין געלויכטן צו אים, און אויף דעם אַלעם איז אַזאַ שיין, איידל חנדל געלעגן, אַז איבער דעם יונגס גלידער האָט זיך צעגאָסן אַ ווארעמקייט, און אַ שמייכל פון פרייד האָט זיינע גראָבע ליפּן פארקרימט און געוויזן אַ קאסטן ציינער... נאָר באלד איז דאָס קעפּל פארשווונדן געוואָרן, דאן פלעגט פון פענצטערל, וואָס איז איבער דעם גאניקל, עפּעס ארויספאלן. דער יונג פלעגט צולויפן עס אויפכאפּן. דאָס איז געווען אַ בריוול, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ פּאָר פארטריקנטע בלעטער פון אַ „רוזשע" (אַ רויז) און עס האָט זיך דאָרט געהאנדלט וועגן דעם „מאָנד" און די „שטערן" און דער אייביק „הימלישער ליבע" מיט די „ענגעלס", און דאָס איז אַזוי איידל געווען, אַזוי פיין, אַזוי געבילדעט, אַז דער יונג פלעגט שלאָפן דערמיט אַ גאנצע נאכט, און עס באדעקן מיט קושן פון זיינע ברייטע גראָבע ליפּן — וועלכע האָבן זיך גאָרנישט צוגעפּאסט צו אַזעלכע זאכן...

---

און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. אין אַ פּאָר וואָכן ארום איז די תנאים געווען און נאָך שבת נחמו די חתונה....

---

ווען בערל איז געבליבן איינער אליין מיט זיין יונג ווייבל, און ער האָט געזען ווי זי טוט זיך אויס, איז זי אים אַ ביסל מאָדנע געוואָרן — איין קליידל נאָכן צווייטן איז געפאלן פון איר, און זי איז געבליבן שטיין אַ קינד פאר אים, עפּעס מיט מאָדנע דינע פיסלעך, וועלכע האָבן זיך אים געדאכט, אַז זיי ברעכן זיך אונטער דעם דיקן פעטן קערפּערל — און ער האָט פאר עפּעס מורא געקראָגן... נאָר אירע אייגעלעך האָבן געשמייכלט, און די ליפּעלעך זענען רויט געווען — און דאָס ליכט איז געוואָרן פארלאָשן, און עס איז פינצטער געווען.

נאָר פון דעמאָלט אָן האָט דער יונג עפּעס מורא. קוקנדיק אויף דעם ווייבל ווי זי שטייט ביי דער קיך, און באוועגט זיך אהין און אהער, האָט ער מורא, אַז די דינע פיסלעך, וועלכע ער האָט אַמאָל געזען, זאָלן

זיך נישט ברעכן אונטער איר. אז ער האָט זי אַמאָל געזען פלינק גיין איבער די טרעפּן — האָט ער זיך געוווּנדערט ווי די קליינע דיקע פיסלעך קאָנען אַזוי פיל אויף זיך טראָגן, און ער האָט מורא געהאַט... און אַז ער האָט געטראַכט דעריבער, האָט ער די ליפּן געביסן.

און דאָס שטיבל, וואָס זי האָט אויפגערוימט און צונויפגעשטעלט נאָך זייער חתונה — האָט אויך אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער: דער טיש און די בענקלעך האָבן געהאַט דינע געטאָקטע פיסעלער, איידל מעבל, אַזוי, אַז דער יונג האָט מורא געהאַט זיך אָרנטלעך אַוועקצוזעצן אויף אַ בענקל, אַז עס זאָל נישט קנאַקן אונטער אים. אַלץ איז שטוב איז געווען ווי פאַר אַ קינד, און אַלץ אַזוי אויסגעשטעלט, אַז דעם יונג האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט אַראָפּפאַלן און צעבראָכן ווערן. פאַרן שפּיגל זענען געשטאַנען פאַרשידענע קליינע פאָרצעלייענע טעלערלעך, און פאָרצעלייענע גאַלאַנ־טעריע, און יעדעס מאָל, ווען דער יונג איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעלע, האָט ער עפּעס צעבראָכן...

— אויף היגער־פיסלעך שטייט דאָ אַלץ — שרייט דער יונג.

דאָס ווייבל פלעגט דאַן בלייך ווערן — אירע אויגן האָבן זיך אָנגע־צונדן, נאָר דאָס בלייך פּנימל (וואָס איז צייט נאָך דער חתונה נאָך בליי־כער און איינגעפאַלענער געוואָרן) האָט אויף דעם יונג געמאַכט אַן איינ־דרוק, און די אויגן האָבן זיך נישט אין וואָס צו האַלטן און פאַלן אַרויס פון די צוויי ביינער, און דעם יונג האָט אַ שרעק אָנגעכאַפּט, פלעגט ער די ליפּן פאַרבייסן און זיך אַליין פּאַטשן:

— איך בין אַ חזיר, אַ פּאָדליעץ — איך וועל נישט מער.

זי, אָפּגעשוואַכטערהייט, האָט זיך אויך געזעצט אויף אַ קאַנאַפּע, און האָט הויך אָפּגעאָטעמט, און אויף דעם בלייכן שטערן זענען אַנגסטן אַרויס.

דאָס האָט דעם יונג אַזוי אויפגערעגט, און דערביי האָט אים אַזאַ טיף רחמנות־געפיל אַרומגענומען איבער דעם ווייבל, אַז ער האָט זיך אויף דר׳ערד געוואָרפן און געשלאָגן זיך מיט די הענט אין פּנים אַריין: —

— רחשע, רחשע, רחשע, איך בעט דיך, הער אויף, הער אויף. און ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, און זי איז שיער געפאַלן אַריבער אים.

זי האָט אייגנטלעך נישט געוווּסט, וואָס זי זאָל אויפהערן. זי האָט זיך שוין לענגסט כמעט בארויקט, און האָט שוין לענגסט געוואָלט אויפ־הערן, נאָר די אַנגסטן זענען אַרויס אויף איר שטערן אומווייסנדיק און אומווילנדיק.

דאָס ווייבל איז אריינגעקומען אין די הויכע חדשים — איר געשטאַלט האָט אָנגענומען אן אומנאַטירלעכן אויסזען; זי איז ברייטער געווען ווי העכער — און דער יונג האָט זיך געוואונדערט, אז זי לעבט נאָך — — ער האָט זי נישט געלאָזט שטיין, ער האָט זי נישט געלאָזט גיין און נישט באוועגן זיך, און אז ער האָט זי געזען אויפהייבן זיך פון דער קאַנאַפע, ווו זי איז געלעגן גאַנצע טעג — האָט דער יונג געמאַכט אַזאַ געוואַלד, אזוי ווי עס וואָלט חלילה אן אומגליק געשען:

— רחשע, לייג זיך, געדענק אָן גאָט, לייג זיך.

און רחשע האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט. די מוטער האָט געוואַכט איבער איר גאַנצענע טעג, צום רב געלאָפן, געלאָזן מתיר זיין, אז מען זאָל איר פלייש אויף פוטער מעגן בראָטן, פון גויאישן וויינהענדלער וויין געלאָזט ברענגען, ווו עס איז נאָר געווען אין אַ שטוב אין דעם געסל אַ פריש ביסעלע יויך האָט מען רחשען געבראַכט. אַלע האָבן געוואַכט איבער איר, דער פאָטער, די מוטער און דער מאַן, יעדער איינער איז יעדע ווײַלע מיט עפעס אַנדערש געקומען און זיך געבעטן ביי רחשען: „נאר פארזוך", „נעם צו דיר", „א געזונט זאָל דיר זיין". ווער עס האָט נאָר אין געסל אַ ביסל גוט איינגעמאַכטס געהאַט, ווער נאָר אַ ביסל אַלטן וויין, האָט מען צוזאַמענגעשלעפט צו רחשען, און דו ליג רואיק, ריר דיך נישט, חלילה — „אז דו זאָלסט געזונטערהייט איבערקומען".

און רחשע איז טאַקע געלעגן אויף דער קאַנאַפע — האָט זיך נישט באַוועגן — נאָר איז וואָס אַמאָל ברייטער געוואָרן, אז דער יונג האָט זיך געוואונדערט. גאָט, ווי קאָן זיך דאָס אַלץ אויף די דינע פיסלעך האַלטן?

און דאָס חנדל אויפן פנים דווקא נישט אָפּגעלאָזט, די אייגעלעך האָבן נאָך פון צייט צו צייט אָנגעשטעלט יענעם באַקאַנטן אָנגעשטרענגטן בליק — אַזאַ בליק פלעגט זי שענקען דעם יונג, ווען ער פלעגט אַריינקומען פון דער ווערק שטעל אין זיין פאַרטעך אָנגעטאָן, און צוגיין צו איר, און פרעגן זי מיט א ציטערנדיקער שטימע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זיין שטימע זאָל איר נישט שאַדן:

— וואָס מאַכסטו, רחשע לעבן?

און זיינע אויגן האָבן געבלישטשעט און ער האָט געמאַכט צו איר אַ שמייכעלע, ער האָט זיינע ציין געוויזן, כדי צו דערפרייען — און זי האָט פון אונטער איר פנימל אויך געשיקט צו אים אַ שמייכעלע, און דאָס „חנדל" האָט זיך געוויזן אויף אירע בלייכע ליפעלעך.

דער יונג האָט איר געגלעט מיט דער האַנט איבערן רוקן. נאַ, נאַ — און געהייסן, אַז זי זאָל שטיל זיין, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דער „בליק“ און דאָס „חנדל“ זאָל פון איר נישט צופיל כוח אַוועקנעמען.

און איינמאָל איז ער אַריינגעקומען אין אַ פאַרנאַכט פון זיין ווערק־שטעל אויף די שפּיץ נעגל — איז לייכט צו צו דער קאַנאַפּע און האָט געזען ווי זי שלאָפט און זי האָט הויך און שווער אָפּגעאָטעמט. עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, אין צימער איז טונקל געווען, און איר געזיכט איז אַזוי בלייך געווען, און אירע אייגעלעך האָבן זיך באַהאַלטן טיף אונטער איר שטערן — און גרויסע טראָפּנס שווייס זענען גערונען איבערן שטערן — און די ליפּעלעך זענען געווען עפּעס מאָדנע פאַרקרימט — און די נאָזלעכער זענען ברייט געווען און הויך געאָטעמט — גאָט מיינער, אַזאַ רחמנות האָט דעם יונג אַרומגענומען איבער דעם ווייבל. דאָס פּנימל, מיט די פאַרקרימטע ליפּעלעך האָבן אים אַזוי גערירט, אַז עס האָט אים ביים האַרץ אַ נאַג געגעבן, און ער האָט זיך דאַן באַטראַכט ווי אַ גזלן, וואָס קוקט אויף זיין געשאַכטן קרבן. און אַז ער האָט געגעבן אַ קוק אויף איר ברייטקייט — האָט ער אַ שרעקלעכע גרימאַסע געמאַכט, און זיך גערופן „פּאָדליעץ“...

* * *

דאָס ווייבל איז געגאַנגען צו קינד.

דער דאָקטער אין זיין ווייסן פאַרטעך מיט די אַרויפגעקאַשערטע אַרבל איז אַרויס פון צווייטן צימער, וווּ די קימפּעטאָרין איז געלעגן, נאָך אים איז נאָכגעלאָפן בערל. דער יונג, בלייך, מיט אויפגעעפנטע אויגן און מיט מאָדנע פאַרקרימטע ליפּן, ווי ער וואָלט געוואָלט וויינען, האָט דעם דאָקטער מיט אַ געבעט אין די אויגן אָנגעקוקט.

— פּאַניע דאָקטער, פּאַניע — האָט ער אָנגעכאַפּט דעם דאָקטער ביים אַרבל.

דער דאָקטער, אַ יונגערמאַן מיט אַ שפּיציק בערדל, האָט די ברילן פון די אויגן אַראָפּגענומען, געפינקלט מיט די אויגן און געזאָגט זייער ערנסט און נערוועז:

— עס איז אַן אוממעגלעכע זאַך. דאָס קינד איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זי — איך ווייס נישט ווי אַזוי עס האָט זיך דערהאַלטן. עס מוז אַ לעבן קאָסטן, אַ לעבן קאָסטן — האָט דער דאָקטער געשריגן אויפגערעגט — ווי האָט מען עס חתונה מיט אַזאַ אומאַנטוויקלט קינד? — האָט דער דאָקטער זיך געבייזערט, קוקנדיק אויפן יונג.

— אָבער עס לעבט נאָך, דאָקטערשי? — האָט דער יונג געשריגן.
— עס לעבט נאָך אינעווייניק?
— עס לעבט נאָך! עס לעבט נאָך! — האָט דער דאָקטער גערעדט אויפגערעגט — אָבער איך ווייס נישט ווי אזוי — אוממעגלעך, סיידן עס וועט הער מוטערס לעבן קאָסטן.
— וואָס איז? ווי? ווי? — האָט לייזער שפּילימער געהעשעט, ארויסקומענדיק פון דער קימפּעטאָרינס צימער, אַ בלייכער ווי טויט, אז די נשמה האָט אים געפּאַכט פאַר דער נאָז, און מיט איין האַנט האָט ער זיך פאַרן האַרצן געהאַלטן, און האָט שווער די לופט געכאַפּט — וואָס איז דאָקטער?
— אוי, שווער לעבן, עס לעבט נאָך — האָט דער יונג געזאָגט אין אזא טאָן, אזוי ווי לאַכן און וויינען וואָלטן זיך צונויפגעמישט, און האָט געציטערט ווי אַ קליין קינד, און מיט די הענט געבעטן דעם דאָקטער פונדערהווייטנס, און דאָס פּנים זיינס האָט זיך אזוי פאַרקרימט צום שמייכל, און די טרערן האָבן זיך אים געוויזן אין די אויגן.
— אוי, דאָקטער, עס לעבט דאָך נאָך! — שווער, שווער, עס לעבט דאָך אינעווייניק.
דער שפּילימער איז געשטאַנען ווי פריער מיט די בלייכע שרעקנדיקע פראַגן אויף זיינע ליפּן און אָנגעקוקט דעם דאָקטער מיט יענעם בליק, וועלכער האָט דערמאָנט דער טאָכטערס, נאָר מיט שרעק.
— ווי מאַכט מען דאָס חתונה אַזאַ קינד פאַר אזא יונג? — ווייזט דער דאָקטער אויף דעם יונג — ווי מאַכט מען דאָס חתונה אַזאַ אומ־אַנטוויקלט קינד — זי האָט נישט געטאָרט חתונה האָבן — שרייט דער דאָקטער אויפגערעגט — נישט געטאָרט; עס וועט איר איר לעבן קאָסטן.
— וואָס? — האָט דער בלייכער ייד אזש אויסגעשריגן מיט אַזאַ געזונטן געשריי, ווי ער וואָלט אויס אַ פּאָר געזונטע ברוסטן ארויסגעקוּמען, און דאָס איז געווען אזוי אומנאַטירלעך פאַר דעם בלייכן געזיכט פון דעם יידל.
— ניין, ניין, ניין! — האָט דאָס יידל אויסגעשריגן — ווי עס וואָלט זיך עפּעס געהאַנדלט אין אַ שלעכט געשעפט, און די אויגן האָבן אים מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו בלישטשען און די הענט צו ציטערן — ניין, ניין, ניין! — האָט דאָס קליינע יידל געשריגן מיט אַן אוממענטשלעכער שטימע.
— וועט מען דאָס קינד מוזן צעשניידן, צעצווייען; קיין אַנדער עצה

איז נישטאָ, אַן אוממעגלעכע זאַך — ווי האָט מען דאָס געלאָזט חתונה האָבן? — האָט דער דאָקטער געשריגן הויך אויפגערעגט און בייז.

— אוי, געוואַלד, עס לעבט דאָך נאָך! — האָט דער יונג געברומט און טרערן זענען אים אַרויס פון די אויגן, און ער האָט געכליפּעט ווי אַ קליין קינד — עס לעבט דאָך נאָך — און ער האָט זיך געהאַקט מיטן קאָפּ אין וואַנט, און האָט די פינגער געביסן, און די האָר זיך פון קאָפּ געריסן, און געוויינט ווי א ייִנגל — עס לעבט דאָך נאָך, שווער, עס לעבט דאָך נאָך! — דאָקטערשי, דאָקטערשי!

— מיין איינציק קינד, מיין איינציקע טאָכטער, מיין איינציק קינד! — האָט דער ייד געטענהט, און קאַלטע טראָפּנס שווייס האָבן אים געגעבן אַ זעץ אַרויס אויף דעם שטערן — דאָקטער — האָט ער שוואַך אַרויס-גערעדט, און שווער אָפּגעאָטעמט, און האָט אַ פּאָר סעקונדן נישט קיין וואָרט געקאָנט רעדן.

— דאָס קינד איז אַ געזונטס, און עס לעבט — האָט דער דאָקטער פאַר זיך געזאָגט מיט א קרעכץ.

— עס לעבט נאָך! עס לעבט נאָך! — האָט דער יונג געכליפּעט.

— געוואַלד, זי חלשט, דאָקטער! — האָט די מוטער דעם קאָפּ פון דער קימפּעטאָרינס טיר אַרויסגעשטעקט — דאָקטער!

— מיין טאָכטער! מיין טאָכטער! — האָט דער שפּיליטער געגעבן אַ כאַפּ דעם דאָקטער מיט אַזאַ קראַפט, אז דער דאָקטער האָט זיך אום-געקוקט אויף אים, וווּנדערנדיק זיך פון וואַנען נעמט זיך ביי דעם יידל אַזאַ קראַפט.

ער איז אַריין נאָכן פאָטער צו דער קימפּעטאָרין.

דער יונג האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אין דר'ערד און זיך אָנגעהויבן די האָר פון קאָפּ צו רייסן, און געשריגן און געברומט מיט אַן אום-מענטשלעכער שטימע.

— מאַמע, מאַמע, עס לעבט נאָך! — האָט דער יונג אָנגעכאַפּט ווי א קינד דער מוטערס שירץ, ווען די מוטער זיינע איז אַרויס פון דער קימפּעטאָרינס צימער און זיך געאיילט פלינק מיט אַ טעפּל אין קיך אַריין — מאַמע, מאַמע לעבן — מיין קינד, איך וועל אויסגיין — עס לעבט, מאַמע, מאַמע, עס לעבט

— אוי, בערל, וואָס האָסטו געטאָן? — האָט די מוטער געוויינט און איז אַריין אין קיך מיטן טעפּל.

דער יונג האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַרויס מיט א געוויין אין

נאַם, אַרונטער אין בית־המדרש, געכאַפּט אַ תהילים, און זיך אַוועקגע־
שטעלט פאַרן עמוד, און האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, אָבער תהילים
האָט ער נישט געזאָגט, נאָר ער האָט געבליבעט מיט אַ געוויין:

— אוי, רבונו של עולם, גאָט אין הימל, טאַטע, עס לעבט דאָך נאָך!
עס לעבט דאָך נאָך.

די יידן, וועלכע זענען געווען אין בית־המדרש, האָבן געקוקט אויפן
יונג און געשאָקלט מיט די קעפּ, זאָגנדיק איינער צום צווייטן: אז עס איז
זיי שלעכט, קומען זיי אַריבער אין בית־המדרש. „ווילע יונגען", העט?

לאַנג איז ער נישט געשטאַנען. ער איז מיט דעם זעלבן געוויין אַהיים
געלאָפן. פאַר דער טיר האָט ער געטראָפן אַ קופּע ווייבער. ער האָט
אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע: „עס לעבט נאָך?" און נישט וואַרטנדיק אויף
קיין אַנטוואָרט איז ער אין שטוב אַריין. אין פאָדערצימער איז קיינער
נישט געווען — נאָר אַ שטילקייט איז געווען אַרום, און פון „דאָרט",
פון דער צוגעמאַכטער טיר האָט זיך נאָר געהערט אַ קלאַפּן פון איין
געשיר אין דער צווייטער. אַ קרעכץ פון מינוט צו מינוט. ער איז צו,
אונטערגעלייגט דאָס אויער און זיך איינגעהערט. ער האָט געהערט ווי מען
גיסט עפּעס איבער פון איין כלי אין דער צווייטער, און אַ שטיל, שטיל
קרעכצן האָט אים אויף אַזאַ געוואָרפן אַזאַ שרעק, אַז דער יונג האָט זיך גע־
געבן אַ וואָרף אין אַ ווינקל, איינגעגראָבן דאָס פּנים אין די הענט און
געבליבעט אָן איין וואָרט. אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אַ לאַנגע צייט. ער האָט
געהערט ווי די טיר עפנט זיך, און טריט לויפן איבער דער שטוב אין קיך
אַריין. מען טראָגט איבער כלים פון קיך אין שטוב. ער האָט זיך נישט
געוואָלט אומקוקן, נישט זען, נישט הערן, נאָר געבליבעט אין דער שטיל
אָן ווערטער, ביז נאָך אַ לאַנגער צייט איז די מוטער צוגעגאַנגען צו אים
און האָט אים אָנגערירט ביי דער פּלייצע:

— מעגסט זיך שוין אויפהייבן — עס איז שוין נאָך אַלעמען.

ער האָט שוין נישט געפרעגט, אויב „עס לעבט נאָך"? — ער האָט
געוווסט... נאָר נאָך אַ קליינער ווייַלע האָט ער אין דער שטיל די מוטער
געפרעגט, שעמענדיק זיך צו קוקן איר אין די אויגן:

— וואָס איז געווען, אַ יינגל?

— וואָס איז דער אונטערשיד? עס איז שוין נישטאָ — האָט די
מוטער געקרעכצט.

דער יונג האָט שוין גאָרנישט געפרעגט, נישט אויפן ווייבל, נישט

אויף קיינעם, האָט צוריקגעוואָרפן דאָס פּנים אין די הענט, און איז גע־לעגן, און האָט שוין נישט מער געכליפּעט.

באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון שטוב. מיט קיי־נעם קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט זיך איבער דעם געסל געדרייט אהין און צוריק אין דער נאַכט, און האָט עפּעס געברומט צו זיך — באַלד איז ער ווידער אין שטוב אַרייננעקומען, געטראָפן די שוויגער מיט דעם שווער, וועלכע האָבן זיך געדרייט אויף די שפּיץ נעגל, דער קראַנ־קער נישט צו שטערן. ער האָט נישט געקוקט אויף זיי, ער איז צום פענצטער און געקוקט אין דער טונקעלער נאַכט אריין.

— בערל, ווילסט נישט אַריינגיין צו איר? — רחשע האָט געפרעגט אויף דיר, זי איז געבעך אַזוי שוואַך — האָט די שוויגער געזאָגט אין א ווייַנענדיקער שטימע — ווער ווייס, אויב זי וועט שוין קאָנען איבער־טראָגן

— זי וועט שוין איבערטראָגן, שוין איבערטראָגן!

— ווילסט נישט אַריינגיין צו איר? — האָט די מוטער ווייטער גע־פרעגט.

— איך וועל שוין אריינגיין, איך וועל שוין אריינגיין — האָט דער יונג מיט אַ געבייזער געזאָגט, נישט אומדרייענדיק זיך צו איר.

דער שפּיליטער האָט צום ווייב געוונקען, אז זי זאָל אויפהערן — האָט זי אויפגעהערט.

---

דערנאָך, אַז די קראַנקע איז איינגעשלאָפן, האָבן שווער און שווי־גער אויף אַ מינוט פאַרלאָזט דאָס צימער, און בערל איז אריינגעגאַנגען צו איר. ער איז אַריינגעקומען אויף די שפּיץ נעגל, בייז און מיט א שלעכט געפיל צו איר.

אין שטיבל, וו די קראַנקע איז געלעגן איז געווען שוואַך באַלויכטן, א ליכט האָט געברענט אויפן טישל פאר איר, און דאָס געזיכט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דעם ווייסן לײַלעך איז בלייך געווען, און די האָר נאָס און צעלאָזן, די אויגן געשלאָסן, די הייטלעך איבערגעצויגן איבער דעם אויג־אפּל, האָבן אויסגעזען ווי ביי א טויב ווען מען דריקט זי ביים האַלדז... און די דינע בלייכע ליפּן האַלב אָפן, און א שטילע גרימאַסע פון צער האָט גערוט איבער איר שמייכל, און א חנדל איז געווען אויף איר

בלייך פנימל, דאָס זעלבע הנדל, וואָס האָט געלויכטן איבער אירע ליפּן דענסטמאָל אין גאָרטן — נאָר איצט האָט עס גאָרנישט געוואָלט, נאָר שוואך און אומשולדיק האָט עס געדרוט איבער איר איינגעשלאָפענעם פּנימל, ווי איבער אַ קינד, און די גרימאַסע פון צער איבער אירע ליפּן האָט עפּעס אין דער שטיל געבעטן — א רחמנות האָט עס געבעטן, ווי א טייבעלע, וואָס בייגט דאָס קעפּעלע איין, אַזוי האָט זי איר קעפּל איינגעבויגן. און דעם יונג האָט אַזאַ רחמנות אַרומגענומען אויף דעם ווייבל, אז עס האָט אים דאָס גאַנצע האַרץ צוזאַמענגעקניפּט. אירע פאַרמאַכטע אויגן האָבן איצט געקוקט אויף אים נישט מיט יענעם באַקאַנטן אָנגעשטרענגטן בליק, נאָר האָבן אויסגעדריקט אן אונטערטעניקייט, ווי א שוואך פייגעלע, וואָס בייגט דאָס קעפּל איין, און דער יונג האָט אַ געפיל געהאַט, ווי זי בייגט איר קעפּל פאַר אים איין און בעט זיך ביי אים: „פאַרלאָז מיך נישט!" „פאַרלאָז מיך נישט!" און דאָס האָט זיין האַרץ אַזוי דערוואַרעמט, אַז טרערן האָבן זיך אים געוויזן אין די אויגן, שטילע טרערן האָבן גערונען איבער זיינע באַקן, און אזא רחמנות-געפיל האָט אים ארומגענומען, אז א גרימאַסע פון צער האָבן זיינע ליפּן פאַרקרימט, און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר די געדאַנקען, וואָס ער האָט פריער געהאַט, און געזאָגט אין דער שטיל: „ניין, רחשע לעבן, ניין — איך וועל זיך מיט דיר נישט גטן — ניין, איך וועל מיט דיר שטענדיק זיין, שטענדיק, רחשע לעבן — אַלץ וועל איך טאָן פאַר דיר, אַלץ"

דאָס ווייבל האָט שוואַך די אויגן געעפנט, ווי א טייבל, וועלכעס פאַרגלייזט מיט די אויגן און האָט קוים געקרעכצט:

— בע-רל!

און זי האָט די בלייכע אוממעכטיקע האַנט פון אונטער דער קאָלדרע ארויסגעגליטשט.

דער יונג האָט זיין פנים איינגעגראָבן אין דער בלייכער האַנט, און מיט טרערן זי באַנעצט.

— שווייג, רחשע, שווייג! — איך וועל מיט דיר אייביק זיין, אייביק זיין.

דאָס ווייבל האָט די אויגן פאַרגלייזט.

# אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט

1

ר׳שמואל הוירדעס האָט באַגלייט די טאָכטער ביז צו דער טיר. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָס מיידל האָט שטיל אַראָפּגעהאַלטן די אויגן צו דער ערד, און דער קנייטש, וואָס האָט זיך פאַרקרימט איבער איר אויבערשטער ליפּ האָט אַזוי געשוויגן, אַז דער אַלטער ייד האָט, קוקנדיק אויף איר, אַראָפּגעשלונגען די ווערטער און זיך איינציקע מאָל די ברייטע האַנט איבער דער באָרד אַריבערגעצויגן און שווייגנדיק האָט ער זיך איבער דער שטוב אַרויף און אַראָפּ געדרייט.

אַז דאָס מיידל מיט איר ברודער, וועלכער האָט זי באַגלייט מיט דעם לאַמטערן, האָבן שוין געהאַט די שטוב פאַרלאָזט, האָט זיך דער אַלטער געטראַכט: רבונו של עולם, לאָז קומען פאַר דיר די שאַנד פון יונגע קינדער, וואָס טראָגן זי רואיק איבער פאַר דיין כבוד וועגן.

דאָס מיידל, וועלכעס האָט אין איר אָרעם געהאַלטן רויטן זיידן־שטאָף און נאָדלען און האַקלען מיט זילבער־פעדעם און גאָלד־פעדעם, האָט שטיל געבן איר ברודער די שמאָלע געסלעך פון דעם רוימער געטאָ דורכגעצויגן. עס איז געווען אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט און דער לאַמטערן, וואָס דער ברודער האָט געהאַלטן אין האַנט, איז מער געווען לכבוד איר — ווייל אַ כלה־מיידל טאָר נישט אַליין גיין ביינאַכט, און עס הייסט: זעט, אַ כלה־מיידל גייט — איידער דעם וועג צו באַלייכטן, וועלכער איז גענוג העל געווען פון לבנה־ליכט און לאַמטערן־שטראַלן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון די הייזער. שטיל זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען די אָקטאַוויע־אַלייע, אין וועלכער די אַלטע רוימער האָבן מיטוסן מקבל פּנים געווען נאָך זיין ירושלים־נצחון, און פון וועלכער עס האָט איצט אַרויסגעשיינט אַ שטאָלצער קרייץ מיט די העברעישע ווערטער: „הארטנעקיק פאָלק, וואָס דו טוסט אָפּקערן דיין ריקן פון גאָטס וואָרט".

כאָטש זיי האָבן שוין אַזויפיל מאָל די העברעישע ווערטער אַראָפּ=

געלעזן פון דער קיהכע און זענען ביידע שוין נישט איינמאָל געוואָרן אַריינגעשמיסן מיט דער בייטש פון די שומרים שבת נאָכמיטאָג צו הערן די דרשות פון די פּרעדיקער, דאָך האָבן, ווי אויף דעם ברודער, אַזוי אויך אויף דער שוועסטער, די העברעישע ווערטער פון קרייץ אַראָפּ געמאַכט אַ מין ווילדן איינדרוק, און אַ טיפע שרעק, אַ באַהאַלטענע שרעק איז זיי פלוצלונג באַפאַלן. שטילשווייגנדיק זענען זיי ביידע נעבן אַנאַנדער געגאַנגען, ביז זיי זענען אָנגעקומען פאַר ר׳ יוספס הויז. דער ברודער האָט נישט געוואָלט מיט־אַריינגיין; ער האָט געוווסט, אַז דרינען געפינט זיך זיין כלה, מיט וועלכער ער וואָלט זיך נישט געוואָלט טרעפן איצט, אין אַזאַ מינוט. האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון דער שוועסטער מיט אַ בלויזער „גוטע נאַכט“ און אַזוי ווי זיי זענען שווייגנדיק געגאַנגען, אַזוי האָבן זיי זיך שווייגנדיק אָפּגעשיידט.

ביי ר׳ יוספן אין דער גרויסער שטוב זענען שוין געווען פאַרזאַמלט די פאַרנעמסטע יידישע טעכטער פון דער קהילה רוים און ביי דער שיין פון קליינע אייל־לעמפּלעך האָבן זיי אויף טייערן רויטן זיידן־שטאָף מיט זילבער־פעדעם און פורפור־פעדעם אויסגעהעפט דיוואַנען.

דעם מיידלס אַריינקומען האָט נישט געמאַכט קיין אויפזען, ווי עס וואָלט אַן אַנדער מאָל דער פאַל געווען. זי האָט זיך נישט געווויטעוועט מיט אירע חברטעס; זי האָט נאָר לייכט מיטן קאָפּ געגריסט צו איר ברודערס כלה, וואָס האָט איר שוואַרצן יידיש־שפּאַנישן קאָפּ ארויפגעהויבן ביי איר אַריינקומען. שווייגנדיק האָט זי זיך, ווי אירע חברטאָרינס, צו דער אַרבעט אַנידערגעזעצט, האָט אַ קאָפּ פון אַ לייב, וועמענס פוס אירס אַ חברטע האָט געהאַט, אָנגעהויבן אויסצונייען. און שטיל איז געווען ביים אַרבעטן, ווי עס וואָלטן דאָ נישט יונגע כלה־מיידלעך געזעסן מיט יונג בלוט אין די אָדערן, און מיט יונגן ווילן אין האַרץ. נישט עס האָט אָפּגעקלונגען דאָס ריינע מיידל־לאַכן, וואָס באַגלייט אַזאַ אַרבעט, ווען דאָס כלה־מיידל העפט אויס אַ טלית־ביטל פאַר איר חתן און דאָס לאַכן מאַכט די פאַרב העלער. עס איז גיכער גלייך געווען, ווי אַלטע ווייבער וואָלטן געזעסן אין אַ מגפה־נאַכט און וואָלטן זיך תכריכים אויפגענייט — צו דעם קומענדיקן טויט.

ווארום דאָס העפטן איז געווען אַן אַרבעט פון אונטערטעניקייט און שאַנד. די יידישע כלה־מיידלעך האָבן דיוואַנען אויסגעהעפט צו באַפוצן דעם טיטוס־בויגן, וואָס מען האָט געשטעלט לכבוד טיטוסן, נאָכדעם ווי ער איז פון דער דעראָבערונג פון ירושלים צוריקגעקומען. איצ=

טער באַפּוצט מען דעם בויגן לכּבוד דער פּראָצעסיע פון דעם „הייליקן פּאָטער“, וואָס וועט מאָרגן, אין ערשטן טאָג פון קאַרנאַוואַל, דורך דעם טיטוס־בויגן דורכגיין, און מיט זיין פוס טרעטן אויפן קאָפּ פון עלטסטן רב, וואָס וועט אים אַ ספר תורה דערלאַנגען. און די מנורה מיט דעם שולחן הזהב, וואָס זענען אויסגעהאַקט אין די ווענט פון דעם בויגן, וועלן אַרויסקוקן פון די דיוואַנען, וואָס די יידישע טעכטער האָבן אויסגעהעפט, און וועלן אין דער שטיל, מיט אַ שטילער ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע מיוחסים ווי זיי זענען, איבערטראָגן זייער צער.

אַזוי זענען געזעסן די יידישע טעכטער און האָבן, נישט מיט איין וואָרט די טרויעריקע שטילקייט צו שטערן, געטאָן זייער אַרבעט.

אין דעם איז אַריינגעקומען דער אויפזעער פון דער מאָרגנדיקער צערעמאָניע און, אָן אַ וואָרט צו רעדן, איז ער צוגעגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט אָנגענומען די שטיקער און באַקוקט זיי איינס נאָכן אַנדערן.

די פּאַטערס פון די מיידלעך האָבן זיך אין דער טיר געוויזן, נישט איבערצולאָזן דעם גוי מיט יידישע טעכטער אַליין, אַזוי ווי דער דין איז. אַריינצוגיין האָבן זיי דאָך מורא געהאַט, זיי זאָלן דעם גוי נישט דערצאָרענען.

דער אויפזעער האָט איין שטיק נאָך דעם אַנדערן אויס דער האַנט געוואָרפן און, ווי עפּעס נישט קאָנענדיק מעיז פּנים זיין די מיידלעך, וואָס אין זייערע שוואַרצע זיידענע שטאָפן־קליידער און אין די פּערלען געשמיקט זענען ענלעך געווען צו געפאַנגענע פּרינצעסינס, האָט ער זיך צו די יידן געווענדעט אין דער טיר: יידן, גנבים! איר ווילט אונדז אָפּנאַרן מיטן שטאָף און פעדעם!...

און אַרויסגייענדיק האָט ער זיך צו זיי געווענדעט: וועט איר נישט מיט אַנדערע דיוואַנען דעם בויגן באַפּוצן, וועל איך לאָזן די פּרוכתן פון אייערע שולן און די העמדלעך פון אייערע ספרי־תורות אַראָפּרייסן און מיט זיי דעם בויגן אויספּוצן.

— זע, דאָס שענסטע, דאָס בעסטע — האָבן זיך טייל פון די יידן געפּרוווט ביי אים בעטן.

— ביז צום ערשטן קלאַנג פון דער פּעטערס קירכע האָט איר צייט!... — האָט ער שטרענג געזאָגט, און איז אַרויס פון דער שטוב.

די מיידלעך האָבן זייער אַרבעט אָפּגעהאַקט, און, האַלטנדיק די פעדעם אין די הענט, האָבן זיי טייל אויף דער ערד געקוקט, טייל צו די

פּאַטערס, טייל ווייט אין פענצטער אַריין, געשעמט זיך צו באַגעגענען מיט די בליקן. די פּאַטערס אויף דער שוועל פון דער טיר זענען אויך שווייגנדיק געבליבן, אַ מינוט נאָכגעדענקט. אַזוי האָבן אַלע געוואַרט אין שווייגן.

דער עלטסטער, דער באַלעבאָס פון דער וווינונג, ר׳ יוסף, האָט זיך אָפּגערופן:

— יידישע טעכטער, דער כבוד פון דער תורה איז איצט אין אייערע הענט. טוט ווי איר פאַרשטייט.

אַ מינוט האָבן נאָך די יידישע טעכטער געוואַרט.

באַלד דערויף, אָן אַ וואָרט צו רעדן, האָט זיך אויפגעהויבן דעם באַלעבאָס טאָכטער, די כלה פון לאהם ברודער, און איז מיט רואיקע טריט אין איר צימער אַריינגעגאַנגען, איר קאַסטן אויפגעעפנט, אין וועלכן עס איז געלעגן איר אויסשטייער, און האָט פון דאָרט אַרויסגענו־מען אַ שוואַרץ סאַמעט מענטל, אויסגעהעפט מיט גאָלדענע פעדעם די כותל־מערבי מיט די פיר טענענבוימער. די בלעטער פון די טענענביי־מער זענען געווען אויס מאַטע זילבער־פעדעם, באַפּוצט אַרום מיט וויינ־טרויבן־בלעטער אויס דעם זעלבן מאַטן שטאָף, און דאָ און דאָרט זע־נען אויף די בלעטער געהאַנגען טוי־טראָפּנס, אַרויפגעוואָרפן אויס אַ מאַטן זילבער־טראַץ. די אַרבעט איז געווען זייער קינצלעך און איידל אויסגעפירט. שוין דאָס דריטע יאָר, זינט זי איז אַ כלה געוואָרן, הענפּט זי אויס פאַר איר חתן אַ טלית־בייטעלע, אין וועלכן מען וועט אים דאָס ערשטע מאָל דעם טלית דערלאַנגען צו דער חופה. אַלע אירע מיידל־ חלו־מות, אַלע אירע כלה־חלומות האָט זי אַריינגעגייט מיט די פעדים אין דעם זעקל אַריין. מיט איר פרייד זענען די פאַרבן העלער געוואָרן. מיט איר טרויער זענען די פאַרבן טונקעלער געוואָרן. און גאָרנישט צו רעדן, האָט זי די חתן־מתנה, פון די כלה־הענט געהעפט, אין שטוב אַריינגע־בראַכט און שווייגנדיק אויף דעם טיש אַנידערגעלייגט.

און יעדע כלה נאָך איר איז אַהיימגעגאַנגען און פון איר קאַסטן איר חתנס־זאַק, מצה־צוועל און חופה־טוך אַרויסגענומען, אין שטוב צו ר׳ יוסף געבראַכט, און שווייגנדיק אויף דעם טיש אַנידערגעלייגט.

און די יידישע מיידלעך האָבן די טלית־זעק צוזאַמענגייט און פון דעם אַ גרויסן טעפּיך געהעפט צו באַפּוצן דעם טיטוס־בויגן, וואָס די אַל־טע רוימער האָבן לכבוד אים אויפגעשטעלט, ווען ער איז קיין רוים צו־ריקגעקומען פון דעם נצחון איבער ירושלים.

## 2.

אין דער זעלבער נאַכט האָבן זיך די שווערע טויערן פון דער הייליקער פּעטרוס־קירכע אויפגעעפנט. און דער ייד פון דער שטאָט נוצרת, וואָס איז אין גליל, איז פון זיין קרייץ אַראָפּ און די מזרח־וואַנט פון דער פּעטרוס־קירכע פאַרלאָזט. זיין וווּנד אין דער זייט און זיין קערפּער האָט ער אַרומגעהילט מיט יוספס לײלעך פון דער שטאָט ערימתא און האָט אַליין איבער די גאַסן פון רוים געוואַנדלט. קיין געלן פלעק אויף זיין רוקן, דעם צייכן פון זיינע ברידער, האָט ער נישט געטראָגן, און די שומרים האָבן אים נישט אָפּגעהאַלטן, כאָטש די טויערן פון געטאָ זענען שוין לאַנג געווען פאַרקלאַפּט און ער, אַלס ייד, האָט זיך נישט געטאָרט געפינען אויף יענער זייט געטאָ־טויער נאָך דעם לעצטן קלאַנג. רוים איז געווען באַשעפטיקט מיט מאַסקעס קלעפּן און קאָסטיומען זיך אויפגייען צום מאָרגנדיקן קאַרנאַוואַל. די רוימער האָבן נישט געזען דעם מענטשן־גאָט, וואָס האָט זייער הייליקע קירכע פאַרלאָזט, און צווישן זיי זיך אַרומגעדרייט. עס האָט זיך זיין לײלעך געבלייכט צווישן די הויכע זיילן, וואָס זענען אויפן פּעטרוס־פּלאַץ. אַליין איז ער איבער דעם אַלטן בית־המדרש פאַרבייגעגאַנגען, וואָס שטייט קעגנאיבער דעם קאָלאָסעום, ער האָט געהערט די יידנס געוויין פון אינעווייניק, ווי זיי בעטן, אַז גאָט זאָל זיי ביישטיין מאָרגן, ביי דעם ערשטן קאַרנאַוואַל־זונטיק, נישט פאַרשעמען, אַז זיי זאָלן נישט פיל חרפּות אַריבערטראָגן, און אַז דער הייליקער פאָטער, ווען ער וועט זיין פוס אויפן קאָפּ פון אַלטן רב טרעטן, זאָל דאָס ספר תורה, וואָס מען וועט אים דערלאַנגען, נישט צו דער ערד וואַרפן. ער איז פאַרביי דעם קאָלאָסעום געגאַנגען. די לבנה אַליין האָט אין דעם גרויסן שרעקלעכן טויער אַרומשפּאַצירט, נישט צו קאָנען פון אים אַרויסצוקומען. דעם ייד פון דער שטאָט נוצרת האָט זיך געדאַכט נאָך צו פאַרנעמען די רופן פון זיין נאָמען פון זיינע ערשטע גלויביקע, וואָס האָבן ראַנגלענדיק זיך מיט די חיות, אים אויסגערופן ביי דעם לעצטן זיפץ.

דער מענטשן־גאָט איז דורכגעגאַנגען דעם „אויגוסט“־טויער, וואָס שטייט ביי דעם אַריינגאַנג פון דער שטאָט רוים. אין נאַכט געהילט האָט ער דאָרט געטראָפן משיחן זיצן אויף אַ שטיין און אָנגעבונדן צו דער וואַנט ביי ביידע פיס מיט צוויי שוואַרצע שווערע קייטן. אין האַנט האַלט ער דעם שופר, דאָס קריגל אייל שטייט לעבן אים, און ער וואַרט אויף

גאָטס וואָרט, ער זאָל אים הייסן צו באַפרייונג בלאָזן. די אויגן איינגע־גראָבן אין דר'ערד, און דער שטאָלצער הויכער, שטאָלענער שטערן — ווי אַ שילד קעגנאיבער דער שרעקלעכער לאַנגער „פּיא אַפּיאַ". דער מענטשן־גאָט האָט זיך צו משיחן געווענדעט און האָט געזאָגט אַזוי:

— משיח, איך בין צו דיר געקומען. זיי מיר מוחל איבער אַלעם, וואָס זיי טוען אין מיין נאָמען.

משיח האָט דעם קאָפּ געבויגן צו דר'ערד און געשוויגן.

— צי בין איך דען נישט צו אייך געקומען? צי האָב איך דען אייך נישט ווי אַ הון, וואָס נעמט אירע יונגע הינדעלעך אונטער אירע פליגל אַרונטער — נישט געוואָלט אַרונטערנעמען? צי האָב איך דען פאַר אייך מיין בלוט נישט פאַרגאָסן אין מיין מאַמעס אויגן? צו וועמען בין איך דען געגאַנגען? אין אונדזערע בתי־מדרשים האָב איך מיך דען נישט גע־פונען? אין די שול־הויפן האָב איך מיך דען נישט אויפגעהאַלטן, און צווישן אייך און פאַר אייך מיין וואָרט פאַרשפּרייט? און ווי פון אַ קרע־ציקן האָט איר זיך פון מיר אָפּגעשיידט. און איצט זענען פרעמדע גע־קומען, דאָס לייַלעך האָבן זיי פון מיין לייב געריסן און אויף פענער עס צעשניטן. די פענער האָבן זיי אין מיין בלוט געטונקט, און מיט זיי ציען זיי אויס — טרערן און צער צווישן מיינע ברידער צו פאַרברייטן מיט מיין נאָמען אויף זייערע ליפּן. מיין וואָרט צו שלום האָבן זיי צו מלחמה פאַרדרייט, מיין וואָרט צו סליחה, האָבן זיי צו נקמה פאַרקערט. די בחו־רים פון מיין פאָלק האָבן זיי צו זייערע וועגן געשפּאַנט. און די כלות — מיינע שוועסטער — מיט שאַנד און שפּאָט האָבן זיי זייערע אויגן צו דער ערד געדריקט.

משיח האָט דעם קאָפּ געבויגן צו דער ערד און געשוויגן.

— און אויף מיין שטול האָבן זיי זיך געזעצט צו פּרעסן און צו זויפן און צו רעגירן איבער דער וועלט. זע, זיי זאָגן ווערטער אין מיין נאָמען, וואָס איך האָב זיי נישט געזאָגט, דעם טרויעריקן געמיט האָבן זיי נישט געטרייסט, די טרערן פון דעם אומגליקלעכן האָבן זיי נישט געווישט. דעם אונטערדריקטן טוען זיי נאָך מער אונטערדריקן, און דעם דערהויבענעם טוען זיי חנפענען. אָ, איר פרעמדע, ווער האָט אייך דאָס רעכט געגעבן, איר זאָלט משפּטן צווישן א ברודער און אַ ברודער? מיין ווייטיק טוט איר דאָך נישט פילן, און מיין צער טוט איר דאָך נישט פאַרשטיין.

משיח האָט דעם קאָפּ געבויגן צו דער ערד און געשוויגן.

— דאָ ביי דיר וויל איך זיצן, מיינע הענט, ווי דיינע, לאָזן זיי צו די

מזיערן קייטן. מיינע אויגן, ווי דיינע, וועל איך אין דער ערד איינגראָבן. און מיט מיינע ברידער אינאיינעם, און מיט מיינע שוועסטער אינאיינעם — שאנד און שפּאָט אריבערטראָגן, וואָרום דערווידער איז מיר זייער ליב און געזאַנג. וואָרום צו מיין האַלץ טוען זיי זיך בוקן, און מיין וואָרט האָבן זיי געטאָן פאַרגעסן. דאָ מיט דיר וויל איך וואַרטן, ביז עס וועט קומען דער טאָג פון גאָט, און דו וועסט מיט דיין שופר בלאָזן, צו פאַרזאַמלען די פעלקער הינטער דיין באַרג. און — ווי דער געטרייער שעפער זיין שאָף, אין טאָג פון היץ און וואַרעמקייט, זאַמלט פון וואַסער אויף — וועל איך מיין סמאַרע צוזאַמענעמען און וועל גאַנץ מאַכן דאָס, וואָס דער לייב האָט פארצוקט, און ווארעמען דאָס, וואָס דער ווינטער האָט פאַרקילט, און היילן דאָס, וואָס די הינט האָבן צעביסן. און ווישן וועל איך די טרערן פון אומגליקלעכן, און הייבן דעם צעבראָכענעם געמיט, ווארום דענסטמאָל וועל איך זיין מיט זיי און מיינע ווערטער וועלן לעבן אין זיי.

.3

...עס איז געקומען די צייט פון „לויפן“. די ענגע קאָרזע, וואָס שטייט מיט אירע אַלטע באַלעבאַטים — די ערנסטע הייזער — פון דור־דורות, איז געוואָרן איינגעטונקט אין אַ ים פון פערסישע היט און טערקישע מיצן. געפּאַקט זענען געווען די באַלקאָנען מיט די פאַרנעמסטע סינאָרעס און סינאָרן, וועלכע, אין ווילדע מאַסקעס און אויסגעלאַסענע קאָסטיומען, האָבן זיך מיט גרוים נייגעריקייט צוגעקוקט צום „לויפן“. פון יעדן פענצטער און באַלקאָן, ווו די רוימער־געזעלשאַפט איז געווען פארזאמלט, פון אַרקאַדאַ מיצאַנאַ איבער דער גאַנצער קאָרזע, ביז צו דער קירכע סאַן־מאַרקאָ, האָבן אַראָפּגעהאָנגען ברייטע פאַרשידן־קאָלירטע טעפּיך־בענדער, קראַנצן בלומען און זענען אַרויפגעפאַלן אויף דער מאַסע קעפּ פון דער אָנגעפילטער קאָרזע. מיט שווערלעכקייט האָבן די אויפזעער פון דעם קארנאוואל, וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין רויטע, ווילד־אינדישע פּעדעם־היט, מיט נאקעטע פיס, געקאָנט פלאַץ מאכן צווישן די מאסקעס פאַר די לויפערס. און איבער דער קארזע, איבער דעם זעלבן ארט, וואָס זענען אמאָל, פאר דער קריסטן־צייט, די שענסטע און פארנעמסטע יונגלינגען פון רוים נאַקעטערהייט געלאָפן פאַר ווילדקייט און פרייקייט פון מעטאַ צו מעטאַ, און די שענסטע יונגפרויען פון רוים האָבן זיך זיי אין

די אָרעמס געוואָרפן און געשטערט זיי — זענען היינט — פאַר די אויגן פון דעם הייליקן „פאָטער“, וועלכער איז געזעסן אין פענצטער פון דער מעטא, אין סאַן־מאַרקאָס קירכע — געלאָפן אַכט גרייז־גרויע יידן, געיאָגט פון קאַרנאַוואַל־זעלנער אויף פערד און אונטערגעשמיסן מיט ריטער. די יידן, וואָס זענען נאַקעט געווען, נאָר בלויז אויף זיך לייכטע העמדער געהאַט, האָבן מיט זייערע אויסגעקרימטע פיס און פולע בייכער (ווייל מען האָט זיי פיל צום עסן געגעבן פאַרן לויפן), דאָס ווילדסטע געלעכטער אַרויסגערופן ביי די רוימער. געהעצט און געיאָגט פון די מאַסן, זענען די אַלטע יידן געלאָפן. וועלנדיק פאַרדעקן זייער טייל נאַקעט לייב, שעמענדיק זיך פאַר די פרויען, זענען זיי געפאַלן און זייערע קרומע באַוועגונגען האָבן אַרויסגערופן דאָס ווילדסטע לאַכן און די רוישנדסטע העצערייען ביי דעם אויפגערודערטן עולם. פון די פענצטער האָט מען זיי אַראָפּגעוואָרפן געשרייען און צורופן. די מאַסע האָט זיי נאָכגעיאָגט מיט האַנט־פאָכערן און רוישנדן געלעכטער, און די אַלטע יידן, געיאָגט פון די שמיץ פון די קאַרנאַוואַל־וועכטער אויף די פערד, געטרייצט פון דעם ווילד־געוואָרענעם עולם, פאַרטויבט פון רוישנדן לאַכן און געוואַלדן, זענען ווי משוגע געלאָפן. געלאָפן ווי אויס אַ שרפה, נישט ווייסנדיק פון וואַנען און וואוהין, געלאָפן ווי צעמישטע; באַגלייט מיט שפּאַס און שמיץ, זענען זיי ווי אויס זיך אַליין געלאָפן; געלאָפן ווי אין אַ חלום, נישט געזען קיין מענטש און הויז, נאָר שדים און רוחות, און לאַכן און שמיץ, ביז זיי זענען צו דער מעטא פאַר דער סאַן־מאַרקאָ אָנגעקומען... נאָך רוישט די צעהיצטע מאַסע, נאָך רופט זי זיי מיט לויטן לאַכן, און נאָך פאָכערן די טיכער פון די באַלקאָנען קעגן דעם ערשטן, וואָס איז צו צו דער מעטא. — נאָר פּלוצלונג, זעט: די הוט אַראָפּ! דער עולם פאַלט מיט די פּנימער צו דער ערד, און אַ שרעקעדיק שטילשווייגן רוט איבער די ליגנדיקע אַקסלען און די איינגעגראָבענע פּנימער אין דר'ערד. דאָ און דאָרט פאַרהאַקן זיך די פענצטער, די סינאָרעס און די סינאָרן אויף די באַלקאָנען פאַלן אויף די קני, בייגן די קעפּ; און די גאַנצע קאָרזע — ווי איין שטראָם ליגנדיקע קעפּ — און די שטילקייט, און די שרעק רוט איבער זיי.

ער, דער מענטש־גאָט, איז געווען צווישן די „לויפערס“, זייער גאָט האָבן זיי געשמיסן, זייער גאָט האָבן זיי געיאָגט. מיט זיין בלייך פּנים האָט ער זיך אומגעדרייט פון דער סאַן־מאַרקאָ־וואַנט. מיט יוספס לייַלעך פון דער שטאָט ערימתא האָט ער זיינע נאַקעטע פיס צוגעדעקט, און הויך

האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קרייץ איבער די ליגנדיקע קעפּ און איז אדורכ־געגאַנגען דורך זיי...

## .4

דער לעצטער פֿון די פֿינף האָט אין אַ פּענצטער אַריינגעקלאַפּט:

— מענטשן! אונדזערע ליגן געשאָכטן אין מיטן מאַרק... מען לויפֿט מיר נאָך... לאָזט זיך פֿאַרשטעקן...

פֿאַרשלאָסן איז געווען דעם ברודערס הויז ווי די טיר פֿונעם הייזל.

און עס האָט געבלישטשעט... און א יונגלינג־בלוט האָט אַ טויט שטאָל איז אַ לעבעדיקער האַנט געוואַרעמט...

און די זון האָט זיך אין אַ בלאָען, טונקעלן וואָלקן געהילט, איר ליכט האָט זיך דאָ און דאָרט פֿון די וואָלקן־ריס געגאָסן און באַקושט וואַסער, פֿעלד, הויז און בוים מיט הימל־ליכט. נאָר באַלד האָט דער וואָלקן זיינע ריס באַהאָפֿטן און מאַט איז געוואָרן וואַסער, פֿעלד, הויז און בוים. נאַכט איז געוואָרן איבער דעם טרויאַנאָווער הימל און איבער דער טרויאַנאָ־ווער ערד. זע די שוואַרצע האַנט, וואָס ציט שוואַרצע שלייערן פֿון אַלע עקן פֿון דער וועלט, און וואַרפֿט זי איינס אין אַנדערן אַריין, און שלעפּט זי איבער טרויאַנאָוו אַרום. שוואַרץ און נאַכט איז איבער טרויאַנאָוו; שוואַרץ און נאַכט איז איבער די הייזלעך, וואָס שטייען, טיר און לאָדן פֿאַרהאַקט, פֿון פֿאַר זונען־אונטערגאַנג ביז נאָך זיין אויפֿגאַנג, און דער טויט וווינט אין זיי. לעבעדיקער טויט און טויט לעבן, און דער מלאך־המות האָט זיין מאַנטל פֿאַרשפּרייט איבער זיי. שטייען זיי, די הייזלעך, ווי נאָך ווידוי אָפּגעזאָגט, אָנגעגרייט צו אַלעם. נאָר פֿון איין זייט זעט מען נאָך אַ רויטן ווייטן שטראַנג איבערן הימל אויף מערב־זייט, ווי אַ ראַנד פֿון אַ רויטן ווייסן פֿייערדיקן ברעג אויף אַ שוואַרצן ים. און פֿון איין עק דאָרט שטראַלן אַרויס פֿראַנק און פֿריי אין דער נאַכט אַריין ליכ־טיקע שטראַלן פֿון אַ ברענענדיקן לאָמפּ און בויערן דורך מיט שרעק די טויט־נאַכט איבער דער שטאָט. און פֿון דאָרט הערט מען אַ ווייט ווייט שפּילן פֿון אַ האַרמאָניקע, נאָר די ליכטיקע שטראַלן פֿון די פֿענצטער און די קלאַנגען פֿון דער האַרמאָניקע שרעקן מער ווי די שוואַרצע טויטע מאַכט וואָס איז אויסגעשפּרייט...

און אין פּנים אַריין פֿון שוואַרצן הימל טראָגט די טרויאַנאָווער ערד אויף זיך, אין מיטן פֿון איר שענסטן פּלאַץ פֿון איר מאַרק, איבערגעגעבן

הפקר דער נאַכט און דעם שוואַרצן שלייער, פיר טויטע לייבן אין ברודיקע וואָכעדיקע אָנגעטוערס. און איינער ליגט, אין זיין שוואַרץ בלוט געגליווערט, פאַר אַ פאַרמאַכטער טיר, הינטער דעם טרויאַנאָווער נאַכט־הימל.

און זע, ווער איז דאָס? פון וואַנען קומט דאָס די, וואָס גייט אַרויס פון דער נאַכט און פון דעם שוואַרצן, אין אירע ווייסע תכריכים, אין איר הויב אויפן קאָפּ, און אירע שבת־אויערינגלעך אין אירע אויערן? און הויך איז זי ווי אַ קעניגין, און גייט, ווי אַ משוגענע מאַמע וואָלט זי געווען. און טראָגט עפּעס אין איר ברייטער שירץ און ציט עפּעס פון איר ברייטער שירץ אַרויס. זע: שטיקער צעריסענע ספרי־תורות, שטיקער צעריסענע טליתים, שטיקער צעריסענע פּרוכתער, און גייט, גייט אַ לאַנגע, לאַנגע פלאַכטע, און רעדט שטיל און שמייכלענדיק צו זיך.

...מיינע קינדער האָבן זיי מיר געטויט, האָבן זייערע לייבער אין די גאַסן געוואָרפן. כ'האָב מורא, די פייגל זאָלן מיר זיי נישט אויפעסן, מי איך מיר! לייכעבער נייען, לייכעבער נייען... גיט מיר שטיקער ספרי־תורות, גיט מיר צעריסענע פּרוכתער, גיט מיר טליתים, גיט מיר... גיט מיר... איך מוז דאָך לייכעבער נייען, לייכעבער נייען. מיינע קינדערס לייבער צודעקן. כ'האָב דאָך מורא, פייגל זאָלן זיי נישט אויפעסן...

צי איז זי נישט די, וואָס שטייט אַליין אויפן וועג קיין בית־לחם, אירע אייגענע האָבן זיך אין דער מערת המכפלה באַהאַלטן, איר מאַן מיט איר שוועסטער... האָבן זי אַליין אויפן וועג איבערגעלאָזט, אַז זי זאָל די קינדער היטן. שטייט זי יעדע נאַכט אויף און קוקט דורך די פענצטער, הורך די לאָדן אַריין, אָבער אירע קינדער טוען שלאָפן.

איז זי אַליין פון וועג וואָס פירט קיין בית־לחם אָנגעקומען, פלאַכטעס נייט זי זיך — אירע קינדערס לייבער צו פאַרדעקן.

און ווער איז די, וואָס גייט איר נאָך, אַ טריט נאָך אַ טריט? יונג איז זי, ווי אירכה אַ טאָכטער. זע, זי שטרעקט נאָך איר אירע הענט אויס, און בעט זיך ביי איר: — לאָז מיך, מאַמעשי, לאָז מיך דיר העלפן די פלאַכטעס נייען... מיין קינד האָב איך פאַר זיי צום קרבן געבראַכט... איך האָב געזען ווי דאָס בלוט רינט פון די לעבער פון זיינע הענט, פון די לעבער פון זיינע פיס, ווי זיי האָבן אים מיט די נעגל אין האַלץ געקלאַפּט, און זיין רוקן ברעכט זיך הינטער אים. און ווי ער האַלט די אויגן צום הימל געווענדעט און בעט מיט די ליפּן: „וואַסער". זיי האָבן אים אַ שוואָם אין עסיק דערלאַנגט. פרייליך בין איך געווען, מאַמע, איך האָב די טרערן אין מיר געשלונגען און פרייליך בין איך געווען. איך האָב מיך

געפֿרייט, מאַמעשי, אַז איך ברענג מיין קינד אַ קרבן פֿאַר זיי, אַ קרבן ברענג איך אים צו גאָט, פֿאַר דער וועלט, פֿאַר זיי, פֿאַר זייערע זינד, פֿאַר זייערע זינד... זע, איצט האָבן זיי מיין קינדס בלוט גענומען, און צום געלעכטער די מענטשן דערמיט די פּנימער פֿאַרשמירט... אין מיין קינדס נאָמען האָבן זיי מיינע קינדער געשאָכטן. עס זענען מיינע מתים... מיינע הרוגים... מיינע קינדער האָבן דאָס געטאָן, אין מיין קינדס נאָמען... לאָז מיך דיר העלפֿן פֿלאַכטעס נייען... מיינע מתים פֿאַרדעקן, אַז די פֿייגל פֿון הימל זאָלן זייערע לייבער נישט עסן... לאָז מיך דיר העלפֿן די פֿלאַכטעס נייען...

און די מאַמע רחל מיט איר טאָכטער מרים האָבן זיך אין מיטן מאַרק געזעצט, אין נאַכט און שוואַרצן געהילט, האָבן פֿלאַכטעס גענייט, פֿון צעריסענע ספֿרי־תּורות פֿלאַכטעס גענייט, פֿון צעריסענע טליתים, פֿון צעריסענע פּרוכתער, וואָס די מאַמע רחל האָט אין איר שירץ אויפֿגע־קליבן — און די טויטע לייבער פֿון אירע זין פֿאַרדעקט, פֿאַרשטעלט פֿון די פֿייגל פֿון הימל, און ווייט אויסגעצויגן די פֿלאַכטעס, ווייט אויך צו פֿאַרדעקן דעם איינעם זון, וואָס איז געלעגן פֿאַר דעם פֿאַרשלאָסענעם טויער, פֿאַרן הייזל.

# אינהאַלט:


די יאַטישע טאָכטער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 5
דאָס קוילער־געסל . . . . . . . . . . . . . . 24
דער יונג מיטן קינד . . . . . . . . . . . . . . . 46
עס האָט זיך נישט געלוינט . . . . . . . . . . . . . 52
א „דינה“ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 57
א פשוטע מעשה . . . . . . . . . . . . . . . . . . 63
דער חזן מיט די משוררים . . . . . . . . . . . . . 74
א יידיש קינד . . . . . . . . . . . . . . . . . . 87
גוססדיקע שטערן . . . . . . . . . . . . . . . . . 94
די מעשה מיט דער „שיינער מאַרי“ . . . . . . . . . . 99
אַ ברוגז . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 108
די משוגענע מאַמע . . . . . . . . . . . . . . . . 119
צווישן אַ וואַנט . . . . . . . . . . . . . . . . . 127
די ערשטע זאַך . . . . . . . . . . . . . . . . . 137
ערד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 142
מאָמענטן פון די פריוהייטס־טעג . . . . . . . . . . 168
מיין שענסטע ליבע . . . . . . . . . . . . . . . 192
אַ חנדעלע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 209
אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט . . . . . . . . . . . . . 226